STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06194

# KEMFER UN HITER

Abraham Bick

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הרב אברהם ביק

# קעמפער און היטער

די סאָציאַל-עטישע אידעע אין דער יידישער
רעליגיעזער ליטעראַטור און לעבן.

מיט א הקדמה
פון י. נ. שטיינבערג

ניו יאָרק הת"ש לבריאת העולם — 1940

## ווערק פון מחבר:

חזון התקופה — ניו יאָרק, התרצ"ז

גרונט־פרינציפן פון רעליגיעזן סאָציאַליזם — לאָדזש, 1938.

Copyright
by
Rabbi A. Bick
606 Pine St.
Brooklyn, N. Y.

פאַרלאַג „אַטלאַנטיק" — ניו יאָרק
געזעצט און געדרוקט אין
178

# אַנשטאָט אַ הקדמה

עס איז מערקווירדיק: אין דער גרויסער יידישער ליטעראַטור איז עד־היום ניט דערשינען קיין ערנסט ווערק פון אַ רעליגיעז־סאָציאַליסטישן כאַראַקטער. דאָס יידישע פאָלק איז פון אַלעמען אָנערקענט געוואָרן אַלס דאָס אַם־מייסטן רעליגיעזע פאָלק פון דער וועלט. די יידישע מאַסן, יעדנפאַלס די יידישע אַרבעטערשאַפט און אינטעליגענץ, האָבן זיך איבערגעגעבן מיט דער גרעסטער טריישאַפט און קרבנות־גרייטשאַפט צום סאָציאַליסטישן אידעאַל און קאַמף, פונדעסטוועגן איז גראָד צווישן זיי כמעט ניט אויפגעקומען קיין סיסטעם פון רעליגיעז־סאָציאַליסטישע אידעען אָדער אַ סאָלידע באַוועגונג אויף אַזאַ יסוד. עס איז אָבער באַקאַנט אַז עס עקזיסטירן אַ קאַטויליש־סאָציאַליסטישע און אַ פּראָטעסטאַנטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין פאַרשיידענע לענדער.

איך דערמאָן זיך ווי מאַרטין בובער, דער יידיש־רעליגיעזער דענקער פון דייטשלאַנד, האָט מיר מיט יאָרן צוריק פאָרגעשלאָגן צו גרינדן אַ יידישע רעליגיעז־סאָצ. באַוועגונג, לויט דעם מוסטער פון די ניט־יידישע. ער האָט זיך באַקלאָגט אַז ער ווערט פון די קריסטלעכע סאָציאַל־רעליגיעזע טוער שטענדיק איינגעלאַדן צו זייערע אַסיפות אַלס פּערזאָן, אָבער ניט אַלס פאַרטרעטער פון אַ גלייך באַרעכטיקטער יידישער רעל. סאָצ. באַוועגונג. פאַרוואָס איז עס אַזוי געווען?

זאָל דאָ האָבן געשפּילט אַ ראָלע די ברייטע פאַרשפּרייטונג פון מאַרקסיזם צווישן יידישע סאָציאַליסטן פון אַלע לאַגערן? יידישע אַרבעטס־מענטשן האָבן דאָך געגלויבט אין דער מאַטעריאַ־

ליסטישער לערע מיט דעם גאַנצן „רעליגיעזן" ברען פון זייערע פרומע פאָטערס און זיידעס. אָדער האָט געשפּילט אַ ראָלע דער פאַקט וואָס דער ערשטער דור יידישע סאָציאַליסטן האָט גע־מוזט ראשית־כל דורכברעכן די וואַנט פון די אייגענע באַלעבאַ־טישע און רעליגיעזע אויטאָריטעטן? אַזוי אָרום איז אַפּיקורסות, דער קאַמף קעגן דער אַלטער אמונה, געוואָרן דער גייסטיקער טויער דורך וועלכן די יונגע רעבעלן האָבן מאַרשירט צום קאַמף קעגן פּאָליטישן דעספּאָטיזם און סאָציאַלער שקלאַפערײַ.

אָבער די געזונטע רעבעליאָן פון אַמאָל קען זיך מיט דער צייט פאַרוואַנדלען אין גייסטיקן שטילשטאַנד, אויב ניט נאָך ער־גער, ווען סאָציאַליסטן בלייבן עקשנותדיק שטיין ביי זייערע דאָגמאַטישע אויסגאַנגס־פּונקטן. די היינטיקע געשיכטע פון וועלט־סאָציאַליזם האָט אַ סך ביטערעס צו דערציילן וועגן אָט דעם גייסטיקן קאָנסערוואַטיזם וואָס קליידט זיך אין דעם מלבוש פון ראַדיקאַלע אידעען. ניט אַנדערש איז עס געוואָרן אויף דער יידיש־סאָציאַליסטישער גאַס. דער פּרימיטיווער אַפּיקורסישער גייסט באַהערשט עד־היום די מוחות פון דורכשניטלעכן סאָציאַליסט. ער זעט ניט איין וויפל פרישע מאָראַלישע ענערגיע וואָלט צום יידישן פרייהייטס־קאַמף צוגעשטראָמט פון די אומדערשעפּלעכע קוואַלן פון דער יידיש רעליגיעזער פאַרגאַנגענהייט. און ער פאַרשטייט ניט אַז גוואַלטיקע יידישע מאַסן פון האַרעפּאַשניקעס וואָלטן צו־געשטראָמט צו דער יידיש־סאָציאַליסטישער פאָן, ווען מען רעדט צו זיי אין זייער פאָלקסטימלעכער שפּראַך און אַפּעלירט צו זייערע טייערסטע זעלישע מקורות.

די אָרעמקייט פון רעל.־סאָצ. דענקען ביי יידן דערקלערט זיך צום טייל אויך דערמיט וואָס פון די רעליגיעזע שיכטן פון פאָלק זיינען כמעט ניט אויפגעקומען קיין מענטשן וואָס זאָלן ברענגען מיט זיך די נייע אויסטייטשונג פון מאָדערנעם סאָציאַליזם. די דאָזיקע אויפגאַבע אָבער באַשטייט ניט אין דעם אַז מען זאָל „באַ־וויזן" מיט פּסוקים און ציטאַטן אַז די תורה, די נביאים און די

תּלמודיסטן זײַנען אויך נאָענט צום סאָציאַליסטישן געדאַנק. די רעליגיעזע אידעע ווערט דעמאָלט באַנוצט נאָר אַלס אַן אַרגומענט, ניט אַלס זעלבסטשטענדיקער קוואַל פון דער סאָצ. אַרבעט. וויכטיק וואָלט געווען — סײַ פאַרן סאָציאַליסטישן וועלט־באַנעם און סײַ פאַרן „כבוד התורה" — אַז דער רעליגיעזער־סאָציאַליסט זאָל ראשית־כּל אַרויסגיין פון יענע געדאַנקלעכע און זעלישע פּרינציפּן אויף וועלכע ער באַזירט זײַן אמונה, און אַז „סאָציאַליזם" זאָל אָרגאַניש אַרויסוואַקסן פון זיי. עס איז דערבײַ ניטאָ קיין שום מוז אַז דער יידישער רעליגיעזער ראַדיקאַל זאָל קומען צו אַזעלכע אויספירן וועלכע פּאַסן זיך אַרײַן אין די היינטיקע אָפיציעלע סאָצ. פּראָגראַמען. וואָרום עס איז זייער מעגלעך אַז דער פרייער יידישער רעליגיעזער געדאַנק וועט אַרויסברענגען אַזעלכע שטריכן פון אַ סאָציאַליסטישן סיסטעם, אַזעלכע צילן און מעטאָדן פון קאַמף וואָס זײַנען ביז איצט ניט באַמערקט געוואָרן.

די דאָזיקע פאָרשונגס־אַרבעט איז נאָך קוים געטאָן געוואָרן; אויך ניט דורך די באַוועגונגען פון הפּועל המזרחי, אָדער „דת ועבודה"; זיי זײַנען צו שטאַרק פאַרנומען מיט די ציוניסטישע און אַרבעטאָרישע פּראָגראַם־פּונקטן. דערפאַר מוז באַגריסט ווערן יעדער נייער שעפערישער שריט אויף דעם וועג.

הרב אברהם ביק האָט זיך מיט אַ טיפן מאָראַלישן ערנסט געשטעלט אויף דעם דאָזיקן וועג. ער האָט שוין אַ סך געזען אין זײַן לעבן: צוגעקוקט זיך צו דעם שווערן אָבער קעמפערישן לעבן פון יידישן אַרבעטער אין לאָדזש; אָנטייל גענומען אין דער אויפבוי־אַרבעט פון די חלוצים אין ארץ ישראל; אַרײַנגעדרונגען אין דעם קאָכעדיקן יידישן לעבן פון ניו־יאָרק. און ער איז דורכגענומען מיט ליבשאַפט און יראת־הכבוד צו דעם גײַסטיקן אוצר פון דער אייביקער יידישקייט. זײַנע זוכענישן פון דער גאולה אויפן רע־ליגיעז־סאָציאַליסטישן וועג האָבן דערפאַר אַ באַזונדערן באַדײַט. מיר הערן זיך צו אויפמערקזאַם צו זײַנע דערקלערונגען: „די יידישע רעליגיע קען ווערן די מעכטיקסטע קראַפט אין דער פאַר־

ווירקלעכונג פון אַ גערעכטן סאָציאַלן סדר". „כדי די יידישע רעליגיע זאָל קענען שפּילן אַ ראָלע אין דעם לעבן פון די יידן אין דער צוקונפט, דאַרף זי אויפגעבן די איינריידעניש געדולדיק צו וואַרטן ביז יום שכולו טוב, זי דאַרף זאָגן יאָ דער רעוואָלוציע, זי דאַרף עס מאַכן פאַר אַ מצוה מקרב צו זיין דעם קץ".

הרב א. ביק איז גערעכט ווען ער וויל צונויפקלייבן „אַלע עטישע פונקען פון תורת משה, פון תלמוד, זוהר, קבלה און חסידות" כדי צו פאַרטיפן און דערהויבן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל. איין ביישפּיל וואָס ער ברענגט פון דעם באַרימטן קאָנ־סערוואַטיוון גאון, דעם „חתם סופר", איז גענוג אויף צו באַווייזן וואָס פאַר אַ רעבעלישער גייסט עס האָט אָפּטמאָל געהערשט ביי די יידישע דענקער, מיט וואָס פאַר אַ שאַרפער קריטיק, זיי האָבן אַנטפּלעקט דעם פּנים פון דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם.

אונדזער מחבר פאַרענדיקט זיין אַריינפיר־קאַפּיטל מיט דער פאָדערונג: „די שכינה פון דער תורה דאַרף זיך באַהעפטן מיט דער שיינקייט און דעם חלום פון סאָציאַליזם, און דאָס וועט צו־גרייטן דעם באָדן פאַרן אויפשטייג פון פאָלק און מענטש". לאָמיר אים ווינטשן אַז ער זאָל אויפטאָן אַ סך אויף דעם נייעם פעלד פון יידישער אַרבעט. דערצו פאַרמאָגט ער צוויי מעלות: די עכטע רעליגיעזע התלהבות און די אײדעלע סאָציאַליסטישע ליידנשאַפט.

י. נ. שטיינבערג

לאָנדאָן, יאַנואַר 1939

# אַ פּאָר ווערטער

דער דאָזיקער ספר באַשטייט פון צוויי טייל. דער ערשטער רעדט וועגן יהדות אַלס סאָציאַל־עטישע אידעע און באַהאַנדלט דעם זעלבן ענין וואָס מיין ווערק „די גרונט־פּרינציפּן פון רעליגיעזן סאָציאַליזם" (דערשינען אין לאָדז אין 1938). דער צווייטער טייל באַשטייט פון אַ גאַלעריע פון „קעמפער און היטער" פון יהדות, און פון דאָנען דער נאָמען פונם ספר. די מערסטע פון די עסייען אין דעם טייל זיינען פריער געדרוקט געוואָרן אין צייטשריפטן.

די עסייען וועגן די „קעמפער און היטער", כאָטש זיי טראָגן אַ מאָנאָגראַפישן כאַראַקטער, פּרעטענדירן ניט צו זיין קיין ביאָגראַפיעס און מאָנאָגראַפיעס. דאָס זיינען בלויז קורצע אָפּהאַנדלונגען, מיטן צוועק צו וואַרפן אַ ליכט אויפן סאָציאַלן מאָטיוו פון די יידישע רעליגיעזע דענקער און פירער, אַ פּרואוו צו באַווייזן וויפיל עטישע שיינקייט עס איז באַהאַלטן אין קעמפערישן לעבן פון די גרויסע היטער פון דער יידישער טראַדיציע, וועמעס געדאַנקען און מעשים האָבן געוועקט צו יושר און צדק אין סאָציאַלן לעבן, און אין וועמעס הערצער ס'האָבן ניט אויפגעהערט צו קלינגען די אייביקע טענער פאַר גערעכטיקייט און פרייהייט. דאָס איז אַ פּרואוו צו באַלייכטן דעם סאָציאַלן מאָטיוו פון די גרויסע יידישע גאונים, וואָס האָבן געהיט אויף דער גרויסער קויל פון דער יידישער טראַדיציע, זי זאָל גליען און פינקלען ביזן אין־סוף, און וואָס זיינען אויך געווען גרויסע סאָציאַלע בונטאַרן, וואָס האָבן מיט זייער עטישער ליידנשאַפט און מאָראַלישן ברען געשטורעמט קעגן סאָציאַלער רשעות.

דער סימבאָל פון זייער לעבן איז קאַמף און שמירה צוזאַמען. קאַמף פאַר די גרויסע סאָציאַלע שטרעבונגען פון די אָרעמע יידישע מאַסן, קאַמף קעגן יעדער אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע, און שמירה אויף די גייסטיקע נכסים פון אַלטן עבר.

בלויז אין די אָפּהאַנדלונגען וועגן רש״י און ר׳ חסדאי קרשקש ווערט דער טראָפּ געשטעלט מערער אויף דער אויפהיטערישער זייט, כאָטש רש״י, אַלס מפרש פון יהדות, האָט נאַטירלעך אויך באַ־קרעפטיקט אירע גרויסע סאָציאַלע שטרעבונגען, און קרשקש האָט געקעמפט פאַר ריינער יהדות דער עיקרשט קעגן קריסטנטום און קעגן דעם העלעניזם, און האָט צוגעפירט די מאָראַל צו איר מקור פון אהבת השם.

די רייכע סאָציאַלע געדאַנקען און דער שיינער עטישער לעבן פון די קעמפער און היטער, זאָל דינען אַלס קוואַל פאַר דער יידישער יוגנט, צו שעפּן באַגייסטערונג און אינספּיראַציע אין קאַמף פאַרן ליכטיקערן סאָציאַלן עתיד און פאַרן רעליגיעזן רענעסאַנס.

---

דעם ספר ווידמע איך מיין טייערן פריינט, דעם שריפט־שטעלער און ליטעראַטור־קריטיקער, דעם גלוביקן יידן, אוהב תורה און ליבהאָבער פון רעליגיעז־ליטעראַרישן וואָרט—חיים ליי־בערמאַן.

**א. ב.**

**ניו־יאָרק, ערב ראש השנה הת״ש.**

**באַמערקונג:**

**די פסוקים פון תנ״ך זיינען גענומען פון יהואש׳ס איבערזעצונג.**

**דער פסוק פון קהלת — פון נפתלי גראָס חמש מגילות.**

**די איבערזעצונגען פון תלמוד און מדרשים זיינען דעם מחבר׳ס.**

# די יידישע אידעאָלאָגיע אַלס סאָציאַל־עטישע אידעע

דער קען צייכן פון יידישן גאָט־באַנעם, פון דער יידישער אמונה, לויט דער אויפפאַסונג פון דער תורה, נביאים און חז״ל, איז דער יידישער נאַציאָנאַלער מאָנאָטעאיזם. דער גלויבן אין איין גאָט און באַשעפער, איז אידענטיפיצירט געוואָרן מיטן יסוד פון צדק און יושר. „האָט פיינט שלעכטס און האָט ליב גוטס און שטעלט אויף אין טויער גערעכטיקייט" (ישעיהו).

„מען האָט דיר אָנגעזאָגט מענטש וואָס איז גוט און וואָס גאָט פאַרלאַנגט פון דיר, נאָר בלויז טאָן גערעכטיקייט און ליב האָבן גענאָד" (מיכה). מיט די און אַזעלכע רייד האָבן די נביאים גערעדט אין נאָמען פון גאָט צום פאָלק און צו דער גאַנצער מענטשהייט וועגן גערעכטיקייט. אין נאָמען פון גאָט האָבן זיי אַרויסגעבראַכט די טיפסטע און שענסטע שטראָף רייד וועגן דער סאָציאַלער אַכזריות אין זייער צייט. אין נאָמען פון גאָט האָבן אויך די נביאים געוואָגט אַרויסצוטרעטן קעגן די כוהנים מיט זייער געגנוס פון קרבנות און איבערטרעטן די געזעצן פון בין אדם לחברו. און ניט נאָר די נביאים, אויך די גייסטיקע ריזן, די בעלי־התלמוד, האָבן באַגריפן גאָט און די פאַראייניקונג פון מענטש מיט גאָט, דורך דעם עטישן יסוד. די מידות פון גוטס־קייט, גענאָד און ליבע זיינען די מיטלען זיך צו באַהעפטן מיטן כח פון אַלע כחות, מיט גאָט. „באַהעפט זיך אין זיינע מדות, ווי ער איז באַרמהאַרציק אַזוי זאָלסטו זיין, ווי ער טוט גענאָד אַזוי זאָלסטו טאָן" (סוטה י״ד א״). ניט קיין אַבסטראַקטע מעטאַ־פיזישע אידעע וועגן גאָט, נאָר קאָנקרעטע פאַרשטעלונג וועגן גאָט אַלס דעם קוואַל פון יושר, האָבן די חכמים געפאָדערט פון מענטשן, טאָן גוטס דעם מיטברודער און דערמיט באַהעפטן זיך מיט גאָט און אים דערקענען.

„ר׳ חנינא און ר׳ יוחנן האָבן ביידע געזאָגט: אַלט זייענדיק אַכט און פערציק יאָר האָט אַברהם דערקענט זיין באַשעפער און ער איז גרייט געווען מדריך צו זיין די גאַנצע וועלט צו טאָן תשובה (מדרש רבה, נח).

האָט נאָר אַברהם, דער באַגרינדער פון מאָנאָטעאיזם, דער־קענט דעם באַשעפער, איז ער שוין גרייט געווען דערציען די גאַנצע וועלט אין גאָטס גייסט, רופן זי צו טאָן תשובה.

„אָחות לנו קטנה זה אברהם שאיחה את כל באי העולם, בר קפרה אומר כאדם הזה המאחה את הקרע בבגד״ — מיר האָבן אַ קליינע שוועסטער דאָס איז אברהם וועלכער האָט פאַר־ברידערט אַלע מענטשן אין דער וועלט. דער זון פון קפרא האָט געזאָגט פונקט ווי איינער וואָס פאַרנייט ריסן אין אַ קלייד״. (מד״ר, לך לך).

אברהם אָבינו האָט אומגעקערט די וועלט צום מאָנאָטעאיזם. ער האָט אַריינגעבלאָזן אַ נייע נשמה אין דער מענטשהייט, מיט זיין גאָט־לערע האָט ער פאַרנייט די ריסן אין דער מענטשלעכער נשמה. ער האָט אומגעקערט דעם מענטשן צו זיין עטישן מקור.

די מאָדערנע גרויסע סאָציאָלאָגן האָבן געבויט אויפן עטישן מוח. נאָך באַקונין און קראָפּאָטקין פון די פאָטערס פונם מאָדערנעם אַנאַרכיזם, האָבן שוין אין אַ ריי ווערק געוואָלט באַווייזן, אַז די עטיק איז ניט קיין צופעליקער מענטשלעכער אידעאַל, נאָר זי איז פעסט איינגעפונדעוועט אין דער גאַנצער ביאָלאָגישער נאַטור פון דער וועלט. קראָפּאָטקין, זייענדיק אַ גרויסער נאַטור־פאָרשער, האָט געזוכט באַווייזן מיט מיטלען פון דער וויסנ־שאַפט, אַז שוין אין דער וועלט פון חיות עקזיסטירט קעגנזייטיקע הילף. דער אַרגומענט איז שוין דאָ ביי די תלמודישע חכמים.

„אם כסף תלוה את עמי — אַלע באַשעפענישן פון גאָט לייען איינער פון צווייטן. די זון פון דער ליכט, די ליכט פון דער זון. דער טאָג פון דער נאַכט. דער הימל פון דער ערד, די ערד פון הימל. גאָטס אַלע באַשעפענישן לייען איינער פון צווייטן

און שליסן אפמאכן צווישן זיך אן קריג און א מענטש פון פלייש און בלוט ווען ער לייט דעם צווייטן געלט, וויל ער אים איינשלינגען מיט גזילה און פראצענט". (מ"ר, משפטים).

די נאטור איז מאראליש. דער מענטש אבער מוז קעמפן צו פארעטיזירן זיין נאטור, זיך אפלערנען פון דער נאטור, נעמען א ביישפיל פון קאסמאס און שפראץ, פון דער בהמה און חיה, זייער קעגנזייטיקע הילף מוז אים דינען אלס מוסטער אין סאציאלן צוזאמענלעבן. דאס איז דער תכלית פון דער תורהדיקער סאציאלער מאראל.

## 2

„ואהבת לרעך כמוך זה כלל גדול בתורה — דו זאלסט ליב האבן דיין פריינט ווי זיך אליין, רבי עקיבא זאגט דאס איז די גרויסע פאראלגעמיינערונג פון דער תורה. בן עזאי זאגט דאס איז דער בוך פון מענטשנס געבורט איז א גרעסערע פאראלגעמיינערונג" (מ"ר בראשית).

די סאציאלע אנטוויקלונג איז די עטישע. די רעליגיעז־געטלעך מקורדיקע.

זי האט איר מקור אין דעם איין און איינציקן גאט באגריף. דער גאט באגריף אין זיין אמתער און ערלעכער אויפפאסונג איז דער סאציאל־עטישער אידעאל. ניט נאר די נביאים און תלמוד, נאר אויך דער זוהר און די גאנצע יידישע פילאזאפיע פון מיטלאלטער, קבלה און חסידות, האבן ניט אויפגעהערט צו פאדערן אין נאמען פון גאט אן עטישע שייכות צווישן די וואס טראגן אויף זיך דעם צלם אלהים און אין וועמעס געשטאלט זיי זיינען באשאפן געווארן. די יידישע גייסטער און דענקער פון די דורות האבן ניט אויפגעהערט צו לייטערן און פארטיפן דעם גאט באגריף אלס העכסטן אידעאל פון סאציאל־עקאנאמישער גערעכטיקייט.

„די פאליטיק פון די נביאים איז ניט קיין אנדערע, ווי די

וואָס מיר רופן איצט סאָציאַליזם און איר יסוד איז געווען אויס־קעמפן רעכט פאַר די אָרעמע״. (הערמאַן קאָהען, עטיק דעס ריי־נען ווילנס ז. 529).

דער גייסט פון צדק האָט באַהערשט די לעבנס שטימונג פון יידנטום און זיינע געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן. צדק דאָס איז געווען דער מאָסשטאַב מיט וועלכן דאָס יידנטום האָט געמאָסטן סאָציאַלע באַדינגונגען. די יידישע רעליגיע קען ווערן די מעכטיקסטע קראַפט אין דער פאַרווירקלעכונג פון אַ מער גערעכטן סאָציאַלן סדר. פּאַק־טיש הייבט זיך אָן די געשיכטע פון סאָציאַליסטישן געדאַנק, צו־זאַמען מיטן גלויבן אין איינציקן גאָט פון צדק, אמת און רחמים. די ערשטע קערנדלעך פון סאָציאַליזם זיינען געווען איינס מיט דעם שטאַרקסטן סאָציאַל־עטישן מאָנאָטעאיזם. נאָך ענגער האָט זיך דער סאָציאַליזם פאַראייניקט מיט דער יידישער תורה ביי די קאָמוניס־טישע איסיים. (אין דער צייט פון בית שני. זיי זיינען אין תלמוד באַצייכנט געוואָרן אַלס „חסידים הראשונים״).

די פּרוואושטיינער פון גאָט־געפיל, זיינען די סאָציאַל־עטישע אידעאַלן. די סאָציאַל־עטיק איז פאַרן יידישן גלויבן דער אויס־גאַנגס־פונקט און ענדציל. דאָס איז דער אָריגינעלער גאָט באַגעם. אויב אין נאָמען פון גאָטס עקזיסטענץ איז אויך אָפּגעטאָן געוואָרן גענוג רשעות און אכזריות, לייקנט עס נאָך ניט אָפּ, אַז דער קווינטעסענץ פון דער תורה, דער איינציקער מהות פון געטלעכ־קייט, איז געווען דער עטישער אידעאַל. אַזאַ רעליגיעזיטעט אָדער אמונה, וועלכע האָט זיך אָפּגעטיילט פון עטיק איז דאָך טאַקע פון די נביאים פאַרשריען געוואָרן, פּונקט אַזוי ווי די ירידה פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין סאָוועטן, איז אַבסאָלוט קיין באַ־ווייז ניט אַז דער סאָציאַליזם קען ניט פאַרווירקלעכט ווערן. דאָס באַווייזט נאָר אַז אין דער נשמה און הארץ פון סאָציאַליזם, האָט זיך אַריינגעכאַפּט דער שטן, אַז די קאַפּיטאַליסטישע טומאה האָט אָפּגעטויט דעם גייסט פון סאָציאַליזם און אין אים פאַרלאָשן דעם עטישן פונק, וועלכן מען מוז צוריק אויפבלאָזן. דאָס זעלבע איז

אויך מיטן קלעריקאַליזם, דעם פאַרפעלשטן רעליגיעזן געדאַנק וועל־כער איז פרעמד דער יידישער תורה דער יידישער אמונה און דעם יידישן גייסט.

ס'איז קלאָר אַז די יידישע רעליגיע קען זיין די גרעסטע טרייב־קראַפט קעגן יעדער אונטערדריקונג און דער עקספּלואַטאַציע פון מענטש דורך מענטש, און קען דינען אַלס דער איינציקער ליכטיקער וועג צום בעסערן מאָרגן. אויב די באַזע פאַרן סאָציאַלן קאַמף זאָל זיך שטיצן אויפן יסוד פון דער תורה, דעמאָלט קען דער וועג פירן צו דער מענטשלעכער דערלייזונג.

דער גרונט־טעזיס פון יידיש־סאָציאַלן משפט, פון דעם יידיש־עטישן אידעאַל, איז ניט „שלטון השכל", (געוועלטיקונג פון ראַ־ציאָ) ווי אחד העם האָט געלערנט. אויך ניט „שלטון הרגש", ווי אַנדערע האָבן געוואָלט, נאָר שלטון היושר. דער שלטון היושר קען קומען נאָר דורך אַ געזעלשאַפט באַזירט אויף עקאָנאָמישער גלייכ־הייט. דאָס איז דער תנאי מוקדם פאַר דער גייסטיקער פרייהייט.

דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער אידעאַל דאַרף עטיש פאַרטיפט ווערן און רעליגיעז דערהויבן ווערן. צוזאַמענגעקליבן דאַרפן ווערן אַלע עטישע פונקען פון תורת משה, אין איר נצחיותדיקער תוכי־קייט און אַנטוויקלונג, און דער אַנקום און די רעאַליזירונג פון סאָציאַליזם, דאַרף אויפגעוויזן ווערן פון תלמוד, זוהר, יידישע פי־לאָזאָפיע, קבלה און חסידות. תורת משה מוז אַנצינדן די הערצער פאַר אמתער דערלייזונג פון מענטש און וועלט. כדי אַנצוצינדן אין די מענטשן אַ הייליקן פייער אַ באַגייסטערונג פאַרן סאָציאַל־עטישן אידעאַל, מוז מען האַלטן אין איין פריידיקן דעם צוריקקער צו די יסודות פון ערשטן סאָציאַליזם, פון די נביאים, צום גאָט־סאָציאַליזם. מען מוז אויפדעקן פאַר דער יוגנט דעם רייכן רע־ליגיעז־עטישן אוצר און אים פאַרבינדן מיט דעם רעאַלן סאָציאַלן קאַמף.

# יידישקייט און מאַרקסיזם

דער גאולה טרוים פון יידישקייט, וואָס האָט שטענדיק געזוכט דעם תיקון אין אַלגעמיין מענטשלעכע סאָציאַלע באַוועגונגען, וועט אָפּוואַרפן די כלומרשט וויסנשאַפטלעכע גאולה פון מאַרקסיזם. די גאולה פון פּראָלעטאַרישן שטאַנד וועט ניט קומען דורך דער אימאַנענטער ממשלה פון די טויטעווירטשאַפטס־געזעצן וואָס טרייבן פון זיך צו דער קאַטאַסטראָפע פון קאַפּיטאַליזם, כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר דער גערעכטער מלוכה פון פּראָלעטאַריאַט.

דער מאַרקסיזם פּאַסט ניט אויף דעם סאָציאַליזם אַלס אידעאישע באַוועגונג, ער פאַרלייקנט אינגאַנצן דעם אינעווייניקסטן מאָראַלישן אימפּעראַטיוו פון צדק און רחמים און נעמט אָן דעם פעאָדאַל־רשעותדיקן פּרינציפּ פון מאַכט. אָט די פעטיש באַגייסטערונג פאַר דער מאַשין, האַלט אָפּ דעם פּראָלעטאַריאַט צו זיין אַ סאָלידאַריטעט־קעמפער. אָט די געצנדינערישע פאַרערונג פון דער נאַטור־וויסנשאַפט, פון די ווירטשאַפטלעכע געזעצן און עקאָנאָמישן דעטערמיניזם, אָט דער חוזק אַז דער טרייב־כח פון סאָציאַלן לעבן איז דער ווילן, איז ניט בלויז אַן עבודה זרה, אַ אַלט געצנדינערישער בלינדער גלויבן, אַ פאַטאַליזם, נאָר אַ שטערונג אויפן וועג, אַ שטרויכל, וואָס דערפירט צו אַפּאַטיע אין די רייען און צום באַנקראָט פון אידעאַל.

דער מאַרקסיזם אין גרונט גענומען האָט זיינע וואָרצלען אין דעם זעלבן באָדן פון דער מעכאַניסטיש־מאַטעריאַליסטישער וועלט אָנשויאונג, וואָס קאַפּיטאַליזם. דאָס האָט דערפירט צו זיין איצטיקער ירידה, ווייל דער סאָציאַליזם וועט פון דעם אַרבעטער בשום אופן ניט אויפגעכאַפּט ווערן סיידן נאָר ווי אַן עסכאַטאָלאָגישע בענקשאַפט, ווי אַ האָפענונג צו גאולה שלימה.

אין זיין בוך „אויף יענער זייט מאַרקסיזם״, וואו דער באַרימטער סאָציאַליסט און געלערנטער ה. דע־מאַן, ברענגט אַרויס זיינע באַרימטע אויסזעצונגען קעגן עקאָנאָמישן דעטערמיניזם און אַנטוויקלט אַן אידעאַליסטישע אויפפאַסונג פון סאָציאַליזם, שרייבט ער: „דער סאָציאַליזם, כאָטש ער איז אויסגעדריקט אין דער טרוקענער שפּראַך פון סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע, האָט געהאָלפן מיליאָנען מענטשן זיך צו באַפרייען פון זייער אינפעריאָריטי קאָמפּלעקס. אויף דער שפּראַך פון סאָציאַלער עטיק איז סאָציאַליזם אַ גלויבן, וועלכער דערהויבט מענטשן דורך דעם וואָס ער הויבט זיי אַרויס פון די ד׳אמות פון זייער אייגענעם איך, פירט זיי אין דער ריכטונג פון אינדיווידועלע צוועקן און גיט זיי אַ האָפנונג און אַ רוף צו טאַט״.

דער סאָציאַליזם ציט זיין יניקה פון משיחישן גלויבן, פון די ווייטע דורות. דער קאַמף און די האָפנונג פאַר אַ ליכטיקערן עתיד איז פאַרבונדן מיט דער יידישער גאולה אחרונה, אָבער לאָמיר בעסער געבן דאָס וואָרט דע־מאַנען אַליין:

„יעטוועדעס סאָציאַל מאַסן־שטרעבן, וועלכעס שטיצט זיך אויפן גלויבן אַז אַנשטאָט דעם מיאוסן היינט, וועט קומען אַ שענערער מאָרגן, אָפּגעפאַרבט אין אַ רעליגיעזער פאַרב, דאָס איז דאָס עסכאַטאָלאָגישע געפיל. (עסכאַטאָלאָגיע איז אַ שטימונג וואָס קומט אַרויס פון דעם קלערן און טרוימען מכח די לעצטע צילן און צוועקן פון לעבן. עסכאַטאָלאָגיע אויף גריכיש איז די לערע פון דער גאולה פון דער מענטשהייט—א. ב.) ד. ה. די בענקשאַפט צו די ימים הבאים, פון וועלכע דער יידישער משיחיזם, דער אַלטקריסטלעכער כילאַזם, מלכות שדי און דאָס אייביקע עוואַנגעליום פון מיטלאַלטער, זיינען נישט מער ווי נאָר פאַרשיידענע איינצל־פאָרמען. נו, איז געשען אַז די מאַסן גלויבן היינט אין אַ סאָציאַליסטישער צוקונפט־מלוכה וואָס וועט מאַכן אַ סוף צו אַלע סאָציאַלע ליידן און אומרעכט, טאָ איז דאָס אַ פועל־יוצא פון אַן עסכאַטאָלאָגישער האָפענונג, אָבער נים קיין ווישנשאַפט. ס׳איז נישטאָ קיין מענטשלעכע ווישנשאַפט מכח

דער צוקונפט. ס'איז דאָ נאָר אַ גלויבן אין דער צוקונפט און אַט דער גלויבן איז איינער פון די שטאַרקסטע כחות וואָס ווערן די דאָזיקע צוקונפט פאַרווירקלעכן. דער וויסנשאַפטלעכער אמת און די וויסנשאַפטלעכע שיטות קומען דעם דאָזיקן גלויבן צו הילף, נאָר דערמיט וואָס זיי ווייזן אים אָן די מעגלעכע וועגן צו זיין פאַרווירקלעכונג און פאַרוואַנדלען די אומבאַשטימטע בענקשאַפט אין אַ באַוואוסטזיניקן ווילן. דער ווילן שטאַמט פון דעם גלויבן און ציט פון אים די יניקה.

די עסכאַטאָלאָגישע שטימונג, וואָס נאָר דורך איר אַליין קען מען דערקלערן די וועלט פון די סאָציאַליסטישע געפילן און באַגריפן ווערט מעגלעך נישט אַ דאַנק דעם פשוטן סכסוך פון די מאַטעריעלע אינטערעסן. דער סאָציאַלער סדר וואָס שאַפט אָט די דאָזיקע אינטערעסן — קעגנזאַצן, מוז פריער געהאַלטן ווערן בחוש אַלס אַן אומ־מאָראַלישער אָדער אַן אומגערעכטער סדר, ערשט דעמאָלט דערשיינט דער דערוואַרטעטער נייער סדר ווי אַ פאַרווירקלעכונג פון אַ מאָראַלישן געבאָט, וואָס דאָס ווערט אָנגערופן אין דער שפּראַך פון דער קירכע דאָס צוקונפטיקע מלכות שדי, און וואָס רופט זיך אין סאָציאַליסטישער מיסטיק „די ברידערלעכקייט עפּאָכע אָדער דער שפּרונג פון נויטווענדיקייט אין דער פרייהייט אַריין". („פּסיכאָלאָגיע פון סאָציאַליזם", סאָלידאַריטעט, עסכאַטאָלאָגיע, רעליגיעזע סימבאָליק.).

דער סאָציאַליזם האָט גאָרניט געוואונען פון קלאָמערן זיך אין יענער פילאָזאָפיע, וואָס ערקלערט די וועלט נאָר אַלס אַן אויטאָמאַטישע אַנטפּלעקונג פון אַ רויער און טויטער מאַטעריע. לויט אַזאַ ערקלערונג האָט דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן קיין זין ניט און אָן אַ גלויבן אין אַ זינפולן לעבן האָט דער סאָציאַלער קאַמף קיין זין ניט.

„די פאַרזיכערונג פון מאַרקסיזם, אַז דער פּראָלעטאַרישער קלאַסן־אינטערעס אין קעגנזאַץ צום קלאַסן־אינטערעס פון דער בורזשואַזיע, וועלכע געפינט זיך שוין אויף דעם באַרג אַראָפּ פון דער

אַנטוויקלונג, פירט פון זיך אַליין צו דעם אַנוואוקס פון סאָציאַלע געפילן ווי סאָלידאַריטעט, טרייקייט צו דער זאַך, אָפּפערווייליקייט און העלדישקייט — די דאַזיקע פּאַרזיכערונג האָט געווירקט פּונקט אַזוי ווי עס מוז ווירקן יעדער אַנדער סוגעסטיע, וואָס דערציט מענטשן אין כימערישן גלויבן אַז עס איז פאַר זיי איבעריק אומאויפהערלעכע זעלבסט־קאָנטראָל, און דער אומאויפהערלעכער קאַמף קעגן עגאָאיזם, אינערציע". (ה. ר. האלסט, „דער איבערקער אינם גייסטיקן לעבן און די גייסטיקע אויפגאַבן פון סאָציאַליזם").

ביים שמאָלן בליק פון מאַרקסיזם, וואָס האָלט אַז די וועלט האָט נישט קיין זין און איז מער ניט ווי אַ בלינדער שפּיל אין די הענט פון גורל, אַ ריזיקע גיהנום מאַשין וואָס צעמאָלט יעדער לעבעדיקייט אין אירע רעדער, וועט קיין שענער לעבן ניט אויפ־געבויט ווערן.

2

יהדות וואַרפט אָפּ די מאַרקסיסטישע פילאָזאָפיע, ניט ווייל צוזאָגנדיק אַ גן־עדן אויף יענער וועלט — ווי דער מאַרקסיזם וויל איינריידן—וויל זי אַוועקרויבן ביים אָרעמאַן די וועלט. ניטאָ נאָך אַזאַ לערע ווי יהדות, וועלכע האָט געפּריידיקט אַז די פּאַרפּולקאָמונג פון לעבן קען דערגרייכט ווערן נאָר אויף דער זינדיקער ערד. ווייט און פרעמד איז יהדות אַזאַ שיטה ווי „נירוואַנאַ", אָדער דער דעוויז פון קריסטנטום: „אַנטלויף פון דער וועלט כדי דו זאָלסט דיר קענען ראַטעווען יענע וועלט". ריינע עולם־הבאדיקייט איז אפשר כאַראַקטעריסטיש פאַר אינדיווידואַליסטיש געשטימטע קריסטלעכע שיכטן. קריסטנטום האָט אויפן גרונט פון אינדיווידואַליזם געבאָטן זיך ניט צו קימערן וועגן אַזעלכע קלייניקייטן, ווי שטאַט און אָר־גאַניזירטע געזעלשאַפט. „גיב דעם קיסר וואָס ס'קומט אים כדי דו זאָלסט קענען פריי אַלץ איבעריקע אַוועקגעבן גאָט". מיט אַזאַ כאראקטעריסטישן אינדיווידואַליזם וואָס דענקט וועגן דערלייזונג אין ריין פּערזענלעכע, ניט סאָציאַלע טערמינען וועט יהדות ניט

מסכים זיין. יהדות וועט גיכער האַלטן, אַז מען קען ניט דינען גאָט אויב מען באַזייטיקט ניט דעם קיסר. מען טאָר ניט, לויט יהדות, איגנאָרירן די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע, נאָר ענדערן איר פּנים צו דער סאָציאַלער וועלט.

אַזאַ אינדיווידואַליסטישע עולם־הבאדיקייט, וועלכע דענקט וועגן גן־עדן אין טערמינען פון ריינער התבוננות און איז אינגאַנצן באַ־פרייט פון וועלטלעכע מאַטעריעלע פאָרמען, איז ניט קיין יידישער באַגריף פון גאולה. אויב אויף די איבעריקע רעליגיעס, קען אפשר מיט רעכט געזאָגט ווערן אַז זייער אספּעקט איז אינדיווידואַליסטישע מאָראַלישע השלמה (פּערפעקציאָניזם), איז דער יידישער אידעאָלאָ־גיע אַזאַ אַספּעקט ווייט פרעמד.

לויט דער תורה באַוועגט זיך דאָס מענטשלעכע לעבן אַרום צוויי ברען־פּונקטן: אַרום דעם אייגענעם איך און אַרום אַלץ וואָס געפינט זיך אויסער דעם איך. יידנטום האָט ביידע עלעמענטן, דעם יחיד און דעם כלל, געגעבן זייער פולע רעכט. לויט דער תורה הויבן זיך אָן די מענטשלעכע רעכט ערשט מיט דער געמיינדע. „לא טוב היות האדם לבדו״, עס איז ניט גוט פאַר דעם מענטשן צו לעבן אַליין.

גלייך אויף די ערשטע בלעטער פון חומש ווערן מיט גרויס פאַרנעם געשילדערט די אורשפּרונגען פון דער קולטור: דער אָנהויב פון גאָט־דינסט, פון פּראָדוקציע, מוזיק, פאַסטוכער לעבן און אַלגע־מיינע אינדוסטריע.

אַ מענטש טאָר לויטן תלמוד ניט זיין קיין צוריקגעצויגענער. דער תלמוד האָט אויסגעדריקט צופרידנהייט וועגן דערווירטשאַפט־לעכער דערלייכטערונג וואָס איז געקומען אַ דאַנק דער אַרבעט צעטיילונג.

„בן זומה האָט אַראָפּגעקוקט פון הר הבית אויף אַ מאַסע יידן און געמאַכט אַ ברכה: געלויבט איז דער חכם פון די פאַר־באָרגענישן (ברכות נ״ח א״).

„שטענדיק זאָל אַ מענטש זיין צונויפגעלייגט מיט באַשעפעניש'ן". (כתובות י"ז ב"). גיב צו די ביישפילן פון קעגנזייטיקער הילף, וואָס דער תלמוד און דער מדרש ברענגען וועגן אַרבעטס־צעטיילונג און זיי לייענען זיך ווי זיי וואָלטן געווען אַ טעקסט־בוך פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

בלויז צווישן מענטשן קען דער יחיד אויסלעבן זיך מענטשלעך. מחוץ דער געזעלשאַפט עקזיסטירט ניט קיין מאָראַל. פאַר אַן אָפּגעזונדערטן אדם עקזיסטירן ניט די עשרת הדברות. דער יחיד איז לויט יהדות אַ טייל פון אַ כלל, און כאָטש די תורה האָט אָנגעצייכנט די מאַקסימאַלסטע ליניע פון אינדיווידועלער פרייהייט, און „יעדער מענטש איז פאַרפליכטעט צו זאָגן פאַר מיר איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן" האָט זי דאָך פאַרדאַמט דאָס באַשרענקען דעם אייגענעם איך.

„דער וואָס שיידט זיך אָפּ פון זיין פאָלק, גייט נישט אויף זיינע וועגן, נעמט ניט קיין אָנטייל אין די ליידן און ווייטאָקן, כאָטש ער האָט קיין עבירה ניט געטאָן, נאָר דערמיט אַליין וואָס ער האָט זיך פון פאָלק אָפּגעשיידט האָט ער ניט קיין חלק אויף יענער וועלט". (רמב"ם, הלכות תשובה).

„הייליק זאָלט איר זיין", — די פּרשה איז געזאָגט געוואָרן אין איינזאַמלונג. (רש"י). „די קדושה וואָס די תורה פאָדערט פון ייד, איז נישט צו אַנטלויפן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט און אָפּזונדערן זיך פון דער וועלט, נאָר דוקא זיין צווישן מענטשן און זיך אינטערעסירן מיט זיי. די פּרשה איז געזאָגט געוואָרן אין איינזאַמלונג און דאָך פירן אַ הייליקן לעבן. דער קדושים תהיו דאַרף זיין בהקהל". (תורת משה פון „חתם סופר").

„שלמה האָט מתקן געווען עירובין, ווייזן אַז אַ מענטש דאַרף זיך אויסמישן מיטן חברס רשות". (ר' מענדל קאָצקער).

דער שאַרפסטער אויסדרוק קעגן עקסטרעמען אינדיווידואַליזם איז דער אַפאָריזם „אָדער אַ געזעלשאַפט אָדער דער טויט". (תענית כ"ג).

די יידישע אידעאָלאָגיע מאַכט יעדן איינעם פאַראַנטוואָרט־לעך פאַרן גאַנג פון דער וועלט און פאַרן גורל פון מיט־מענטש. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון יעדן יחיד פאַר אַנאָנימע, נאָמענלאָזע יחידים, געפינט איר העכסטן אויסדרוק אין דעם דין פון „עגלה ערופה".

אַז אַ געהרגעטער וועט געפונען ווערן ליגנדיק אין פעלד אין דעם לאַנד וואָס גאָט דיין האַר גיט דיר עס צו אַרבן, און עס איז ניט באַוואוסט ווער עס האָט אים דערשלאָגן, זאָלן אַרויסגיין דיינע עלטסטע און דיינע ריכטער און אַלע עלטסטע פון יענער שטאָט. די נאָענטסטע פון געהרגעטן זאָלן אויסרופן און זאָגן אונדזערע הענט האָבן ניט פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט. (דברים, כ"א).

„אונדזערע הענט האָבן ניט פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט. — איז דען אויפגעגאַנגען אויף אונדזער געדאַנק אַז בית־דין פאַרגיסט בלוט, נאָר, ער איז ניט געקומען אין אונדזערע הענט און מיר זאָלן אים אַוועקלאָזן אָן שפּייז". (סוטה מ"ו ב").

די שבועה פון די עלטסטע האָט סימבאָליזירט דעם גורל גע־מיינשאַפט שיקזאַל.

לויט יהדות איז גאָרניט מעגלעך זיך משתדל זיין וועגן עולם הבא פאַר זיך, דעם פרט, ווען מען איז ניט איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן דעם אינטערעס פון אַלעמען, פון גאַנצן כלל. דער סאָציאַ־לער אידעאַל ווערט ענג פאַרבונדן מיט דעם ריין פערזענלעכן, מאָ־ראַלישן אידעאַל. ווייל די באַפרייאונג פון דער פערזענלעכקייט איז אַנדערש ניט מעגלעך ווי נאָר אויפן וועג צו דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט.

„ווי דער יחיד קען זיין אַ צדיק, אַ רשע, אָדער אַ בינוני, (אַ מיטל מענטש) אַזוי איז עס אויך מיט אַ גאַנצער מדינה און מיט גאָר דער מענטשהייט. זיינען אירע זכותים מכריע, וועגן זיי אי־בער אירע זינד, איז זי אַ „צדיקת". איז עס פאַרקערט, דאַן שטייט זי אין דער געפאַר, פונקט אַזוי אונטערגיין ווי אַ איינצלנער רשע. דאַרף דער מענטש סיי זיך, סיי די גאַנצע וועלט שטענדיק באַ־

טראַכטן אין דער לאַגע פון אַ בינוני, האַלב זכאי האַלב חייב. וועט ער אפטאָן נאָך איין איינציקע עבירה וועט ער איבערציען זיך און דערמיט די גאַנצע וועלט אויף דער זייט פון חייב און גורם זיין איר אונטערגאַנג. דורך נאָך איין מצוה ציט ער אָבער אַריבער זיך און די וועלט לכף זכות און ברענגט זיך אין דער וועלט הילף און רעטונג". (רמב"ם, דריטער קאַפּיטל, הלכות תשובה).

עס איז קלאָר, אַז אויף דער הויפּט־טענה פון מאַרקסיזם צו דער יידישער רעליגיע, אַז איר מעטאַפיזישער וועלט־באַגריף טראָגט אַוועק דעם מענטשן פון דער ערד און אַנטוויקלט אין אים אַ שטרעבן נאָך ריין אינדיווידועלער גייסטיקייט, ענטפערט יהדות מיט דער לאָזונג פון סאָציאַלער אַחריות און קאָלעקטיוויסטישער קדושה.

3

רעליגיע האָט נאָך אַן אַספּעקט וואָס מאַרקסיסטן באַטראַכטן אים אפשר מיט אַ באַרעכטיקטן פאַרדאַכט. דאָס איז איר פעאיקייט, ניט צו זען דעם יסוד פון זיכערקייט בלויז אין עקאָנאָמיש סאָציאַלע ווערטן. רעליגיע פאַרזיכערט דאָך אַז די שפע פון זאַכן וואָס אַ מענטש קען באַזיצן איז ניט דער עיקר אין לעבן. אַזאַ אויסזעצונג וואָס איז וויכטיק און וואָגיק אין באַצוג צו אַנדערע רעליגיעס, גילט אָבער בשום אופן ניט פאַר דער יידישער אמונה. יידישקייט איז מודה אַז עקאָנאָמיק שפּילט שוין גאָר אַ גרויסע ראָלע אין געזעל־שאַפטלעכן און אינדיווידועלן לעבן און דער עקאָנאָמישער פאַקטאָר איז אפשר איינער פון די שטאַרקסטע פאַקטאָרן וואָס באַווירקן דעם גאַנצן גייסטיקן אויספיר.

אברהם אָבינו, דער ערשטער באַגרינדער פון מאָנאָטעאיזם האָט געפירט די וועלט צום איינציקן, אַבסאָלוט גייסטיקן וועלט־באַשע־פער, ער וואָס ה„אָט געפלאַנצט אַ טאַמאַריסקנבוים אין באר שבע און האָט דאָרטן גערופן אין נאָמען פון גאָט דעם גאָט פון דער וועלט". „און ער האָט אַזוי געזאָגט, מיינט איר אַז איר האָט געגעסן

מיינס, איר האָט געגעסן פון דעם וואָס האָט געזאָגט און אַ וועלט איז אַנטשטאַנען האָבן זיי גלייך אָנגעהויבן זאָגן; געבענטשט איז דער וואָס זיינס האָבן מיר געגעסן און מיט זיין גוטס לעבן מיר״ (מ״ר, וירא).

„ווען עס ענדיקט זיך דאָס גערשטן אין קרוג קומט קריג אין הויז״, זאָגט אַ באַרימטער תלמודישער אַפּאָריזם.

„אָרעמקייט באַשרענקט דעם מענטשנס אינטעליגענץ. אָרעמקייט איז דעם מענטשנס דעמאָראַליזירנדער בעל־יועץ, זי הייסט אים מקריב זיין זיין פּערזענלעכע ווירדע. אָרעמקייט שטעלט אַוועק אַ מענטשן מיט אומאָפּהענגיקן כאַראַקטער אין אַ פּאָזיציע פון אונטערטעניקייט. די עדלקייט וואָס ער טראָגט אין זיין בלוט פאַרוואַנדלט זי אין גאַל. ווען אָרעמקייט רופט אַרויס לאַנג דויערנדע ליידן ווערט זי די מוטער פון פאַרברעכעשקייט. אָרעמקייט מאַכט פון מענטשן שקלאַפן, זי פאַרוואַנדלט זיי אין גנבים, רוצחים און פּראָסטיטוטקעס״. (לואי בלאַנק).

מיט אַזאַ אויספיר וועגן דער השפעה פון עניות אויפן גייסטיקן לעבן, וועט יהדות לייכט מסכים זיין. אָבער, יידישקייט באַשטעטיקט אויך אַז אַן עקאָנאָמיש זאַטע אָרדנונג וועט מיטהעלפן דעם מענטשן צו זאַטער גייסטיקער אַנטוויקלונג, צו הכרת הבורא, צו ערוועקן אין אים דעם כח צו איבערווינדן דאָס ערדישע.

„און גאָט האָט גערעדט צו משהן אַזוי צו זאָגן. רעד צו די קינדער פון ישראל און זאָלסט זאָגן צו זיי, אַז איר עסט פון דעם ברויט פון לאַנד זאָלט איר אָפּשיידן אַן אָפּשיידונג צו גאָט״. (שלח טו).

„אַ מענטש קען עסן ערדיש און דאָך זאָל עס זיין געהייליקט צו גאָט, פון דעם חומריותדיקן עסן שיידט מען אָפּ גייסטיקע תרומה״. (דברי שלום פון ר׳ שלום מקיידינאָוו).

„ר׳ שמעון בן יוחאי האָט אויסגעשריען: זיי לאָזן אַוועק חיי עולם און גיבן זיך אָפּ מיט חיי שעה, און אַ בת קול האָט אים אָפּ־

גגענטפערט: וואָס, דו ביסט אַרויס חרוב מאַכן מיין וועלט?" (שבת ל"ג).

יידישקייט לערנט, אַז מען טאָר ניט און מען קען ניט מבטל זיין די וועלט צוליב יענער וועלט. מען טאָר ניט פאַרדאַמען מענטשן, וואָס אַקערן און זייען ווייל זיי פאַרנאַכלעסיקן יענע וועלט. דער יהדותדיקער אינהאַלט, דער רוח חיים פון דער תורה איז ניט באַפרייט פון ריין מאַטעריעלע פאָרמען. דער באַגריף יהדות איז עולם הזהדיק. די מצוות זיינען געגעבן געוואָרן אויף דער וועלט.

„האָט געזאָגט רבי יהושע בן לוי, וואָס איז דאָס וואָס איז געשריבן מיין געבאָט וואָס איך געביט דיר היינט. היינט צו טאָן געבאָטן און ניט מאָרגן זיי טאָן". (עבודה זרה נ"ב).

„היינט צו טאָן זיי אויף דער וועלט, און דער מיין פון דער זאַך איז אַ רמז, די מצוה פון סוכה, וואָס אַ מענטש דאַרף רעאַליזירן גאָטס געבאָט נאָר אויף דער וועלט וואָס איז גלייך צו אַ סוכה" (מהרש"א, דאָרט).

יהדות האָט פאַרבונדן דאָס ערדישע מיט הימלישן און האָט געלערנט אַז מאַטעריעלע זאַכן זיינען הייליק. „דער הימל איז אַ הימל פאַר גאָט און די ערד איז געגעבן פאַר מענטשן". די תורה איז אין איר עצם רעאַליסטיש. פון יידישן שטאַנדפונקט איז דאָ איין רעאַלע וועלט וואו זי צו פאַרווירקלעכן. דאָס רעאַלע תורהדיקע, דער מאַטעריעלער לבוש פון דער תורה איז פאַרבונדן מיט דער עמפירישער, מאַטעריעלער, ערדישער וועלט. די תורה אידעאַלן זיינען דורך און דורך סאָציאַל. די אַלטע אַריסטאָטלשע פאָרמולע, דער מענטש איז אַ פּאָליטישע און סאָציאַלע חיה, איז אַבסאָלוט ניט אין קעגנזאַץ צום ערשטן מענטשלעכן פסוק אין דער תורה. „ויהי האדם לנפש חיה" — און דער מענטש איז געוואָרן אַ לעבעדיקער נפש.

דער מענטש איז אַ לעבעדיקער נפש, אין וועלכן דער באַשעפער האָט אַריינגעבלאָזן זיין לעבעדיקן אָטעם. אָבער דער מענטש איז

אויך אַ נפש חיה, אַ סאָציאַלע באַשעפעניש וואָס מוז זיך האַלטן ביי אַ מינימום פון דרך ארץ, וואָס מוז זיך פירן ווי מענטשן פירן זיך.

יידישקייט איז אַ לייטער, וואָס שטייט אויף דער ערד און זיין שפיץ גרייכט אין הימל. דער מענטש, שטייט אויף אַן ערדישן יסוד, אויף אַ רעאַלן געזונטן באָדן און זיין גייסט דערגרייכט די הימלען.

„און נאָך האָט רבה בר חנא געזאָגט, קום און איך וועל דיר ווייזן ווי ערד און הימל באַהעפטן זיך" (בבא בתרה ע"ד). דאָס איז דער תמציתדיקער קוק אויף דער יידישער אידעאָלאָגיע, די הימל און ערד סינטעזע.

עס זיינען דאָ אַ סך באַריר־פּונקטן פון מאָדערנעם סאָציאַליזם, פון מאַרקסיזם, מיט דער תורה, ווייל דער אינערלעכער עטאָס פון דער תורה איז ניט עפּעס אַנדערש ווי סאָציאַליזם.

„אויב מען זאָל דעפינירן רעליגיע אַלס אַן אַקט פון אמונה, דורך וועלכער לעבן קריגט זיין זין, אָדער דורך וועלכער מען איז משיג דעם זין פון לעבן, איז קאָמוניזם אַ רעליגיע פאַר די קרבנות פון קאַפּיטאַליסטישער אומגערעכטיקייט. זיי אַנטדעקן פאַר זיך אַ גרויסן אמת, אַז די לאָגיק פון דער געשיכטע (גאָט) באַשטעטיקט די גערעכטיקייט פון זייער ציל, און זאָגט זיי צו אַן ענטגילטיקן זיג. קאָמוניזם מוז אויף אַזאַ אופן ווערן אַ מאָראַלישע רעליגיע, ווייל איר ענדציל איז אַ מאָראַלישע רעליגיע, די גערעכטע געזעלשאַפט, וואָס איז פאָראויס באַשטימט צו זיגן טיילווייז דורך גאָטס השגחה כללית, (די לאָגיק פון דער געשיכטע). מיט דעם רעליגיעזן כאַראַקטער פון קאָמוניזם לאָזט זיך דערקלערן די דאָגמאַטישע זיכער־קייט, מיט וועלכער ער האַלט זיך ביי זיינע עיקרים; רעליגיע איז דאָגמאַטיש, ניט ווייל זי האָט מורא איבערצוגעבן אירע אמתן פאַר אַ וויסנשאַפטלעכער אונטערזוכונג נאָר ווייל פונדאַמענטאַלע באַהויפּ־טונגען וועגן דעם זין פון לעבן קענען וויסנשאַפטלעך ניט אונטער־זוכט ווערן, יעדער דעטאַליזירטע פאָרשונג פון די לעבנס־פאַקטן מוז זיך שטיצן אויף אַ ניט־באַווייזבאַרע הנחה, אַז לעבן האָט אַ זין.

דיאַלעקטיק, דער גלויבן אַז געשיכטע פירט צו יושר, איז אין תוך אַ רעליגיע. וועלן שטעלן דעם מאַרקסיזם אויף ריינעם מעכאַניזם, ווי בוכאַרין און מאַקס איסטמאַן טוען דאָס, בלויז סאָציאַלן איבערשענערטום, וועט אַוועקנעמען די סאָציאַלע התלהבות ביי די מאַסן".
(ריינלאַנד ניבור, אין זיין עסיי „קאָמוניזם אַלס רעליגיע").

„דער מאַרקסיסטישער דעטערמיניזם שליסט ניט אויס קיין אידעאַליזם. יעדער אַקטיווער שריט פון פּראָלעטאַריאַט ווי ער ווערט פאָרגעשטעלט אין קאָמוניסטישן מאַניפעסט, איז אַ שטרעבונג צו דערגרייכן אַ מענטשלעכן אידעאַל פון פרייהייט און אַנטוויקלונג פון דער פערזענלעכקייט. פונקט ווי יעדער אַרגומענט אין מאַרקס' „קאַפּיטאַל", וועגן דער עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער שטיצט זיך אין לעצטן חשבון אויף דער אידעאָלאָגישער הנחה, אַז דאָס באַנוצן זיך מיט אומפאַרדינטן „מער ווערט" מצד דעם קאַפּיטאַליסט, איז קעגן די פּרינציפּן פון גערעכטיקייט". (מאנדאלפא, „מאַטעריאַליסטישע געשיכטע").

עס מיינט בשום אופן ניט אַז ווען מען אַנערקענט דעם עקאָנאָמישן פאַקטאָר, אַפילו אַלס דעם שטאַרקסטן, מוז מען נעגירן אַלע אַנדערע גייסטיקע און פסיכישע פאַקטאָרן, וואָס ווירקן צוזאַמען מיטן עקאָנאָמישן פאַקטאָר. אויב מען נעמט אָן אַ העכערע אידעע מיינט עס נאָך ניט אַז אַלע רעלאַטיווע סאָציאַלע ווערטן און צילן דאַרפן ערקלערט ווערן אַלס אומבאַדייטנד, אָדער גלייך ווערטלאָז, ווען מיר קוקן אויף זיי אין ליכט פון די אַבסאָלוטע ווערטן, פון אַ העכערער רעליגיע. דער וועג פון מענטשלעכער מאָראַל פירט ניט צום העכסטן, נאָר צום העכערן, ניט צום קאָנקרעט אַבסאָלוטן נאָר צום ווייניק רעלאַטיוון. יידישקייט מוז בשום אופן ניט אָננעמען די מאַרקסיסטישע אמונה, אַז דער פּראָלעטאַריאַט איז אַ משיחישער קלאַס און דאָך זיין איבערצייגט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט האָט אַ חשובע מיסיע. די ערפאַרונג לערנט דעם פּראָלעטאַריאַט די רעאַליטעט פון קאַפּיטאַליסטישער אומגערעכטיקייט קלאָרער איידער וועלכער ס'איז אַנדער קלאַס, און אויב די סאָציאַלע מאַכט פון אייגנ-

טום אויף די מיטלען פון פראָדוקציע מוז אונטערגיין, זיינען די אַרבעטער די איינציקע מאַכט וועלכע זיינען באַרופן די פּראָדוקציע צו קאָנטראָלירן.

עס מעג אַפילו זיין אמת — קען יהדות זאָגן דעם מאַרקסיזם — אַז דער עקאָנאָמישער מאָמענט שטייט אין הינטערגרונט פון יעדן קער און ווענד וואָס ווערט געמאַכט מצד די הערשנדיקע קלאַסן. מעג זיין אמת אַז פּאַטריאָטיזם, נאַציאָנאַליזם, איז מער ניט ווי געלט ביי די רייכע קלאַסן. מעג אַפילו זיין אמת אַז ביי די רייכע איז מאָראַל, נאַציע, רעליגיע, בלויז עפּינאָמען (אָפּשפּיגלונגען), פון זייער פּראָפיט־לוסט, דער אַרבעטער וועט אָבער דעם סאָציאַליזם ניט דערגרייכן בלויז מיט דער הילף פון עקאָנאָמישן שטויס אַליין. פאַרן פּראָלעטאַריער דאַרף מאָראַל זיין אַן אינטעגראַלער טייל פון זיין לעבן. אויפן קאַפּיטאַליזם פּאַסט דער מאַטעריאַליזם, דאָס פלעגן און אַנטוויקלען די געפילן פון חיה־מענטש, אָבער ניט אויפן סאָציאַליזם. קאַפּיטאַליזם היינט צו טאָג איז דער וואולגאַרסטער מאַטעריאַליזם, סאָציאַליזם היינט צו טאָג איז נביאישער ריינער אידעאַליזם. סאָציאַליזם היינט צו טאָג איז דער קווינט עסענץ פון עטיק, דער תמצית פון הומאַניזם.

דער גרעסטער אומגליק מיטן מאַרקסיזם איז, וואָס ער איז ניט לחלוטנדיק קעגנזעצלעך דעם קאַפּיטאַליזם. ער, ווי דער קאַפּיטאַליזם, האַלט אַז די מאַטעריעל טעכנישע פאַרהעלטענישן זיינען דער אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. ער איז איבערצייגט אַז דער גאַנצער סאָציאַלער בנין איז געבויט אויף עגאָ־אינסטינקטן און אָט די „איבערצייגונג" פאַרהאָמעוועט זיין וועג, פאַרגיפטעט זיין אידעאַל און קערט אים אָפּ פון ענדציל.

יעדער ייד, מענטש, וואָס זיין נשמה איז ניט פאַראומרייניקט און שפּירט נאָך אַן אחריות־געפיל לגבי גאָט דעם באַשעפער און זיין מיטברודער, מוז אָנערקענען, אַז דער היינטיקער קאַפּיטאַליזם מיט זיינע שווידערלעכע עיקרדיקע באַגלייט־דערשיינונגען, מיליטאַ־

ריזם, אימפעריאַליזם, קאָלאָניאַלע אונטערדריקונג און בעיקר מיטן בעסטיאַלישן אַנטיסעמיטיזם, בילדעט דעם עקסטרעמען קעגנזאַץ צו אַלץ, וואָס דער גלויבן אין גאָט פאָדערט. ווייל דער עיקר שטרעבן פון דעם מענטשן זיך צו דערנעענטערן צום באַשעפער, צום כל יכול, דאַרף זיין דער גלויבן און קעמפן פאַר אַ זינפולער אויספאָרעמונג פון גאַנצן מענטשלעכן לעבן. אָבער אָט דעם זינפולן לעבן גיט אונדז ניט דער מאַרקסיזם. דער מאַרקסיזם האָט צוגענומען ביים מענטשן דעם גאָט און האָט אים געלערנט צו קניען פאַר דער גולמדיקער מאַשין, דער מעכאַניק, עלעקטריק און טויטן אַטאָם און דערמיט אָפגעטויט דעם אידעאַליסטישן געפיל אין אים.

„דער סאָציאַליזם וואַקסט באמת נאָר דאַן, ווען צוזאַמען מיט דער וואַקסנדיקער מאַכט אין דער אויסערלעכער ספערע, וואַקסט די פאַרפעסטיקונג און פאַרוואָרצלונג אין דער אינערלעכער. ווייל דער סאָציאַליזם איז ניט נאָר אַ נייע פאָרם פון אייגנטום און פראָדוקציע־פאַרהעלטעניסן, וואָס באַקומט איר שטעמפל דורך דער פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון די וויכטיקסטעווירטשאַפטס־געביטן, נאָר אויך אַ העכערע אַרט אויספאָרעמונג פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ, וואָס דריקט זיך אויס אין דעם פריידיקן אָנערקענען די אַלזייטיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און קעגנזייטיקע פאַרפליכטונג, אין דעם אויסברייטערן דאָס פעלד פון קעגנזייטיקער הילף ווייט איבער דער היינט גילטיקער מאָס, און אין אַ שטאַרקן וואוקס פון דער ברידערלעכער געזעלשאַפט. אמת, דער סאָציאַליזם קען נישט זיין די פרוכט בלויז פון דעם שטרעבן נאָך אַן ערלעך־זעלישער אויסלייזונג און פון דער פאַרווירקלעכונג פון דער קריסטלעכער ליבע צום מיטמענטשן. כדי ער זאָל רעאַליזירט ווערן, איז נויטיק צו פירן אויך אַ קאַמף קעגן דער מאַכט פון קאַפיטאַל, קעגן קאָנסערוואַטיזם, קעגן דער אינערציע און די פאָראורטיילן. עס איז נויטיק צו דערקענען די צייטווייליקע פאַרהעלטעניסן און מעגלעכקייטן, די פעאיקייט פון זייער אַנטוויקלונג איבער דאָס עקזיסטירנדיקע, בכלל פון דער אויספורעמונג פונם פאָרמלאָזן לעבנס־שטאָף, פונקט אַזוי נויטיקט ער זיך אין דער רעליגיעזער פאַרטיפונג, און

יראת הכבוד־געפיל פאַרן לעבנס־וואונדער און פאַר דאָס הייליקע אין מענטשן. ער נויטיקט זיך אין געפיל פון דער מהותדיקער פאַרבונדנקייט פון דעם איינצלנעם מיט דער מענטשהייט און דעם קאָסמאָס און אין באַוואוסטזיין פון דער אומענדלעכער פאַרפליכטונג לגבי דעם יסוד פון דער גאַנצער עקזיסטענץ" (ה. ר. האָלסט, דער גייסטיקער איבערקער).

„דער מענטש, וואָס לעבט אָן אַ גאָט איז געגליכן צו אַ דאַרשטיקן, וואָס קען נישט דערגרייכן קיין שום געטראַנק. ער פּרוּווט געפינען אין געוויסע פאַראַבסאָלוטירטע זאַכן פון דער ענדלעכער וועלט, ווי פאָטערלאַנד, קלאַסן־קאַמף, קונסט, וויסנשאַפט אַן ערזאַץ פאַר דאָס אמת אַבסאָלוטע און צו באַטויבן זיין בענקשאַפט נאָך באמת רעליגיעזע איבערלעבונגען". (גערטרוד הערמעס, „וועגן דער גייסטיקער געשטאַלט פון מאַרקסיסטישן אַרבעטער"). דער מאַרקסיזם מיט זיין ערקלערן די גאַנצע גייסטיקע וועלט אַלס רעפלקעס פון מאַטעריאַליזם, האָט באַטויבט די סאָציאַליסטיש־אידעאַליסטישע בענקשאַפט און פאַרשטומט דעם קעמפער, ניט דערלאָזט אים צו שליידערן זיין פלאַם־פייערדיקן וואָרט קעגן טומאהדיקן קאַפּיטאַליזם.

„הם קנאוני בלי אל, זיי האָבן מיך דערצאָרנט מיט אַן אומגאָט, מיך דערבייזערט מיט זייערע נישטיקייטן". (האזינו ל"ב). — עס איז פאַראַן אַ מענטש וואָס דינט צו אַ געשטאַלט, אַזאַ וואָס ער זעט. אָבער זיי דינען צו אַ שאָטן און אפילו ניט צו קיין ממשותדיקן שאָטן, נאָר צו דער פאַרע, וואָס גייט פון טאָפּ, ווי עס שטייט „כעסוני בהבליהם" — זיי האָבן מיך דערצאָרנט מיט זייערע נישטיקייטן". (ספרי, האזינו).

דער מאַרקסיזם, וואָס קלאָמערט זיך אין פילאָזאָפישן מאַטעריאַליזם, דאָס איז די מאָדערנע שמד־באַוועגונג, די באַוועגונג, וואָס דינסט צו אַן עבודה זרה, צו הבל, צו פאַרע פון אַ טאָפּ. מיט ערקלערן גאָט, גייסט, אַלס רעפלעקס פון מאַטעריע; דאָס פאַרטוישן גאָט אויפן אינטערעס פון לאָבן ברויט, איז די מאָדערנע געצנ־

דינסט. היינט צו טאָג איז דער מאַרקסיזם, אין זיין איצטיקן מאַ־טעריאַליסטישן געשטאַלט, דער סם המות פאַר דער יידישער נשמה.

4

קאַפּיטאַליזם אָן פאַשיזם קען היינט ניט עקזיסטירן. פאַשיזם דאָס איז דער בלוטיקסטער טיראַניזם פון דעם יאָרהונדערט. ער מוז די וועלט דערפירן צו דער בלוטיקסטער טיראַניע און שקלאַ־פעריי, אָדער זי אינגאַנצן פאַרניכטן.

מיליאָנען מענטשן הונגערן און אוצרות תבואה ליגן אומ־פאַרוועגדבאַר אין די הענט פון איינצלנע, הייפעלעך פאַראַזיטן ווערן משוגע פון וואוילטאָג און הולטייסטוואָ. מען פאַרניכטעט בכיון מיליאָנען לאָגערס ברויט און אַ קיילעכדיק ברויטל איז נאָך איצט אין אונדזער ציוויליזאַטאָרישער שפע ווען מען זייט מיט עראָפּלאַנען און מען אַקערט מיט די מאָדערנע טראַקטאָר מאַשינען, אַן אוצר. וואָס זאָל דאָס באַדייטן? ווער האָט אַרויפגעוואָרפן אַזאַ קללה אויף דער מענטשהייט? אַ קללה פון נויט, הונגער שמאַך און שאַנד? דער טיראַניזם, וועמעס גייסטיקער פאָטער עס איז דער וואולגאַרער מאַטעריאַליזם, וואָס אָטעמט מיט חיה־שער ליידנשאַפט. אָט די קאַפּיטאַליסטישע טומאה און רשעות וועט אַרויסגעטריבן ווערן פון סאָציאַלן לעבן, נאָר דורך אַן אויפלע־בונג און אויפבליאונג פון אַ נייער רעליגיעז־סאָציאַלער אידעע. אַ גאָט אידעע. נאָר אַזאַ אידעע וועט בכוח זיין צו באַקעמפן די גרויס־מאַטעריאַליסטישע טאָטאַליטאַרע איינשטעלונג פון רוצחישן קאַפּיטאַליזם, מיט זיין גייסטיק קינד דעם בלוטיקן מענטשלעך־פיינדלעכן פאַשיזם.

די יידישע אידעאָלאָגיע קען ווערן די מעכטיקסטע קראַפט, די גרעסטע דינאַמישע טרייב־קראַפט, וואָס זאָל שטויסן דעם מענטשן צום שטאַרקסטן רעוואָלוציאָנערן טאַט, און זאָל דערפירן צום גרעסטן סאָציאַלן אויפשוואונג. אין יידישקייט ליגט אָנגעזאַמלט

אַן אוצר פון מאָראַלישן דינאַמיט, אַ גרויסע מאָס גייסטיקן אויפרייס־שטאָף. יידישקייט מוז און וועט פאַרנעמען די גרעסטע אידעאישע פּאָזיציע אויף די באַריקאַדן, וואו עס זאָל אויסגעקעמפט ווערן דער נייער מין מענטש און די נייע מענטשלעכע געזעל־שאַפט.

מיר זעען, ווי דער אַקאַדעמישער ליבעראַליזם אין דייטש־לאַנד האָט זיך אונטערגעגעבן דעם בלוטיקן נאַציזם און די גוססדיקע קאַטוילישע קירכע ניט. דער דיכטער און דראַמאַטורג גערהאַרד הויפטמאַן פּוצט די שטיוול פונם „פירער", און דער גייסטלעכער נימאלער בויגט זיך ניט. דאָס איז ווייל רעליגיע לערנט דעם מענטשן ווידערשטאַנד און גרייטקייט אויף קדוש השם. אויב מען האָט אַמאָל געטענהט אַז די רעליגיע מאַכט דעם מענטשן הכנעהדיק, פּענטעט אים מיט פּאַטאַליסטישע שטריק, נעמט צו זיין מוט און געוואַגטקייט, זעט מען איצט ווי דער כלומרשטער אַטעאיזם האָט געמאַכט הונדערט און זיבעציק מיליאָן פּאַר קנעכט צו איין שטאַרקן יחיד און דער שטאַרקער געוועלטעוועט ערגער ווי די אַמאָליקע שטאַרקע. מיר האָבן געזען ווי די טעאָרע־טיקער פון מאַרקסיזם וואָס זיינען ניט אָפּגעטראָטן פון היסטאָ־רישן מאַטעריאַליזם אויף אַ האָר, האָבן ניט געהאַט דעם מוט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם „איינציקן שטאַרקן", און זיי־נען אויסגעשאָסן געוואָרן ווי „משוגענע הינט", נאָכדעם ווי זיי אַליין האָבן זיך באַשמוצט און באַשפּיגן. דאַקעגן די יידישע רעליגיע האָט דערוועקט אַ מעכטיקן אַקטיוויזם אין פאָלק. ניט געלאָזט ווערן אָפּהענטיק. ביזן לעצטן טראָפּן בלוט האָט דאָס אַמאָליקע רעליגיעזע יידנטום געקעמפט פאַר יעדער מינדסטער אידעאישער פּאָזיציע זיינער און ווען ס'איז געווען נויטיק אויסגעהויכט די נשמה אויפן עשאַפאָט און דעם פּרינציפּ ניט אויפגעגעבן.

דער סאָציאַליזם, וואָס וועט ניט זיין געבויט אויף אַ טיפן גלויבן אין אמת פון זיין אידעע; דער מאַרקסיזם וואָס וועט דינען דער טויטער ווירטשאַפט און ניט אויפגעבן די בלינדע אמונה

אין עקאָנאָמישן דעטערמיניזם אַלס דעם איינציקן פאַקטאָר אין דער געשיכטע, וועט ווערן אָפּהענטיק און וועט אינגאַנצן צע־ברעקלט ווערן אונטער דער בלוטיקער האַק פון פאַשיזם. דער סאָציאַליזם וואָס וועט ניט האָבן קיין אַחיזה אין אין־סוף, וועט אָפּגעשווענקט ווערן און פאַרשלעפּט ווערן אין תהום פון רשעות אויף אייביק. די יידישקייט אידעאַלן, די תורה, דער גלויבן אין אַ גאָט אַלס דעם קוואַל פון יושר און צדק, וועט זיין דער ענער־גישסטער מאָטאָר וואָס וועט אַריינגיסן אַ נייעם כוח אין פאַרחלשטן סאָציאַליזם און אים אויפשטעלן אויף די פיס. דער סאָציאַליזם וועט זיך אַנדערש ניט אויפבויען נאָר אויף אַ נייעם רעליגיעז־רוחניות־דיקן יסוד.

די פיינדלעכקייט פון מאַרקסיזם צו רעליגיע האָט זיך אַרויס־געוויזן פאַר פאַטאַל. אָן אַ רעליגיעז־סאָציאַליסטישער באַנייאונג, וועט דער סאָציאַליזם גענצלעך קאַפּיטולירן פאַר דער רויבערישער פויסט פון פאַשיזם.

נאָר אַ רעליגיע וואָס דינט אַ גאָט, פאַר וועמען אַלע מענטשן זיינען זינדיק איז מסוגל אָפּצוהיטן די יסודות פון רחמים און זיך שטעלן קעגן יעדער סאָציאַלער אַכזריות.

דער מאַרקסיזם איז מערדערלעך געשלאָגן געוואָרן, ער האָט אין אַ געוויסן זין באַנקראָטירט אויף אַלע פראָנטן. דורכן „סטאַ־לין־היטלער אָפּמאַך" האָט ער קאַפּיטולירט פאַרן פאַשיזם. זאָל ער רעווידירן זיין שטעלונג צו רעליגיע, אויסטאָן זיין עבודה־זרהדיקן לבוש און זיך באַהעפטן מיט דער גרענעצלאָזער יידיש־קייט און ער וועט געהיילט ווערן.

## 5

דער גייסט פון תורת משה לעבט און באַלעבט דעם מאָ־דערנעם יידישן סאָציאַליזם. די תורה איז מער ווי אַ געזעצבוך פאַר איר צייט, זי איז אַ נצחיות, זי איז אייביק, דינאַמיש,

זי לאָזט איבער פאַר די דורות דאָס איבערבויען די געזעלשאַפט און די פאַרבעסערונג פון מענטש.

„דור לדור ישבח מעשיך (תהלים קמ"ה ד') דור צו דור וועט פאַרבעסערן דיינע מעשים" — דאָס איז פון לשון שבח קרקעות". (הרב י. ל. גורדין, דגלי יהודה).

די תורה איז דער כסדרדיקער פּראָגראַם פאַר דער צוקונפט, זי איז די איינציקע עסכאַטאָלאָגישע פּראָגראַם. זי ברעכט אויס אַ וועג פאַר דעם סוף פון די טעג.

די תורה רייסט אויף אַ נייעם האָריזאָנט פאַרן סאָציאַליזם, אַ האָריזאָנט וואו עס גייט אויף אַ גאָלדענער מאָרגנשטערן, וואו עס העלט אַ ליכטיקער באַגינען, אַ ניי ליכט, אַן אייביק ליכט.

„בשעת די שוואָבישע פּויערים האָבן אין יאָר 1525 געפירט זייער באַפרייאונגס קאַמף האָבן זיי בראש פון זייערע צוועלף פּונקטן געשטעלט די פאָדערונג אַז די ביבל זאָל אויך אין ביר־גערלעכן לעבן אָנערקענט ווערן, אַלס דער הויפּט־מאַסשטאַב, מיט וועלכן אַלץ דאַרף געמאָסטן ווערן. היסטאָריקער האָבן גע־זאָגט אַז די „געפערלעכקייט" פון זייער פּראָגראַם, איז געלעגן ניט אַזוי אין זייערע פאָדערונגען ווי אין זייער רעליגיעזער באַ־גרינדונג". (בריגער, רעפאָרמאַציאָן זז. 306).

„אַ שליח פון דעם גאָט פון דער געשיכטע, וואָס זיין גאַנ־צע אַרבעט איז געטריבן געוואָרן פון אַ מאָראַלישן פייער גייסט", אַזוי כאַראַקטעריזירט דער יידישער פילאָזאָף הערמאַן קאָהען קאַרל מאַרקסן.

דער מאַרקסיזם וואָס האָט זיך באַנוצט מיט רעליגיעזער סימ־באָליק, וואָס האָט דער משיח־אידעע אָנגעקליידט אַ וויסנשאַפטלעכן לבוש, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ רעליגיעזן קולט.

„די באַדייטונג פון קאַרל מאַרקסעס „קאַפּיטאַל", אַלס אַ ביבל פון סאָציאַליזם הענגט נישט אָפּ אַזוי פון דעם אינהאַלט פון בוך ווי פון זיין פאָרם, וועלכע איז ממש געשאַפן ווי מעשה נסים, ווי געשאַפן צו ווירקן מעשה אַ הייליקע אַנטפּלעקונג. לאָמיר שוין אָננעמען טאָקע אַז מאַרקס איז געשטאַנען מיט אַ קאָפּ העכער אי־

בער אַלע טעאָרעטיקער פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע פון זיין דור, און אַז ער האָט אויף דורות לאַנג אוועקגעשטעלט פאַר דער דאָזי־קער וויסנשאַפט נייע אויפגאַבן. נו, קומט אָבער פאָרט נישט פון די דאָזיקע אומשטענדן אַרויס, אַז הונדערטער טויזנטער מענטשן זאָלן נאָך היינט צו טאָג גרייט זיין צו פאַרהייליקן דעם אינהאַלט פון אַט דעם בוך, פון וועלכן זיי האָבן אפשר נישט געלייענט אַפילו אַן איינציקע שורה. די פאַרערונג פון דעם בוך האָט קיין שום שייכות ניט מיט דער לאָגישער דערקענטניס אין באַצוג צו זיין אינהאַלט. דערפאַר טאַקע שפּרינגט אָפּ פון מאַרקסן ממש אַן שום ווירקונג יעדע אָביעקטיווע קריטיק, וועלכע האַלט אַז נאָר דאָס אַלץ וואָס האָט אַ ריין שכלדיקן יסוד איז אַן אַבסאָלוטער אמת. דער קאַ־פּיטאַל געהערט נישט צו יענע ביכער וועלכע לאָזן זיך אָפּפרעגן". (ה. דע מאַן, „די פּסיכאָלאָגיע פון סאָציאַליזם").

דער מאַרקסיזם האָט זיין פאַנאַטיש רעליגיעזן גלויבן, זיין סימ־באָליק, זיינע פאַרהערלעכטע העלדן, זיין הייליקע וואַנט, („די קאָ־מונאַרן וואַנט") און אַפילו זיין ריטואַל, (אַרבעטער בלוזע, ערשטער מאַי), ווייל שיילט מען אָפּ זיין וויסנשאַפטלעכע שאָלעכץ דערזעט זיך דער רעליגיעזער תוך. און קיין רעליגיע קען ניט זיין פריי פון סימבאָל, פון ריטואַל, פון רעליגיעזער פליכט.

דאָס שטראַליקע ליכט פון תורת משה, האָט געלויכטן אין די הערצער פון די קעמפער און מאַרטירער פון סאָציאַליזם. די רויטקייט, וואָס האָט ווי אַ באַגינען אויסגעבראָכן אין די הער־צער פון די יידישע פירער און געפירטע פון מאָדערנעם סאָציאַליזם, איז געווען אַ רויטקייט פונם אש שחורה, פונם מתן תורהדיקן גייסטיקן פלאַם. אומבאַוואוסטזיניק האָבן זיי דורך זייער סאָציאַ־ליסטישן קאַמף, געקעמפט פאַר די גרונט־פּרינציפּן פון תורת משה.

6

מען קען בשום אופן ניט פאַרזיכערן אַז סאָציאַליזם וועט אויסגלייכן יעדער עטישע פגימה און ברענגען אַ ישועה און אַ רפואה שלימה פאַרן מענטשנס ליידן. ניין, דאָס חיהשע, אַנימאַלע אין מענטשן וועט פאַרבלייבן. זיין הונגער נאָך מאַכט און כבוד וועט נישט געשטילט ווערן דורך עקאָנאָמישער באַפרידיקונג. אויך אין אַ סאָציאַל־גערעכטער געזעלשאַפט קען דער מענטש אַפטאָן געגוג פאַרברעכנס. קורצזיכטיק און פאַלש ביז גאַר איז לעאָן טראָצקי, ווען ער זאָגט אין זיין לעצט בוך „די פאַראַטענע רעוואָלוציע", אַז קאָמוניזם איז דערפאַר אַזוי קעגנעריש צו רעליגיע, ווייל ער גלויבט ניט אַז עס איז דאָ אַזאַ פּראָבלעם וואָס מענטשן זאָלן מיט זייער געניאַליטעט ניט קענען לייזן. ניין, קיין הונגעריקע, נאַקעטע, באָרוועסע און דאַכלאָזע וועלן אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, — אַן אמת סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, ניט ווי אין דער סטאַליניסטישער מלוכה — ניט זיין, אָבערליידנדע נפשות אַן האָפנונג אַז עמעצער זאָל לינדערן זייער שמערץ וועט זיין געגוג, אַזוי לאַנג ווי דער מענטש וועט אויפריכטיק ניט שטרעבן צו אַן אויפשטייג פון חסד, קדושה און רחמים, וואָס קוועלט פון אין סופדיקן קוואַל, פון גאָט.

דער קאַמף מוז איצט זיין טאַקע פאַרן סאָציאַליזם, פאַר מאַטעריעלער באַפרידיקונג, אָבער פּאַראַלעל מיטן קאַמף פאַרן סאָציאַליזם מוז מיטגיין דער שטרעבן צו גייסטיקער השתלמות, פאַר עטישער דערהויבונג, דער סאָציאַליזם מוז ברעכן דעם וועג צום ברייטן שליאַך פון „אַחרית הימים".

פאַרענדיקט דער רמב"ם זיין „משנה תורה":

„די חכמים און נביאים האָבן געגאַרט נאָך משיחס צייטן, נישט כדי צו באַהערשן די גאַנצע וועלט און נישט כדי צו אונטערדריקן אַנדערע פעלקער און נישט כדי די אומות זאָלן זיי הויך האַלטן, און נישט כדי צו עסן און צו טרינקען און זיך משמח זיין.

נאָר, כדי זיי זאָלן זיך קענען פריי פאַרנעמען מיט דער תורה און מיט איר חכמה. ס'זאָל נישט שטיין איבער זיי קיין באַדריקער און צונעמען זייער צייט, זיי זאָלן קענען זוכה זיין צו עולם הבא...

„דעמאָלט וועט נישט זיין נישט קיין הונגער און נישט קיין קריג, נישט קיין קנאה און נישט קיין קאָנקורענץ, ווייל די שפע פון גוטס וועט זיין גרויס און די בעסטע מאכלים וועלן זיין ווי זאַמד און די גאַנצע וועלט וועט זיך פאַרנעמען נאָר דערמיט צו דערקענען גאָט..." (סוף הלכות מלכים).

„ניט קיין הונגער און ניט קיין קריג, און די בעסטע מאכלים וועלן זיין ווי זאַמד". — און דאַן ווען ברויט וועט זיין בשפע וועט קענען קומען די גייסטיקע פאַרברידערונג פון מענטש. דאָס איז דער סאָציאַליסטישער פראָגראַם פון יידישקייט לויט איר באַגרינדער, דעם פאַרפאַסער פון משנה תורה, דעם צווייטן משה, דעם רמב"ם ז"ל.

זאָל דער פראָגראַם פאַרווירקלעכט ווערן און עס וועט זיך אָנהויבן אַ פערמאַנענטער קאַמף פאַר גייסטיקער השתלמות, פאַר עטישער שלימות, פאַר דער באַשאַפונג פון אַ נייעם מין מענטש, פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון אַלע עטישע שטרעבונגען פון די דורות, פאַרן נייעם סאָציאַלן מעשה בראשית.

# יידישקייט און די סאָציאַלע רעוואָלוציע

כדי די יידישע רעליגיע זאָל קענען שפּילן אַ ראָלע אין לעבן פון די יידן אין דער צוקונפט דאַרף זי אויפגעבן די איינריידעניש, געדולדיק צו וואַרטן ביז אַ יום שכולו טוב. זי דאַרף זיך אָפּזאָגן פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז די דערלייזונג פון מענטשלעך לעבן קען דערגרייכט ווערן, נאָר דורך פּאַסיוון אויסוואַרטן. נאָר זי דאַרף זאָגן יאָ! דער רעוואָלוציע. זי דאַרף עס מאַכן פאַר אַ מצוה מקרב צו זיין דעם קץ, זי דאַרף אויפכאַפּן דעם אַלטן נביאישן אימפּעט, דער אַפילו פאַר רעוואָלוציע דאַרף זיין געשטיצט אויפן יסוד פון עטישע און גייסטיקע ווערטן. די יידישע רעליגיע קען ווערן דער גרעסטער שטויס קראַפט פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן קאַמף, פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט. די נביאים זיינען געווען די ערשטע אָנזאָגער פון סאָציאַלער דערשיטערונג און קאַטאַסטראָפע, אַלס פאָרשפּיל צו אַ בעסערער אָרדנונג. אַזוי זאָגן די נביאים אין נאָמען פון גאָט:

„הערט דאָס צו איר וואָס ווילט איינשלינגען דעם אביון און פאַרטיליקן די אָרעמע פון לאַנד, אַזוי צו זאָגן: הייזער פון געהאַקטע שטיינער וועט איר בויען און איר וועט ניט וואוינען אין זיי. וויינגערטנער האָט איר געפלאַנצט און וועט ניט טרינקען זייער וויין”. (עמוס).

„איך וועל זיך שטילן אין מיינע פיינט און זיך נוקם זיין אין מיינע שונאים, און דער שטאַרקער וועט ווערן ווי פלאַקסשטרוי און זיין ווערק ווי אַ פייער און ביידע אינאיינעם וועלן ברענען און קיין לעשער וועט ניט זיין”. (ישעיה).

און אַזעלכע שטעלן געפינען מיר אין די הונדערטער ביי די נביאים. זיי אַלע זאָגן אָן אַ טאָג פון סאָציאַלער דערשיטערונג, פון נקמה פאַר סאָציאַלער זינד, אַ יום הדין פאַר דער סאָציאַלער וועלט. דער מענטש אַליין וועט מוזן פּראַוועון דעם יום הדין איבער דער פאַרדאָרבנקייט און פאַרברעכנס פון דער איצטיקער וועלטאָרדנונג. אַוודאי וועט פריער מוזן געשאַפן ווערן אַ סאָציאַלער איבערברוך אין דער פּסיכיק פון די מאַסן, אין דער גייסטיקער סטרוק־

טור פון יחיד. די ווידערגעבורט פון דער מענטשהייט איז אַ סך אָפּהענגיק פון דער איבערבויאונג פון מענטשן. די מעטאָדן פון סאָציאַלן איבערבוי מוזן זיין ערציערישע, מען מוז דעם מענטשן אויסלערנען ניכטער צו אַנאַליזירן דעם ווילדן לויף פון די אַרומיקע אומשטענדן, אַראָפּנעמען דעם זשאַווער און שטויב פון געלד, מאַכט און כבוד, וואָס פאַרדאַרבן זיין נשמה. און מען מוז בכלל רעוואָלו־ציאָניזירן די נשמה פון מענטשן איידער ער איז גרייט צו גיין אויף באַריקאַדן, אָנצינדן דעם סאָציאַלן רעוואָלט. ניט קיין נויט־ווענדיקער בלוטיקער אויפשטאַנד קעגן אַ פּריווילעגירטן קלאַס, אויס מאָטיוון פון נקמה דאַרף זיין דער כאַראַקטער פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, לויטן באַגריף פון יידישקייט. נאָר אַ סאָציאַלער רע־וואָלט קעגן סאָציאַלע חטאים. אַזאַ רעוואָלט וואָס אָנערקענט אויך בלוט פאַרגיסונג אַלס חרפה און זינד. מען מוז אייַנפלאַנצן אין באַוואוסטזיין פון יחיד אַז אויב רעוואָלוציע איז נויטווענדיק, איז זי אָבער אַן עבירה, אַ מין עבירה לשמה, וואָס מען מוז מקיים זיין ווען קיין אַנדער וועג איז שוין נישט געבליבן.

וועגן פּרנציפּיעלן מאָראַלישן אונטערשייד צווישן דער מאַרק־סיסטישער רעוואָלוציע און דער אידעאישער, ווי אויך וועגן אונטער־שייד פון דער רעוואָלוציע אַלס שוץ און צוזאַמענשטויס און דעם טיראַנישן טעראָר, וועלכער האָט אָן שוין באַלד אַ פערטל יאָרהונ־דערט אין דער סאָוועטן מדינה, איז שוין אַ סך גערעדט געוואָרן. אַ קרעפּטיקן אַנאַליז וועגן דעם ענין רעוואָלוציע און טעראָר האָט נאָך מיט יאָרן צוריק געמאַכט י. נ. שטיינבערג, אין זיין ווערק: „דער מאָראַלישער פּנים פון דער רעוואָלוציע".

„מיט פאַרביסענע ציין און מיט אַן איינגעקלעמט האַרץ איז דער סאָציאַליזם געצוואונגען אָנצוקומען צו געוואַלט אין קאַמף פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון זיין אידעע. ער איז געצוואונגען אויסצו־קלייבן אַזעלכע וועגן, אונטערן דרוק פון די באַדינגונגען. ווייל אויב מען זאָל גיין צו דער מענטשלעכער באַפרייאונג נאָר מיטן פרייד־לעכן פּרעדיקט, איבערגעבן איר נאָר דעם פרידלעכן אויסגלייך צווישן די קעמפנדע קלאַסן, יעמאָלט ווערט זי פאַררוקט אין די

ווייטסטע מרחקים. זי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ רוחניותדיקן אור־טאָפּישן אידעאַל. די מענטשלעכע באַפרייאונג קען אָבער ניט זיין קיין אויפגאַבע פון דעם אין אומענדלעכקייט פונאַנדערגעצויגענעם מאָרגן. דאָס איז אַ ברענענדיקע פאָדערונג פון היינטיקן טאָג. אַ פאָדערונג וואָס פלאַקערט אין בלוט און וואָס מאָנט. נאָר מענטשן מיט רואיקע נשמות און אייגנטלעך ביי זייער גאַנצער צעטומלט־קייט און פאַרלוירנקייט אַכזריותדיקע מענטשן קענען טרייסטן זיך און אַנדערע מיט דעם אַז אַמאָל, באחרית הימים וועט מען האָבן טע־לערלעך פון הימל. אויב די וועלט ליגט טאַקע באמתן אין שלעכטס גיבן מיר דאָך נאָך דעם דאָזיקן שלעכטס באַנוצנדיק זיך נאָר מיט פרידלעכע קאַמף־מיטלען און אַפּשטופּנדיק איר אויסבעסערונג ער־געץ אין די ווייטענישן. ס'איז נאָך ווייניק טראַכטן וועגן גוטס, דאָס ווינטשן אים, מען דאַרף זיין מיט אים אַליין און אויב אַפילו עס ברענט אין אונדזער באַוואוסטזיין ווי אַ נר תמיד דאָס געפיל פון חטא פאַר ענוים וואָס ווערן פאַרשאַפן דורך אונדזער קאַמף, צי לייכטן אָבער ניט הינטער דעם דאָזיקן געזעצלעכן באַוואוסטזיין די אָפּשיינען פון אַן אַנדער אמת, אַ לעבעדיקערן און איבערצייגנ־דיקערן? און דערפאַר טאַקע ווערט ביי אונדז די געוואַלט אַ שווערער פאַטאַלער גורל, אַן אומפאַרמיידלעכע שלעכטס, אומפאַרמיידלעך ווערט זי, ווייל ביז איצט האָבן נאָך די מענטשן קיין אַנדער וועג נישט געפונען, אומפאַרמיידלעך ווייל אויף אַן אַנדער אופן אויב מיר אַנטלויפן פון העלישן פייער פון גוואַלד, פאַלן מיר אַריין אין דעם קאַלטן פראָסט פון הסכמה צו דער אַלגעמיינער פרעמדער געוואַלד".
(מאָראַלישער פנים פון דער רעוואָלוציע זז. 79־78).

אַזאַ פאַרשטענדעניש וועגן רעוואָלוציע האָבן די עטישע רע־וואָלוציאָנערן, דאָס איז דער אידעאַליסטישער אמת און מאָראַלי־שער תוך פון רעוואָלוציע. קיין אַנדער באַרעכטיקונג פאַר בלוט־פאַרגיסונג איז ניטאָ.

דער עטישער רעוואָלוציאָניזם פאָדערט ניט קיין טעראָר, נאָכ־דעם ווי די רעוואָלוציע איז דורכגעפירט. זי פאָדערט רעוואָלוציאָ־ניזירונג פון מענטשן און באַהערשונג פון אינסטינקטן. אויב בלוט

פאַרגיסונג איז אַן אומפאַרמיידלעכע זינד טאָר זי אָבער ניט ווערן קיין מצוה. ערשט נאָך דער רעוואָלוציע מוז מענטשלעך בלוט גע־הייליקט ווערן.

„מען דאַרף ניט פאַרגעסן אַז וועלט־געשיכטע, קען ניט געמאַכט ווערן אָן גייסטיקער גרויסקייט, אָן אַ טיפער מאָראַלישער שטימונג. אויב אין אימפעריאַליסטישן מאַסן־מאָרד גיסן זיך טייכן בלוט מוז מען נאָך דער רעוואָלוציע זען יעדן טראָפּן פון דער שאַצבאַרער פלי־סיקייט ערן און היטן אין קרישטאָלענע כלים". (ראָזאַ לוקסעמבורג).

2

פון סאָציאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, איז די גאַנצע נביאישע באַ־וועגונג געווען אַ רעליגיעזער אויסדרוק פון סאָציאַלן געראַנגל. אָבער אַפילו פון אידעאַליסטיש עטישן בליקפּונקט, פילן מיר רעליגיעזן פּאַטאָס און אויפברויז פון דער יידישקייט־אידעאָלאָגיע. די יידישע דינאַמישקייט איז אין תוך רעוואָלוציאָנער. עס זיינען דאָ אין דער תורה געצוג זאַכן, וואָס מען מוז זיך מקריב זיין און אַמאָל אויך מקריב זיין יענעם פאַר זיי. אויב די תורה האָט געזאָגט ביי אַ יחיד „וגונב איש ומכרו מות יומת", אַז מען גנבעט אַ מענטשן און מען פאַרקויפט אים פאַר אַ קנעכט קומט טויט שטראָף, איז דער אַכזריותדיקער קאַפּיטאַליזם, די מאָדערנע שקלאַפעריי, ניט ווייניקער ווערט דעם טויט, ווי אַ פּריוואַטער גנב און שקלאַפן הענדלער.

„הרודף אחר הנרדף אפילו בעסקי ממון מותר להרגו — דער וואָס יאָגט נאָך אַ מענטש צוליב ריוח געלט און איז גרייט אַוועק־נעמען זיין לעבן, מעג מען אויס פאַרטיידיקונג אים טויטן". (רמב"ם הלכות שמירת גוף ורוצח).

ניטאָ קיין גרעסערער רודף, ווי דער קאַפּיטאַליזם אין זיין איצ־טיקער פאַזע פון טיראַנישן פאַשיזם, און קיין גרעסערער נרדף ווי דער איצטיקער אָרעמער באַזיצלאָזער און טעראָריזירטער לוין־אַר־בעטער. איבערהויפּט דער ייד, וואָס ליידט דאָפּלט אַלס ייד און אַלס לוין־שקלאַף.

אַ „מומר אוכל נבילות לתיאבון" — אַזאַ וואָס עסט נבילות ווייל אים גלוסט זיך איז אַ מצוה צו ראַטעווען, און מען טאָר ניט שטיין אויף זיין בלוט, אָבער די וואָס פיטערן זייערע בהמות אין פרעמדע פעלדער, וואָס זיינען הפקרדיק אין רויב און האַלטן אָן זייער רשעות, טאָר מען זיי ניט ראַטעווען". (שולחן ערוך, חו"מ תכ"ח).

„דאָס וואָס אַ מומר לתיאבון" מעג מען ראַטעווען איז ווייל ער זינדיקט נאָר צו גאָט, אַנדערש איז אָבער דער וואָס פיטערט זיינע שאָף אין פרעמדע פעלדער ער זינדיקט דאָך צו זיין חבר (סמע, תכ"ח).

„דער וואָס שטעלט אין סכנה דעם רבים, אַזאַ וועלכער פאַבריצירט פאַלשע געלט אָדער שטרותן דאָרט וואו מלכות ערלויבט דאָס ניט, איז זיין דין ווי אַ רודף און מען מעג אים איבערגעבן צו דער מלוכה". (נמוקי מהר"ם מרוטנבורג, רמ"א, תכ"ח).

אין ליכט פון די דינים קען געלייזט ווערן דאָס פּראָבלעם פון רעוואָלוציע. אַ ייד, אַ למדן פאַר וועמען די תורה איז ניט קיין תורת חיים, נאָר אַ טרוקענע דאָגמע, וועט אפשר קענען אַנטוויקלען דינע חלוקים, צווישן דער אַמאָליקער שקלאַפעריי, גזילה, גניבה און דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם. מען דאַרף אָבער בלויז איבערזעצן די אַלטע יידישע יסודות פון יידישקייט און זען אין זייער ליכט די היינטע וועלטיקע פאַלקס און קלאַסן געשעענישן און מיר וועלן דערזען אַז יהדות האָט גאַרניט קעגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

אָט דעם טייל פון דער אָפיציעלער אָרטאָדאָקסיע וואָס טרעט אַרויס קעגן סאָציאַלער רעוואָלוציע שטעלן מיר אַוועק פאַר אַ בולטן לעבעדיקן פאַקט: ווערט ניט דער ציוניזם דעראָבערט דורך קרבנות און רציחות פוןביידע זייטן? וועט עמעצן איינפאַלן, זיך אָפּצוזאָגן פון בויען אַ יידישן ישוב אין ארץ ישראל ווייל עס פאָדערט דעם פרייז פון קרבנות? און מיט וואָס איז דער סאָציאַלער קאַמף וואָס איז אין תוך מער ניט ווי אַ נאַציאָנאַלער קאַמף, ווייל עס האַנדלט זיך דאָך אויך פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און פאַר ברויט און רעכט פאַרן גאַנצן פאָלק, ניט פאַר יחידים—מיט וואָס

איז די סאָציאַלע רעוואָלוציע ערגער פון דער ציוניסטישער רע־וואָלוציע ?

אָנגעהויבט מיטן תורהדיקן צדק און נביאים גייסט, דאַרפן מיר קעמפן מיט אַקטיוון ווילן, אַז דער סאָציאַליזם זאָל קומען פּלאַנמעסיק און ציל־באַוואוסט מיט פרידלעכע מיטלען צו דער־גרייכן די שענערע סאָציאַלע אָרדענונג. אָבער, ס׳איז אַבסאָלוט ניט אויסגעשלאָסן ס׳זאָל ניט קומען דורך אויפגעבראַוזטן מאַסן צאָרן, דורך בלוט.

„אויב אונדזערע קעגנער פּאַרטיידיקן אַזעלכע אינטערעסן, אָדער איבערצייגונגען פון וועלכע זיי קענען אַפּנים ניט אָפּטרעטן אויף אַ פרידלעכן אופן מוזן גראַד די יעניקע פּאַר וועמען עס איז טייער מענטשלעכע בלוט, שטרעבן צו אָרגאַניזירן וואָס גיכער און אַנט־שיידענער דעם נצחון און דערנאָך זען וואָס ענערגישער צו באַ־הערשן דעם שונא, ווייל נאָר אויף אַזאַ אופן קען מען האָבן דעם מינימום אומפאַרמיידלעכע קרבנות. ביז דאַן מוזן מיר זען שלאָגן מוטיק, גיך און ענערגיש ווייל מיר קעמפן פאַרן עתיד פון דער מענטשהייט״. (לאַוראָוו, פאַריזער קאָמונע).

3

דאָס יידישע פאָלק לעבט דורך אַ גייסטיקן קריזיס, צונאָמען מיט דער גאַנצער מענטשהייט. אַ גייסטיקן קריזיס לעבט אויך דורך די יידישע אָרטאָדאָקסיע. דאָס פאָלק און דער אָרטאָדאָקסישער טייל פון פאָלק קען האָפן אויף אַן אויפשטייג, נאָר ווען זיי וועלן נעמען תשובה טאָן אויף די סאָציאַלע חטאים פון דורות. די תשובה קען געפירט ווערן אויף איין וועג ; מען מוז פאַרבינדן דאָס טעג־טעגלע־כע לעבן מיטן קאַמף פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט.

די הייַנטיקע אָרדנונג איז אין קעגנזאַץ צו די אידעאַלן פון דער תורה. מען קען ניט רעדן פון אַ פאַלשטענדיקער תורה־הער־שאַפט, ווי לאַנג ס׳עקזיסטירט די איצטיקע, אין גרונט באַרבאַרישע סטרוקטור פון לעבן. די דערוואַכונג פון דעם פרומען טייל פון

יידישן פאָלק צו אייביקער שעפערישער דינאַמיק, וועט געפונען ווערן נאָר דורך אַ פאָלשטענדיקער אומוועלצונג פון די עקזיס־טירנדע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען פון לעבן.

דאָס יידישע פאָלק וואָס דאָרשט נאָך יושר און צדק ווי אַ הירש נאָכן וואַסער־קוואַל, און שטייט פאַרלאָרן אין מדבר פון דער ברוטאַלער ציוויליזאַציע וואָס ווערט דערוואָרגן פון פאַשיזם; יידיש־קייט וואָס האָט שטענדיק געוואוסט אונטערצוגראָבן די זיילן פון שלעכטס; די יידישע מאָראַל וואָס איז געליטערט געוואָרן אויף די מזבחות פון קאָלעקטיוון קדוש השם; דער יידישער גייסט, וואָס איז געגליט געוואָרן אין קאַלך אויוון פון שנאה, פון פיין און איז אויסגעשמידט געוואָרן צו שטאָל ליגט באַהאַלטן. ער טליעט אין די פאַרבאָרגענישן. יידישקייט האָט זיך נאָך ניט באַהעפט מיט דער גרויסער סאָציאַלער טראַגעדיע פון די דורות. אָבער, דער גייסט איז אָנגעגרייט פאַר אַן עקספּלאָזיע, אויפצורייסן די וואָלקנס און אויפבליצן אין דער גאַנצער העלקייט. וואַרפן ראַקעטן ליכט וואָס זאָלן באַשיינען דעם נעפּל פון די פעלקער.

עס איז איצט די צייט, אַז דער יידישער גייסט זאָל געבן אַ שטויס צום קאַמף צו פאַרווירקלעכן די משיחישע בענקעניש פון די דורות, אַז יידישקייט זאָל זיך שטעלן גרייט אויף דער זייט פון די וואָס ווילן נאָך קעמפן פאַר פרייהייט, פאַר מענטשלעכקייט, פאַר אַ ליכטיקערן עתיד. און טאָמער זיינען שוין אַזעלכע ניטאָ, טאָמער האָט דער טומאהדיקער פאַשיזם שוין דערטרונקען אין בלוט יעדער שטימע פון גערעכטיקייט, וואָס דערגרייכט פון די טיפענישן, זאָל יידישקייט אַליין ניט אויפגעגעבן איר גייסטיקן קאַמף צו דער־נעענטערן דעם לעצטן אמת.

דער ברען פון דער יידישער טראַדיציע און דער פייער פון סאָ־ציאַליזם, מוזן זיך צונויפגיין. די שכינה פון תורה דאַרף זיך באַהעפטן מיט דער שיינקייט און חלום פון סאָציאַליזם און דאָס וועט צוגרייטן דעם באָדן פאַר דעם גרעסטן רוחניותדיקן אויפשטייג פון פאָלק און מענטש.

# קעמפער און היטער

## אין באַגינען פון דער סאָציאַלער דערוואַכונג

בעת מיר באַקענען זיך מיט דער יידישער רעליגיעזער קול־טור־געשיכטע, מוזן מיר זיך אויך גלייכצייטיק באַקענען מיט די סאָציאַלע מאָטיוון פון דער קולטור. פאַקטיש איז דער סאָציאַלער און רעליגיעזער געדאַנק אין דער יידישער ליטעראַטור און לעבן, כמעט דער זעלבער.די אייביקע עטישע ווערטן וואָס דרינגען אַדורך די יידישע תורה און קולטור, אָנהויבנדיק פון אברהם אָבינו, — לויט דער טראַדיציע דער ערשטער באַגרינדער פון מאָנאָטעאיזם — משה רבנו און די נביאים, מיט זייער דערהויבענעם עטיש סאָציאַלן פאַטאָס, זיינען געווען איינס מיט די אידעאַלן און אַספּיראַציעס פון דער יידישער רעליגיע. די רעליגיעזע אידעען פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור זיינען געווען ניט נאָר ספּעציפיש יידיש נאָר אַלגעמיין מענטשלעך. די אַלטע ליטעראַטור ביי יידן האָט מער ווי ערגעץ וואו ביי אַן אַנדער פאָלק, אויסגעדריקט די אידעע פון יושר, פעלקער פאַרברידערונג, זיג פון גערעכטיקייט און עסכאַטאָלאָגישן גלויבן. דער משיחיש יידישער געדאַנק וואָס ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדים, דורך דער געשיכטע פון דער אַלטער יידיש־רעליגיעזער לי־טעראַטור, איז אַ סאָציאַל פּאָציפיסטישער וועלט באַנעם, וואָס האָט משפיע געווען אויפן גאַנצן יידיש רעליגיעזן לעבן. די סאָציאַלע קאַמפּס ענערגיע, מיט וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט זיך אויס־געצייכנט, האָט משפיע געווען אויף דער יידישער רעליגיעזער קול־טור. באַטראַכטן מיר געוויי די צענטראַלע אידעע פון דער יידישער רעליגיעזער קולטור דאַן מוזן מיר זיך שטעלן אויפן שטאַנדפּונקט אַז די רעליגיעזע קולטור באַדייט אויך קולטור מיט אַ ספּעציפישן סאָציאַלן אינהאַלט.

די געשיכטע פון דער רעליגיעזער קולטור הייבט זיך פאַקטיש

אָן מיט תורת משה און די נביאים, מיט זייערע סאָציאַלע אידעען און קאַמף. אָבער דער קאַמף האָט אויך געטראָגן אַ בולטן רעליגיעזן כאַראַקטער. די נביאישע שטרעבונג צו דער אוניווערסאַלער אויס־לייזונג, וואָס איז געווען די ערשטע סאָציאַלע דערוואַכונג אין באַ־גינען פון דער יידישער קולטור, האָט אַנגענומען בולטע רעליגיעזע פאָרמען אַזוי אַז דער באַגינען פון דער סאָציאַלער דערוואַכונג האָט געטראָגן אויף זיך אַ רעליגיעזן חותם.

## 2

דער קלאַסן־געראַנגל אין אַלטן יידנטום איז געגאַנגען צוזאַ־מען מיטן קאַמף קעגן געצנדינסט. די זעלבע נביאים וואָס האָבן געקעמפט קעגן די סוחרישע רייכע און זאַטע שיכטן האָבן אויך געקעמפט קעגן געצנדינסט פון די רייכע. אין נאָמען פון אַן איינ־ציקן גאָט האָט דער נביא געקעמפט פאַר סאָציאַלן יושר און אין נאָמען פון די געצן האָבן די פאַלשע נביאים געקעמפט אויף דער זייט פון די הערשנדיקע קלאַסן.

אין דער מלכים עפּאָכע, אין דער צייט פון אחאב, ירבעם און עמרי, ווען די אַנטוויקלונג פון האַנדל אין דער יידישער מדינה דורך די סוחרים פון צדון (פעניקיע) האָט פאַרשטאַרקט די ממשלה פון געלט און דאָס לוקסוס לעבן פון די רייכע קלאַסן, איז אויך אָפּ־געשוואַכט געוואָרן די יידישע רעליגיעזע טראַדיציע, דער גלויבן אין איין גאָט און דאָס היטן זיינע געבאָטן. דעמאָלט זיינען געקומען די נביאים. אין יענער צייט ווען פון דעם רויב פון דעם אָרעמאַן און פון די אַנגעזאַמלטע פּראָצענטן האָבן זיך דערהויבן גרויסע פּאַלאַצן פון געשליפענע שטיינער און זייערע באַוואוינער האָבן געטרונקען וויין, ביי דעם קלאַנג פון דער לירע, האָבן די נביאים ערקלערט דעם פלאַם־פייערדיקן סאָציאַלן קאַמף קעגן די רויבערשע געצנדינער, וועלכע האָבן געדינט צו אַ גאָט פון האָלץ און שטיין און אויך צום גאָט פון גאָלד און פּראָפיט.

דער מסחר מיט די געצנדינער פון צדון האָט אַריינגעפירט

די געצנדינסט אין ישראל און שומרון. מער ווי אומעטום האָט מען געדינט די צידונישע עבודה זרה, דעם פעניקישן אָפגאָט, אין דער הויפטשטאָט פון שומרון. די קעניגין איזבל און די פריצים און באַאַמטע פון קעניגלעכן הויף, די רויבערישע דעספּאָטן אחאב און איזבל, זיינען ניט נאָר געווען באַשווינדלער פון די אָרעמע נאָר אויך געצנדינער. דאַן זיינען שוין די נביאים־האמת, די יידישע גייסטיקע פירער פון פאָלק אַרויסגעטראָטן צו וועקן צו סאָציאַלן קאַמף.

די נביאים האָבן אויפגעהויבן אַ סאָציאַל רעליגיעזן קאַמף קעגן די רייכע און קעגן איזבלס פּאָליטישע דעספּאָטיע. די סאָציאַלע שנאה האָט זיך פאַראייניקט מיט דער רעליגיעזער שנאה צו געצנ־דינסט.

די נביאים וואָס זיינען דעמאָלסט געווען אָרגאַניזירט אין אַן אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע „בני הנביאים", וועמענס פירער עס זיינען געווען אליהו התשבי און אלישע, האָבן געקעמפט קעגן אַחאבס דעספּאָטיזם, קעגן דער רויבערשער דינאַסטיע ווי קעגן די כנענישע און צידונישע הענדלער מיט זייער פאַלשער וואָג און מאָס, קעגן זייערע קונסטפולע מזבחות און גאָלדענע געטער.

נאָך אליהוס אונטערבראָכענעם קאַמף קעגן דער אחאב דינאַס־טיע אין שומרון, האָבן דעם קאַמף שטאַרקער פאָרגעזעצט, עמוס דער פאַסטוך פון תקוע און שפעטער ירמיהו דער כהן פון ענתות. עמוס האָט אין נאָמען פון איינציקן גאָט פון אמת און צדק, גע־פאָדערט דעם סאָציאַלן קאַמף. ער איז געווען פון די ערשטע יידישע סאָציאַל־רעליגיעזע בונטאַרן, וואָס האָט אין נאָמען פון גאָט און אַלע מענטשן אַן אונטערשייד פון פאָלק און ראַסע, גע־קעמפט קעגן „די שיכורים פון אפרים", וואָס האָבן געדינט צו זייערע געטער אין שכרות און אויסגעלאַסנקייט. עמוס איז געווען פון די גרעסטע סאָציאַלע קעמפער וואָס האָבן מיט ברענענדיקע ווערטער געגאָסן דעם גאַל פון די עלנטע און אָרעמע אין די הערצער פון די רייכע און פאַלשע. עמוס האָט געטראָגן די מעכטיקע קלאַסן קעמפערישע קללה קעגן הערשנדן קלאַס אין נאָמען פון גאָט דעם האַר, וואָס האָט זיך צו אים באַוויזן: „כ'בין ניט קיין נביא

און געהער ניט צום נביאים קרייז, כ׳בין אַ פּאַסטוך און אַ טאָג־אַרבעטער ביי פייגן. נאָר גאָט האָט מיך אַוועקגענומען פון הינטער מיין שאָף און צו מיר געזאָגט אַזוי: גיי זאָג נביאות צו מיין פאָלק ישראל״.

אָבער, ניט בלויז די נביאים, ישעיה, ירמיהו, עמוס, מיכה און די אַנדערע, זיינען אַרויסגעטראָטן אַלס טריבונען פון די אָרעמע קלאַסן, נאָר אויך די שפּעטערדיקע דורות האָבן אויפגעהויבן דעם קלאַסן־קאַמף אַלס רעליגיעז־סאָציאַלן אידעאַל. דער קאַמף האָט זיך בולט אַנגעזען אין דער חשמונאים תקופה. שפּעטער אין קריג פון די פרושים מיט די צדוקים און בעיקר ביי די אסיים (עסייער).

3

די אסיים, וועלכע ווערן באַצייכנט אין תלמוד אַלס „חסידים הראשונים״, האָבן געהאַט די זעלבע אידעאָלאָגיע ווי די פרושים, די מערהייט פון דאַמאָלסטדיקן יידישן פאָלק. זיי האָבן זיך ניט אונטערגעשיידט פון די פרושים און זייער גלויבן אין אַ אייניציקן גאָט און אָפּהיטן אַלע מצוות. זיי האָבן געקעמפט האַנט צו האַנט מיט די פרושים, קעגן די טיראַנישע רוימער. און ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זיי האָבן געגרינדעט זייערע קאָמונעס, און זיך ערנערט פון ערד אַרבעט זיינען זיי ניט געווען אינגאַנצן אָפּגעריסן פון געזעלשאַפטלעכן דרויסנדיקן לעבן. דער היסטאָריקער יוסף פלאַוויוס, וועלכער האָט אַ געוויסע צייט געלעבט צווישן די איסיים האָט געשילדערט דעם מהות פון די רעליגיעזע קאָמונעס. אַזוי שרייבט פלאַוויוס וועגן די איסיים: „זיי פאַראַכטן דאָס לעבן אין רייכקייט און וואונדערבאַר איז די געמיינשאַפטלעכקייט פון אייגנטום צווישן זיי. אַזוי אַז צווישן זיי איז ניטאָ קיינער וואָס זאָל האָבן פּריוואַט־אייגנטום. עס איז ביי זיי אַ געזעץ, אַז ווער ס׳שליסט זיך אָן אין זייער געזעלשאַפט גיט אַוועק זיין פאַרמעגן פאַר דער געזעלשאַפט. איז צווישן זיי ניטאָ ניט די שאַנד פון אָרעמקייט און ניט דער שטאָלץ פון רייכקייט. ווייל די גיטער

פון אַלע יחידים זיינען פאַראייניקט און אַלץ געהערט אַלעמען אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען ברידער".

זיי, די רעליגיעזע קאָמוניסטן, איז אָבער ניט געווען פרעמד דער גייסט פון קלאַסן קאַמף. די איסיים זיינען געווען די שטאַרקסטע קעגנער פון שקלאַפעריי. זיי האָבן טייער באַצאָלט פאַר זייער קאַמף מיט דער רוימישער שקלאַפעריי, ווייל קעמפן קעגן שקלאַפעריי אונטער דער רוימישער הערשאַפט איז געווען אין יענער צייט אַ פאַרברעכן. דער תנא ר' אליעזר האָט דערציילט אַז ווען די רוימער האָבן אים אַרעסטירט צוזאַמען מיט ר' חנינא בן תרדיון, האָט מען אים צווישן זיינע אַנדערע פאַרברעכנס אויך אַריינגערעכנט די זינד וואָס ער האָט באַפרייט זיין שקלאַף. לויט דער קאָמענטירונג פון רש"י האָבן די רוימער פאַרבאָטן די באַפרייאונג פון שקלאַף, ווייל דאָס איז אַ ספּעציעל יידישער געזעץ: „והן גזרו על כך לפי שהוא דת יהודית" (עבודה זרה, י"ז).

די איסיים כיתה איז געווען דער גרעסטער רעליגיעז־סאָציאַליסטישער עקספּערימענט אין אַלטערטום, וואָס קען דינען אַלס מוסטער פאַרן צוקונפטיקן בנין פון סאָציאַליזם.

# ר׳ סעדיה גאון און דער רמב״ם

די שטעלונג פון מאָדערנעם סאָציאַליזם צו דער סאָציאַל־אידעאישער ירושה פון די אַמאָליקע רעליגיעזע דענקער, אַלס סאָציאַל־רעאַקציאָנערע אַריסטאָקראַטישע און פאָלקס־פיינטלעכע, איז אַ באַוואוסטזיניקע פעלשונג פונם אינהאַלט פון דער יידישער רעליגיעזער קולטור, וואָס באַשטייט אין סאָציאַלן פּראָגרעס, אַלס סאַמע תוך פון רעליגיעזן דענקען. הגם מיר שטייען היינט ווייטער אין דער וויסנשאַפט, ספּעציעל אין דער עקאָנאָמיע און סאָציאָלאָגיע, ווי אין דער צייט פון ר׳ סעדיה גאון און דעם רמב״ם, ווייל אין זייער צייט איז נאָך די עקאָנאָמיק בכלל ניט געווען אַנטוויקלט, דאָך ווען מיר טראַכטן זיך טיפער אַריין אין ר׳ סעדיה גאונס און דעם רמב״מס תורה אויסטייטש, אין זייער מאָראַל־פילאָזאָפיע, דערזעען מיר גלייך דעם סאָציאַלן, מען קען רואיק זאָגן דעם סאָציאַליסטישן עלעמענט, אין זייערע לערן.

ניט נאָר האָט ר׳ סעדיה גאון, מיט זיין פילאָזאָפיש טעאָלאָגישער לערע, באַצוועקט צו מאַכן פאָלקאָמער דעם יחיד און דעם קבוץ, נאָר האָט אויך געשילדערט דעם וואָרצל פון סאָציאַלן שלעכטס, וואָס באַשטייט פון געיעג נאָך מאַכט און געלט־גייציקייט. אָט מיט וואָס פאַר אַ ווערטער ר׳ סעדיה גאון, דער גרויסער קעמפער מיט די קאַראַאימער, וועמענס לאָזונג עס איז געווען: „אין אומתנו אומה אלא בתורתה״, (אונדזער פאָלק איז קיין פאָלק ניט, נאָר מיט זיין תורה) ער שרייבט וועגן מקור פון רשעות אין סאָציאַלן לעבן:

„אַז דער מענטש וועט זיך גרויסן, און זיין נפש וועט זיין גרויס אין זיינע אויגן, וועט ער אַרויסגיין פון זיין שיטה, און וועט וועלן פאַרשפּרייטן זיין גרויסקייט אויף נאָענטע און ווייטע. ער וועט זיך וועלן ווייזן אַז ער איז דער איינציקער אין דור, און ער וועט זיך

באַציען מיט ביטול צו יעדנס ראַט און טאַט. און ער וועט אָפּ־שטויסן יעדן געדאַנק וואָס אים געפעלט ניט און די גאַנצע וועלט וועט ער דעמאָלט מייחס זיין צו זיין כוח און באַשרענקטער מעגלעכ־קייט און ער וועט אַפילו וואַגן זיך צו קריגן מיט די בעלי־מלאכות אין זייער מלאכה און ער וועט שטרעבן צו צעברעכן די אַרבעטער... דאָס וועט ברענגען אַז עס זאָלן אויסשפּראָצן קעגן אים אַ סך שונאים און ער וועט זיצן אויפן שאַרף פון אַ שווערד"... אַזאַ בילד פון דיקטאַטור, עקאָנאָמישער און גייסטיקער, גיט אונדז ר' סעדיה גאון.

„און וועגן ענין פון געלט. אַלע קעניגן ווערן געקרוינט נאָר צוליב געלט. און מען זאַמלט איין דאָס מיליטער נאָר צוליב דעם צוועק, די גאַנצע הערשאַפט, די קנאה, שנאה און מלחמה, ווי עס טוען די וועלף און לעמפּערטן, און דער פּיין און דער געשריי פון די אלמנות און יתומים, און אַלע אַנדערע באַרויבטע איז אַלץ צוליב געלט". (מאמר עשירי, הנהגת האדם).

אַזאַ רעאַלן אַנאַליז פון דעם וואָרצל פון סאָציאַלער פאַר־דאַרבונג, קען מען נישט באַצייכענען אַנדערש ווי קלאַסיש. אַזוי אַרום איז דער סאָציאַלער אידעאַל און זיין רעאַליזירונג געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון דער ריין מאָראַלישער אויפגאַבע פון דער אינדיווידועלער פּערזענלעכקייט. און דעם אידעאַל האָט ר" סעדיה גאון פאַרבונדן מיט „ימות המשיח", מיטן קאָלעקטיוויס־טישן אידעאַל פון דער משיח הערשאַפט, מיט די גאולה קאַמפּן פאַר דער אַבסאָלוטער דערלייזונג. (זע, דעם אַכטן מאמר פון „אמונות והדעות", גאולה אחרונה).

2

אין זיין פילאָזאָפישן טראַקטאַט, אין „מורה נבוכים", (חלק ג", פרק כ"ז) זאָגט דער רמב"ם: כונת כלל התורה שני דברים, והוא תקון הנפש ותקון הגוף. תקון הנפש הוא שינתנו להמון דעות אמיתיות, כפי יכלת ותקון הגוף להסיר החמס מביניהם,

והוא שלא יעשה כל איש אדם הישר בעיניו וברצונו וביכלתו, אבל יעשה כל אחד מה שבו תועלת הכל, וסידור עניני המדינה. מיר גיבן דאָ די רייד אין אָרגינאַל, ס'איז קלאָר לויטן רמב"מס רייד, אַז צוויי הויפּט־פּרינציפּן דאָמינירן אין דער תורה: די פאַר־פולקאָמונג פון דער מעטאַפיזיש־פילאָזאָפישע, דאָס גייסטיקע אין לעבן און די פאַרפולקאָמונג פון עקאָנאָמישן לעבן, די מעטאַפיזיש־גייסטיקע פאַרפאָלקאָמונג, מיינט מאַכן זי צוגענגלעך פאַר דער מענטשהייט אין די ראַמען פון זייערע מעגלעכקייטן. די מאַטער־יעלע פאַרפאָלקאָמונג מיינט די סאָציאַלע גערעכטיקייט און די פּאָליטיש געזעלשאַפטלעכע אַבסאָלוטע גלייכהייט.

אויך די מצוות, דער יידישער ריטואַל זיינען לויטן רמב"ם, די סימבאָלן פאַרן תקון העולם, ווי דער רמב"ם זאָגט בפירוש: אַלע מצוות פון די תרי"ג מצוות זיינען אָדער צו געבן די אמתע ווויסנשאַפט, אָדער אָפּצוטאָן דעם שלעכטן ווייסן. צו געבן אַ גערעכטן סדר אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. צו פאַרמיידן עוולות. אָדער, צו לערנען גוטע מידות, אַלץ איז אָפּהענגיק פון דריי זאַכן וויסן, מאָראַל און גערעכטער פּאָליטיש געזעלשאַפטלעכער אויפפירונג". (דאָרט, חלק ג', פּרק ל"א).

און ניט בלויז אין זיין פילאָזאָפיש ווערק, נאָר אויך אין זיין משנה תורה, אין דעם לעצטן חלק פון יורידישע געזעצן, ערקלערט ער דעם סאָציאַלן צדק אַלס אַ רעליגיעזע פליכט, די אויפגאַבע פון דער יידישער מלוכה מוז זיין נאָר צו שאַפן גערעכ־טיקייט אין דער וועלט און פאַרניכטן דאָס רשעות: „ותהיה, מגמתו ומחשבתו להרים דת האמת, ולמלאות העולם צדק ולשבור זרוע הרשעים". (הלכות מלכים, פרק ד', הלכת ג').

אין זיין באַרימטן מאַניפעסט „אגרת תימן", זאָגט ער: הצדקת הרבים הוא דבר שאין ראוי לפחד עליו מן הסכנה".

אזוי ציט זיך דער גאָלדענער פאָדים פון סאָציאַלער גערעכ־טיקייט דורכן רמב"מס תורה. מען דאַרף נאָך צוגעבן דערצו, אַז לויטן רמב"ם, קען דער סאָציאַל עטישער אידעאַל ווערן ערפאַרבינדט מיט די ימות המשיח אין סוף פון זיין געניאַלסטן

ספר משנה תורה: „ס׳זאָל ניט אַרויף אויפן געדאַנק — שרייבט ער — אַז אין משיחס צייטן וועט עפּעס בטול ווערן אין דער אָרד־נונג פון דער וועלט, אָדער עס וועט געשען עפּעס אַ חדוש אין מעשי בראשית, נאָר פאַרקערט, די וועלט וועט זיך ווייטער פירן ווי זי פירט זיך״, דאָס איז דער באַגריף פון עולם הבא לויטן רמב״ם. די משיחס צייטן זיינען שוין לכתחילה איינגעשלאָסן אין דער וועלט אָרדענונג, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין ששת ימי בראשית. גראָד אין זיין לערע וועגן ימות המשיח, קומט דעם רמב״מס לערע צו אַ סינטעז מיט זיין משיח גלויבן.

דער היינטיקער סאָציאַליזם, אַרויסגעשיילט פון זיין מאַטעריאַ־ליסטישן לבוש, מעג זיך באַטראַכטן אַלס יורש און רעאַליזאַטאָר פון די אַלע גערעכטע סאָציאַלע אידעען וועלכע זיינען אַרויסגע־רוקט געוואָרן מצד דעם שעפער פון דער יידישער רעליגיעזער פילאָזאָפיע, דעם גייסטיקן ריז, דעם רמב״ם ז״ל.

# רש״י, דער מאָראַלישער גאון

צווישן די בויער פון דער יידישער קולטור איז ניטאָ קיין איינער וואָס זאָל האָבן אַזוי פיל באַאיינפלוסט די אַנטוויקלונג פון דער אַלט־יידישער רעליגיעזער קולטור, די העברעאישע שפּראַך און אַפילו די מאָדערנע העברעאישע ליטעראַטור, ווי רש״י, דער געניאַלער, אומפאַרגלייכלעכער, אמתער, דערקלערער און קאָמענטאַ־טאָר פון תנ״ך און תלמוד. „פּרשנדתא״ (דער אויסטייטשער פון געזעץ) — דאָס איז דער אָפיציעלער טיטול וואָס די רבנישע און די לומדישע וועלט האָט געגעבן רש״ין.

די רייכע העברעאישע ליטעראַטור פון מיטלאַלטער, דורך דער רענעסאַנס, ביז די לעצטע מאָדערנע עפּאָכן האָט זיך אויס־געהאָדעוועט אויף רש״יס צוויי ריזיקע ווערק, זיינע פּירושים אויפן תנ״ך און תלמוד.

רש״יס פּירושים אויפן תנ״ך און תלמוד זיינען פאַרהייליקט געוואָרן ביי דער יידישער וועלט. אָן זיינע פּירושים וואָלט דער תנ״ך געבליבן ווייט פון פאָלק און דער תלמוד וואָלט פאַרבליבן אַ פאַרזיגלט בוך און אפשר חלילה גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן.

רש״יס פּירוש איז געוואָרן די דריטע תורה פון יידישן פאָלק. אָן רש״י האָט קיינער ניט געוואָגט צו לערנען דעם חומש, און זינט ס׳איז אויסגעפונען געוואָרן דער דרוק האָט מען קיינמאָל ניט געוואָגט אָפּצודרוקן דעם תלמוד בבלי אָן רש״יס פּירוש ביי דער זייט. דער תלמוד בבלי און רשי״ס פּירוש זיינען געוואָרן ווי אַ צונויפגעוואַקסענער צווילינג וואָס מען קען ניט צעשיידן. ער האָט דעם באַבילאָנישן תלמוד געמאַכט צוגענגלעך פאַר די לערנער. אָן רש״י קען מען ניט פאַרשטיין די איינפאַכסטע שטעל אין תלמוד. רש״י איז דורכדעם געוואָרן דער פונדאַמענט פון יידישער בילדונג, פאַרן פאָלק אַזוי גוט ווי פאַר לומדים.

גרויסע מאָראַלישע און פּעדאַגאָגישע כחות האָבן זיך געמוזט פּאַראַייניקן אין דעם גייסטיקן ריז, ווען ער האָט באַגליקט צו שאַפן און אויפשטעלן אַזאַ ריזיקן ליטעראַרישן בנין.

דער פּעדאַגאָגישער טאַלאַנט פון רש״ין איז ניט אָפּצושאַצן. אין דער גאַנצער געשיכטע פון פּעדאַגאָגיע איז ניטאָ אַזאַ אויפטו ווי רש״יס מיט דעם, וואָס ער האָט ערקלערט דעם האַרבסטן און קאָמפּליצירטסטן בוך פון אַלטערטום — דעם תלמוד. ניטאָ קיין מער פאַרוויקלטער און שווערער ספר ווי תלמוד בבלי. אָבער רש״י מיט זיין פּירוש האָט אים אַזוי דערליכטערט, אַז מענטשן מיט מיטלמעסיקע פעאיקייטן און מיט קליינע ידיעות קענען לייכט צוטרעטן צו אים און אים לערנען.

זיין מאָראַלישע ווירקונג אויפן יידישן לעבן איז דעריבער אויך געווען אומגעהויער גרויס. רש״י האָט דעמאָקראַטיזירט די יידישע לערע. ביז רש״ין האָט יעדע יידישע קהלה, כדי צו וויסן דעם יידישן ריטואַל און געזעץ, געמוזט זיך איינגאַנצן פאַרלאָזן אויף אַ לערער, דאָס רוב פון פאָלק האָבן עס אַליין ווייניק געוואוסט. דער תלמוד און זיינע געזעצן זיינען געווען דאָס אייגנטום פון יחידי סגולה, פון ווייניק אינטעלעקטואַלן פון פאָלק. אָבער נאָך רש״ין איז עס געוואָרן דאָס אייגנטום פון גאַנצן פאָלק. דאָס יידישע קולטורעלע לעבן איז אַזוי אַרום דעמאָקראַטיזירט געוואָרן. יעדער איינער האָט שוין געקענט לייכט צוטרעטן צו די שווערע סוגיאָס פון תלמוד, אַליין, אָן אימיצנס הילף, באַנוצנדיק זיך מיט רש״יס פּירוש.

ווען מיר טרעטן־צו צו שרייבן וועגן דעם ווערט פון די מאָנומענטאַלע ווערק פון רש״י, דאַרפן מיר זיך באַקענען מיט די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען צו דער שאַפונג פון זיינע ווערק.

לויטן יידישן גלויבן האָבן יידן געהאַט אין די ערשטע קולטור־דורות צוויי תורות פון איין בשותפותדיקן שורש: איינע אַ שריפטלעכע, אַ קורצע, אַ קאָנדענסירטע, די תורה שבכתב, און די צווייטע אַ ברייטערע און אַ פּרטימדיקע, אָבער אַ מינדלעכע, די תורה שבעל פּה. ביידע — די תורה שבכתב און די תורה

שבעל פה — זיינען, לויט דער יידישער טראַדיציע, געגעבן געוואָרן דעם פאָלק דורך משה אויפן באַרג סיני. פאַרשיידענע סיבות האָבן גורם געווען צו דער דאָזיקער צעטיילונג און איינע פון די צוויי תורות זאָל בלייבן אַ מינדלעכע. די עיקר סיבה איז געווען, וואָס אַלע אויסטייטשונגען און קאָמענטאַרן אויף דער תורה שבכתב האָבן געדאַרפט זיך ציען פון דער טראַדיציע און זיין באַגלייט מיט איר. די דאָזיקע אַרבעט פון אויסטייטשן דעם מיין אין די גרע־נעצן פון דער געשריבענער תורה, האָט דערפאַר געמוזט איבער־געגעבן ווערן צו די געלערנטע פון פאָלק, וואָס זיינען ראוי געווען צו אַזאַ שווערער און אומגעהויער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט און ראָלע. די שריפטלעכע תורה, וואָס איז געווען קורץ און סכע־מאַטיש, האָט מען ניט ערלויבט אַזוי לייכט מפרש צו זיין. מען האָט מורא געהאַט פאַר טעותן און פאַלשע כונות, וואָס קענען אַריינגעבראַכט ווערן מצד די וואָס זיינען ניט גרינדלעך באַהאַוונט אין די טיפענישן פון דער תורה. דעריבער איז דורות־לאַנג געווען אָנגענומען, אַז דער אמתער פשט און דער מיין פון דער תורה איז איבערגעגעבן צו די חכמים פון דור, וואָס האָבן, מיטן כח פון דער איבערגעליפערטער מינדלעכער תורה, די מעגלעכקייט אויפצודעקן יעדן טעות אָדער אָפּנייג פון אמת.

מען האָט פאַרשטאַנען, אַז די קאָמענטירונג און גענויע אויסטייטשונג פון דער תורה ליגט ניט אין איר ווערטלעכן באַגרע־נעצטן טעקסט, נאָר אין פאַרטיפונג און דערגענצונג. די אויסטייטשונג פון דער תורה שבכתב איז אויף אַזאַ אופן געווען אינגאַנצן אָפּהענגיק פון דער תורה שבעל פה, וואָס איז געלעגן אין די הענט פון דער אינטעלעקטועל דערהויבענער שיכט פון פאָלק. דער אָנטגילטיקער באַשייד פון דער תורה איז געלעגן אין די הענט פון דער גייסטיקער אויטאָריטעט. אָבער שפּעטער, ווען די תורה, די טראַדיציע, דאָס פּראַקטישע רעליגיעזע לעבן איז שוין געווען מער־ווייניקער איינגע־פונדעוועט, האָט מען שוין געוואָגט אויפצושרייבן אויף פּאַרמעט די תורה שבעל פה. דאָס איז געווען אין דער עפּאָכע פון „חתימת התלמוד" — דער אָפּשלוס פון תלמוד. מער האָט מען אָבער ניט

געוואַגט. דורות זיינען אַוועק און קיין קאָמענטאַרן אויפן תלמוד האָט מען ניט געשריבן.

אָבער שפּעטער, דורות נאָכדעם ווי דער באַבילאָנישער צענטער פון יידנטום איז חרוב געוואָרן, איז אַנטשטאַנען די געפאַר פאַר אַ פאַלשער אויסטייטשונג פון תלמוד און אַזוי ווי דער תלמוד איז מער ניט ווי אַ טראַדיציאָנעלער קאָמענטאַר אויף תורה שבכתב, איז ווען עס האָט זיך געשאַפן אַ יסוד פאַר דער פאַרקריפלונג פון דער מינדלעכער תורה און עס האָט געדראָט אַ סכנה דער גאַנצקייט און איינהייטלעכקייט פון תלמוד, האָט במילא די זעלבע סכנה געדראָט אויך דעם תנ״ך. דעמאָלט האָט מען געמוזט אָנהויבן שרייבן קאָ־מענטאָרן אויף דיביידע תורות, און דעמאָלט האָט מען אָנגעהויבן שרייבן די „קונטרסים״ (נאָטיץ־העפטן).

די פּירושים וואָס האָבן עקזיסטירט פאַר רש״ין האָט מען גע־רופן „קונטרסים״. דאָס זיינען געווען נאָטיץ־העפטן געשריבן סע־פּעראַט, אויף די זייטן פון תלמוד־פאַרמעט. דאָס זיינען געווען זעלבסטשטענדיקע מאַנוסקריפּטן, און זיי זיינען געשאַפן געוואָרן ניט אַזוי פאַרן פאָלק, ווי פאַרן פּערזענלעכן געברויך פון די ראשי ישיבות און די תלמידים צו דערלייכטערן דעם תלמודישן טעקסט.

רש״י, נאָך אין זיינע יונגע יאָרן, ווען ער האָט געלערנט אין די באַרימטע ישיבות אין דייטשלאַנד ביים רהיין, האָט אָנגעהויבן צו זאַמלען די „קונטרסים״. די פאַרגרייזונג פון תלמודישן טעקסט, וואָס האָט ניט געלאָזן רוען די פריערדיקע לערער, — ספּעציעל דעם גרויסן תלמודישן אויטאָריטעט, „רבנו גרשום מאור הגולה״, וואָס האָט אַ סך געאַרבעט צו קאָרעגירן דעם תלמודישן טעקסט ער זאָל זיין ריין פון גרייזן — האָט אויך באַוואויגן רש״ין צו שאַפן אַ „קונטרס״ אָבער דער הויפּט־געדאַנק פון רש״י איז געווען, אַז זיין „קונטרס״ זאָל ניט זיין בלויז פאַר לומדים, נאָר אַז דאָס פאָלק, די ברייטע מאַסן, זאָלן קענען צוטרעטן דירעקט צום גרויסן קוואַל פון תורה שבעל פּה, וואָס האָט געהערט ביז יענער צייט צו יחידי סגולה. די אויפגאַבע איז באַשטאַנען צו מאַכן פאַרשטענדלעך דעם גרויסן

קולטור־אוצר פאַר יעדן, און אַזוי איז אַנטשטאַנען רש״יס „קונטרס״, זיין מאָנומענטאַלער קאָמענטאַר צום תלמוד.

רש״י האָט מיט גרויס קונציקייט אויסגענוצט די אַלע ווייניק פּאָפּולערע פירושים פון זיינע פאַרגייער, די אַלע דערקלערונגען און טייטשן פון די ראשי ישיבות, וואָס ער האָט געפונען פאַרצייכנט אין די „קונטרסים״. פון דעם דאָזיקן פּיל־פאַרביקן מאַטעריאַל האָט רש״י באַוויזן אויסצוקלייבן דאָס נויטיקסטע און געמאַכט דערפון אַ גאַנצע פאָלקאָמע זאַך.

קודם האָט ער פאַרענדיקט די גרויסע אַרבעט, וואָס ס׳האָט שוין אָנגעהויבן רבנו גרשום מאור הגולה — אַרויסצובאַקומען דעם ריכטיקן טעקסט, באַפרייען אים פון אַלע גרייזן און פעלערן, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן זינט דער תלמוד איז געשריבן געוואָרן צום ערשטן מאָל אין בבל דורך אַפשרייבער און קאָפּיסטן, און דאַן איז ער צוגעטראָטן צו ערקלערן אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן דעם קאָמ־פּליצירטן טעקסט.

זיין שאַרף קריטישער חוש און זיין אויסערגעוויינלעכע בקיאות האָבן אים מיטגעהאָלפן דורכצופירן זיין אַרבעט בשלימות.

ווען רש״יס „קונטרס״ איז אַרויס איז ער אָנגענומען געוואָרן אומעטום, וואו יידן זיינען געווען פאַרשפּרייט. אַלע „קונטרסים״ זיינען פאַרשוואונדן און געבליבן איז נאָר דער איינציקער „קונטרס״ פון רש״י. אין דער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור איז רש״יס פירוש אויף תלמוד גערופן געוואָרן דער „קונטרס״. אַזוי ווערט אויך דער פירוש באַצייכנט פון די בעלי התוספות.

דער „קונטרס״ איז פאַרבליבן דער איינציקער קלאַסישער פירוש אין דער גאַנצער יידישער וועלט. עס איז געקומען אַ מאָמענט אין דער געשיכטע פון אונטערציען אַ סך־הכל פון אַ זאַמלונג און פאַר־ענדיקונג פון אַ גרויסן ליטעראַרישן פאַרמעגן. רש״י האָט פאַרענדיקט די גרויסע אַרבעט. דורך רשי״ס ווערק האָט דאָס פאָלק ערוואָרבן די שליסלען צום אוצר פון דער יידישער קולטור־פּיראַמידע, צו דעם

רעזערוואָר פון העכסטן יידישן אינטעלעקטואַלן שוואונג, צו דער גרויסער ענציקלאָפּעדיע פון יידישן ריטואַל, עטישן און געזעצלעכן וויסן — דעם תּלמוד.

2

מיט וואָס ערקלערט זיך דער אויסערגעוויינלעכער און מאָ־מענטאַלער אינטערעס מצד די לומדישע שיכטן פון פאָלק אין דעם „קונטרס" פון רש"י אין יענער צייט ? פאַרוואָס איז ער אויפגענומען געוואָרן מיט דער גרעסטער פרייד אין אַלע יידישע צענטערס ווי דאָס טייערסטע רעליגיעז־קולטורעלע ווערק, נאָך וועלכן גאַנצע דורות האָבן געגאַרט און געהאַפּט ? און מיט וואָס איז עס רש"י געוואָרן אויף שטענדיק דער מוסטער, דער איינציקער און גרעסטער בוי־מייסטער פון דער תּלמודישער וויסנשאַפט ?

דער ענטפער איז אַ פּשוטער : ביז רש"ין האָט געפעלט די ריכטיקע מעטאָדע אויף אַריינצודרינגען אין די טיפע וועגן פון תּלמודישן ים, צו פאַרשטיין די טיפע געדאַנקען און לערן פון דעם דאָזיקן אַלט־יידישן ליטעראַרישן אוצר. און רש"י האָט עס געגעבן. מיט זיין פּירוש האָט ער מיטאַמאָל אויפגעלויכטן די דאָזיקע טונ־קעלע וועלט. ער האָט אַזוי ווי אַראָפּגענומען אַ געדיכטן שלייער פון די אויגן. קודם כל האָט ער אין זיין פּירוש באַוויזן צו געבן קורץ און קלאָר דעם תּוך פון תּלמוד, דאָס וואָס ווערט פאַרשטאַנען אונ־טערן וואָרט פּשט. אַנדערש געזאָגט : ער האָט אַריינגעטראָגן דאָס סיסטעמאַטישע דענקען און שטרענג־לאָגישן אַנאַליז אין דער תּלמודי־שער פאַרוויקלטקייט און קאָמפּליצירטקייט. זיין אויפטו איז געווען מער פון אַלץ סיסטעמאַטישקייט, לאָגיק און קלאָרקייט אַנשטאָט סכאָלאַסטיק. אין דעם צעבושעוועטן ים פון תּלמוד האָט ער אַרויס־געבראַכט די גאַנצקייט, אַן איינהייטלעכן אינהאַלט. און די גאַנצקייט איז אים געלונגען אַרויסצוברענגען דורך זיין אומגעהויערער קאָנדענ־סירטקייט און זעלבסט־באַשרענקונג. די באַשרענקונג פון זיין שרייבן און ערקלערן דריקט זיך אויס אין זיין אויסערגעוויינלעכער קורצ־

קייט. ער זאָגט ניט איבער קיין געדאַנק עטלעכע מאָל. ניטאָ קיין איבעריק וואָרט אין דעם גאַנצן פּירוש. אין דער גאַנצער ליטעראַטור פון דער וועלט איז אפשר ניטאָ נאָך איינער צו רש״ין, וואָס האָט אַזוי פאַרשטאַנען דעם „סוד הצמצום״ פון וואָרט.

דער ווערט פון אַ פּירוש באַשטייט אין האַרמאָניע פון געפיל און שכל. ביים קאָמענטירן און ערקלערן האַרבע וויסנשאַפטלעכע ענינים פאָדערט זיך ניט בלויז באַהאַוונטקייט אין דעם ענין, אַנאַ־ליטיק און שאַרפזיניקייט, נאָר אויך קינסטלערישע אינטואיציע. פון דער סביבה, אין וועלכער רש״י האָט געלעבט און געאָטעמט, און וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיטן תלמודישן גייסט, האָט ער אַריינגע־זויגן די תלמודישע וועלט אין זיין האַרץ. און מיט זיין היסטאָרישן חוש האָט ער באַוויזן זיך איינצולעבן אין דער וועלט פון די תנאים און אמוראים, די שעפער פון תלמוד, זיך צו באַקענען מיט אַלע איינצלהייטן פון תלמודישן לעבן אוןווירקן, אַזוי ווי ער וואָלט געווען באמת אַ קינד פון יענער צייט. דאָס האָט אים געעפנט דעם וועג צום אָריגינעלן אמתן מיין פון תלמוד. אַפילו מיט דער שפּראַך פון תלמוד האָט ער זיך איינגעלעבט ווי מיט אַ מוטער־שפּראַך. אַ גרוי־סער העברעאישער וואָרט־קינסטלער, איז ער געבליבן טריי צום באַבי־לאָניש־אַראַמישן טעקסט.

דער ערפאָלג פון רש״יס פּירוש האָט אויך אַ פּעדאַגאָגישן באַזיס. דער פּעדאַגאָגישער ציל איז שטענדיק פאַר זיינע אויגן. דער פּעדאַגאָגישער חוש איז ביי רש״ין געווען שטאַרק אַנטוויקלט. צום ערשטן ערקלערט ער דאָס לייכטע און דאָס שווערע ווערט שוין במילא קלאָר. ער האָט אויך אַ בילדלעך אופן אין ערקלערן, וואָס ווירקט שטאַרק אויך אויף דער פּסיכיק פון לייענער. די אַלע פּעאיקייטן האָבן אים געהאָלפן אויסצוגלייכן די בערג און טאָלן פון דער ריזיקער לאַנדשאַפט פון תלמוד און מאַכן גרינג פאַר יעדן לערנער צו גיין און שפּאַצירן אין אים. קורץ, די אָריגינאַליטעט פון רש״יס פּירוש באַשטייט הויפּטזעכלעך אין די מעלות פון קלאָרקייט, סיסטעמאַ־טישקייט און אַנדערע פּעדאַגאָגישע מיטלען. דורכדעם איז רש״ין גע־לונגען איבערצוגיסן דעם תלמוד אין אַ נייער פאָרם. ער האָט ניט

גענוצט קיין ברוכוואַרג, פּיצלעך, שערבלעך, און צונויפגעשטוקעוועט אַ פּירוש, נאָר ער האָט אויסגעפאָרמט אַ גאַנץ, איינהייטלעך ווערק. דער פּירוש איז געגאָסן פון איין שטיק, געשאַפן אין דער זעלבער קינסטלערישער פאָרם ווי עס זיינען געשאַפן געוואָרן די קדמונישע ספרים. און אַזוי איז דער פּירוש רש״י געוואָרן דער פונדאַמענ־טאַלסטער פּעדאַגאָגישער האַנטבוך פאַר דער תּלמודישער וויסנשאַפט. די שטרענגקייט, סיסטעמאַטישקייט און קלאָרקייט פון זיין דענקען און שרייבן האָבן געמאַכט דעם פּירוש פאַר דעם פּאָפּולערסטן און באַליבטסטן ביים פאָלק. די זעלבע מעלות זיינען אויך די גרונט־מאָטיוון פאַר וואָס רש״י האָט צוגעצויגן צו זיך די תּלמודישע ריזן פון פראַנקרייך און פאַרוואָס ער איז געוואָרן דער גרעסטער לערער פון יידישקייט פאַר אַלע דורות.

די אַלט־יידישע באַציאונג צו רש״ין שטעלט מיט זיך פאָר אַ רירנדיק ליכטיק בילד וואָס האָט קיין גלייכן ניט.

3

ביים צוטרעטן צום שרייבן דעם פּירוש האָט רש״י קודם־כּל אין זינען געהאַט די פאָרם און די שפּראַך. ס׳איז אמת, אַז דער אָריגינעלער יידישער וועלט־באַנעם אונטערשיידט זיך ווייט פון דעם היידניש־העלענישן באַנעם, וואָס זיין קלאַסישער אויסדרוק איז די פאַרגעטערונג פון פאָרם און בילד. דער ייד האָט שטענדיק געגעבן די בכורה דעם אינערלעכן מיין, דעם אינהאַלט איבער דער פאָרם. אַזוי איז געווען אין לעבן און אַפילו אין דער ליטעראַטור האָט מען געלייגט מער געוויכט אויפן אינהאַלט ווי אויף דער פאָרם — איך מיין דאָ סטיל און שפּראַך. מיט דעם דערקלערן זיך די פאַרגרייזטע נוסחאות און גירסאות אין תּלמוד, וואו עס פאָדערט זיך אַ קריטישער טאַלאַנט זיי אויסצוגלייכן. די פאָרם, דאָס הייסט דער שפּראַכלעכער לבוש, איז ניט גרינגגעשעצט געוואָרן, נאָר איז אונטערגעוואָרפן גע־וואָרן דעם אינהאַלט. דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט פאַרלאָרן זיינע נאַציאָנאַלע פאָרמען פון לאַנד און שפּראַך, האָט דעריבער ערלויבט

איבערצורייסן די תורה־קולטור פון העברעאיש צו אַראַמיש, סיריש א. ד. גל. שפּעטער אָבער, ווען דער אינהאַלט האָט געדאַרפט פול און געבוי פעסטגעשטעלט ווערן, האָט מען געזוכט די אייגנאַרטיקע פאָרם, דעם פּאַסנדן סטיל און מען האָט געצויגן צוריק צו העברעאיש. רש״י האָט זיך אומגעקערט צו דער אָרגאַנישער אַלטער פאָרם, צו דער העברעאישער שפּראַך. רש״י האָט דעם אַלטן ווייַן אַריינגעגאָסן צוריק אין דער אַלטער שיינער כּלי.

רש״י איז דער שאַפער פון דער העברעאישער פּראָזע. ס׳איז כמעט גאָרניט געמאָלט קיין גוטער העברעאישער סטיליסט וואָס זאָל ניט האָבן געגאַנגען אין וואונדערלעכן שפּראַכלעכן חדר פון רש״ין.

רש״יס סטיל פאַרמאָגט אַזויפיל ווייכקייט און גראַציע, אַזויפיל עלאַסטישקייט און זינגעוודיקייט, גלייך ווי ער וואָלט באַשאַפן געוואָרן אייגנצוזינגען קינדער אין די וויגן. די וואָס האָבן יינגל־וויז אין אַלטן היימישן חדר איינגעזאַפּט אין זיך די זיסע קלאַנגען פון רבישן קנייטש פון, למשל, דעם „ואני בבואי מפדן ארם״ מיט רש״יס גלעטנדיקן פירוש און דעם רבינס ספּעציפישן אויס־זינגען און אויסטייטשן די שטעלע — די קענען זיך לייכט אויס־מאָלן דעם גרויסן באַדייט פון רש״יס שפּראַכלעכן חן און זיינע געניאַלע אויסדרוקס־מיטלען.

רש״יס וואָרט־פאָרמען און שפּראַכלעכע בילדער — זיין סטיליסטיק, האָבן פאַרכישופט די עסטעטישע וואָרט־קינסטלער פון דער העברעאישער שפּראַך. פון אַלטן העברעאישן שפּראַך־גראַניט האָט רש״י געהאַקט נייע ווערטער און בילדער. זיין סטיל אויפטו איז אַן אַרבעט, פון וועלכן די שפּעטערדיקע העברעאישע ליטעראַטור האָט געגאָסן און געניסט נאָך איצט.

רש״יס סטיל איז שפּעטער מיט קליינע נוסחאות איבערגע־פלאַנצט געוואָרן דורך זיינע נאָכפאָלגער. זיין סטיל האָט געדינט אַלס מוסטער פאַר מוסר ספרים און די בעסער געפאָרמטע חסידישע ספרים, וועלכע האָבן זיך אָגב אויך באַנוצט מיטן באַרימטן קיילעכ־

דיקן „רש״י כתב״, די אַנגענומענע סקריפּטור, אין וועלכער מען שרייבט די מערסטע הלכה ספרים.

רש״י האָט צוגעפּאַסט אַ נייעם סטיל־געפעס פאַרן אייגנ־אַרטיק יידישן אינהאַלט. זיין סטיל איז וואונדערבאַר צוגעפּאַסט צו זיין געדאַנקלעכן אינהאַלט. זיין סטיל איז נאַטירלעך העברעאישער סטיל, דער אייגנאַרטיקער, ציכטיקער, שורשדיקער משנה און מדרש סטיל, וואָס פאַרבליפט מיט זיין חן, מיט זיין קורצקייט, שניידיקער קלאָרקייט און בילדערישער רייכקייט. רש״י נוצט אין זיינע פירושים וואונדערבאַרע מעטאַפאָרן און אימאַזשן וועגן דער נאַטור. אין רייכער פאַרב שילדערט ער „דעם באַגינען וואָס ברעכט אויס אין רויטקייט אויף די בערג״, „די בלאַסע לבנה וואָס באַגיסט דעם טאָל״ א. אַז. וו. מיט זיין סטיל האָט רש״י געלייגט דעם יסוד פאַר דער רענעסאַנס פון העברעאישן וואָרט. ער האָט ער־פונדן אַ סך ווערטער וואָס האָבן זיך איינגעבירגערט אין דער העברעאישער ליטעראַטור.

אויסער זיין גוניאַלן העברעאישן סטיל איז רש״י אויך באַוואוסט מיט זיינע פילאָלאָגישע קענטענישן. וועגן די פראַנצוי־זישע ווערטער פון זיין פירוש זיינען געשריבן געוואָרן ספּעציעלע ווערק פון די פילאָלאָגן דאַרמשטעטער און לאַמבערדט.

4

רש״י איז אָבער באַרימט געוואָרן ניט בלויז אַלס תלמוד־דערקלערער. ער איז ניט ווייניקער באַוואוסט מיט זיין פירוש אויף דער תורה און אויף נביאים און כתובים — דעם תנ״ך. דער חומש איז מיט דער צייט געוואָרן אַ מין סינאָנים מיט רש״ין. פאַרן תלמוד האָט דאָס יידישע קינד געמוזט לערנען „חומש מיט רש״י״. רש״י האָט טאַקע דורכן חומש אַרויפגעפירט דעם יונגן יידישן לערנער אויף די שאַרפע רעלסן פון דער שווערער הלכה.

רש״יס קלאַסישער פירוש אויף תנ״ך איז אַ ליטעראַרישע ריזן־אַרבעט, וואָס וואַלט אויסגעשעפּט די כוחות פון יעדן אַנדערן

וואָס האָט ניט דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל פון יידישער גייסטיקייט און וויסן.

דער פּירוש, וואָס איז געאָרדנט לויט אַלע סדרות פון חומש, לויט די חמש מגילות און לויט אַלע ספרים פון דער ביבל, איז געוואָרן דער ערשטער פּעדאַגאָגישער פּירוש וואָס יעדער דערציער האָט אָנגעהויבן באַנוצן ביים דערציען זיין קינד, ביים צוטרעטן צום הייליקן חומש טעקסט און ביים אויפקלערן די עלעמענטאַרע יסודות פון דער יידישער רעליגיע און ריטואַל, יידישער עטיק און יידישער לעבנס־חכמה.

דורך רש״ין האָט מען רעזומירט דעם אינהאַלט פון די הלכהשע דינים וואָס אין חומש. רש״יס פּירוש צום חומש איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ מין אַריינפיר צו דער שווערער הלכה.

ניט וויייניקער ערציערישׂ ווי פאַר קינדער האָט דער פּירוש געדינט די דערוואַקסענע, וועלכע האָבן אָנערקענט דעם פּירוש אַלס איינציקן שליסל צו דער תורה.

רש״יס פּירוש אויף חומש אונטערשיידט זיך אַ סך פון זיין פּירוש אויפן תלמוד. אינם פּירוש אויפן תלמוד איז רש״י דער שטרענ־גער, ניכטערער, קאַלטער, סיסטעמאַטישער לערער, וועמעס מאָס און ליניע איז דער גראַדער שכל, אָבער אין זיין פּירוש אויף תנ״ך, ספּעציעל אויף חומש, אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז רש״י אַלס דער טי־פער מאַמין און צאַרט־פרומער צדיק, מיט אַ תמימותדיקן גלויבן אין די לעגענדעס און ווערטער פון די תלמודיסטן און בעלי מדרש. אויפן פּירוש פון חומש שוועבט אַ הויך פון יידיש־פרומען חן, פון יידישער גלויביקייט און פּשטות.

אין זיין פאַרשטיין און קאָמענטירן דעם תנ״ך האָט רש״י זיך אויסגעצייכנט מיט אַ דינעם געפיל, מיט קינדערישער תמימות און האַרציקער פּשטות. ער האָט דערפאַר באַליבט געמאַכט זיין ווערק ביים פאָלק. חומש און רש״י זיינען אין באַוואוסטזיין פון פאָלק געוואָרן איין גאַנצע זאַך. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס דער פּירוש אויף חומש איז אינגאַנצן געבויט אויף מדרשים און ילקוטים, טרעט דער מחבר גאַנץ אָפט אָפּ פון ילקוטים און גיט צו זיינע

אייגענע געדאַנקען און באַלייכטונגען צו דעם וואָס די קדמונים האָבן געזאָגט, אַזוי אַז עס פּילט זיך שטענדיק דער אייגנאַרטיקער אינדיווידועלער שטעמפּל פון רש״ין.

רש״יס פּירוש איז געווען דאָס ערשטע יידישע בוך וואָס איז אַרויף אויפן דרוק־וואַרשטאַט (אין יאָר 1475 אין דער אי־טאַליענישער שטאָט רעדזשיא). אויף רש״יס פּירוש אויף חומש זיינען אויך אָנגעשריבן געוואָרן אַ סך פּירושים, וואָס האָבן מיט פּלייס געגלידערט און געפּאָרשט זיין יעדער וואָרט. די מער באַוואוסטע פּירושים זיינען דער „מזרחי״ פון אַ מאַראָקאַנישן מיטל־אַלטערלעכן דענקער; „גור אריה״ פון מהר״ל מפּראָג, און דער פּאָ־פּולערער „שפתי חכמים״, וואָס איז געדרוקט אין יעדער חומש צו־זאַמען מיט רש״י. רש״יס פּירוש איז אויך שפּעטער עטלעכע מאָל אָנאָנים איבערזעצט געוואָרן אויף יידיש. (זע בית דוד, בית יהודה, באַלאַבאַן דרוק, לעמבערג, 1909).

פון רש״יס פּירושים אויף תנ״ך און תלמוד קריגן מיר אויך דעם געדאַנקען־גאַנג פון דעם גייסטיקן ריז. מען זעט ניט נאָר ווי ער האָט זיך דערגרונטעוועט צו דער שיינקייט און רייכן וויסן פון דער ביבל און דעם תלמוד, נאָר טויזנטער פּערלדיקע אייגענע געדאַנקען זיינע זיינען צעוואָרפן איבער זיינע קאָלאָסאַלע ווערק. דאָרט דערקענען מיר דעם כח פון רש״ין אויפן געביט פון אַלגע־מיינעם וויסן פון זיין צייט; זיין פאַרשטענדעניש פאַר פילאָזאָפישן און עטישן געדאַנק פון די נביאים און תלמוד ביז זיין אייגענער צייט. אַזוי אַז זיין פּירוש איז אַן אמתע ענציקלאָפּעדיע פון נאַטור־וויסנשאַפט, מעטאַפיזיק, פיזיק, מעדיצין, אַנאַטאָמיע, אַסטראָנאָמיע, פילאָלאָגיע און אויך כראָנאָלאָגיע און קולטור געשיכטע, ווי זיי זיי־נען געווען אין זיין עפּאָכע.

רש״י האָט אויפגעדעקט די גאַנצע וועלט פון וויסן און גע־דאַנק פון די נביאים און דעם תלמוד פאַר דעם „עם הספר״, פאַר דעם פאָלק וואָס האָט אינערלעך געדורשט אַריינצודרינגען אין יענע גייסטיקע וועלטן.

רש״יס מעכטיקער איינפלוס אויף די שפעטערדיקע ביבל־קאָמענטאַרן איז געווען זייער גרויס. דער איינפלוס פילט זיך אַפילו ביי די קריסטלעכע ביבל־קענער. דער גרעסטער ביבל־פאָרשער פון מיטלאַלטער, דע־לירא, האָט זיך באַנוצט מיט רש״יס פירוש און איז פון אים שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן. נאָך דע־ליראס ווערק האָט דער רעפאָרמאַטאָר פון קריסטנטום, מאַרטין לוטער, זיך באַקענט מיט רש״יס דערקלערונגען און זיך באַנוצט ביי זיין באַקאַנטער ביבל־איבערזעצונג אין דייטש.

5

מיט ניין הונדערט יאָר צוריק איז אויפגעגאַנגען אין דער יידישער וועלט דער שטערן פון רבונו שלמה יצחקי (די איניציאַלן פון נאָמען רש״י).

געבאָרן געוואָרן איז ער אין יאָר 1040 (ד׳ ת״ת) אין דער פראַנצויזישער שטאָט טרואַ, באַוואוסט אין דער רבנישער ליטעראַטור אַלס טרויאש, די הויפט־שטאָט פון דער פראָווינץ שאַמפּאַניע, אין זעלבן יאָר ווען ס׳איז געשטאָרבן דער באַרימטער גרינדער פון די פראַנצויזישע ישיבות, רבנו גרשום מאור הגולה. לויט אַן אַנדער טראַדיציע איז רש״י געבאָרן געוואָרן אין זעלבן יאָר ווען עס איז געשטאָרבן דער לעצטער פון די באַבילאָנישע גאונים, רב האי גאון. רש״י האָט איבערגענומען די תלמודישע אויטאָריטעט און גייסטיקע פירערשאַפט פון ביידן.

די לעגענדע האָט רש״ין ניט אָפּגעלאָזן אויף אַ מינוט. זיין געבורט, זיין קינדהייט, זיין יוגנט, זיין גאַנץ לעבן און זיין טויט האָט די פאָלקס־פאַנטאַזיע אַרומגעשפּינט מיט גאָלדענע פעדים פון לעגענדע. אַט אַזוי הויבט זיך אָן די לעגענדע וועגן רש״יס געבורט:

רש״יס פאָטער, ר׳ יצחק, איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן. ער איז אָבער געווען צופרידן מיט זיין אָרעמקייט, האָט זיך ניט באַקלאָגט און ניט געזאָרגט.

די איינציקע זאָרג וואָס ער האָט געהאַט איז געווען ער זאָל האָבן אַ קינד.

איינמאָל איז ער אַוועק צום פּאַרט אָפּוואַרטן אַ שיף, זוכן עפּעס צו פאַרדינען, ער האָט אָבער קיין אַרבעט ניט געפונען. אַ פאַרצווייפל־טער האָט ער אַרומגעוואַנדערט ביים ברעג ים, פּלוצלונג האָט ער באַמערקט אויפן זאַמד אַ שימערירנדן שטיין. ער האָט דעם שטיין אויפגעהויבן און דערזען אַז דאָס איז אַ בריליאַנט. ווען ער איז אַוועק מיט דעם בריליאַנט צום דימענט־שלייפער האָט אים דער שליי־פער מיט פאַרוואונדערונג געפרעגט: וואו האָסטו געגומען אַזאַ ברי־ליאַנט? אַזאַ דימענט — האָט ער אים געזאָגט — געפינט זיך נאָר איינער אויף דער וועלט. שוין יאָרן און יאָרן ווי דער בישאָף זוכט אַרום אַזאַ שטיין און קען ניט געפינען. דער בישאָף מאַכט אַ הייליקע פיגור פון גאָלד און מען דאַרף האָבן פונקט אַזאַ דימענט כדי צו מאַכן פון דעם די אויגן. דער שלייפער איז טאַקע גלייך אַוועק און דערציילט דעם בישאָף וועגן דעם דימענט וואָס ער האָט געזען ביים יידן. דער בישאָף איז גלייך געקומען צו ר׳ יצחקן און האָט אים אָנגעבאָטן אַ גרויסע סומע פאַרן דימענט. רב יצחק האָט אָבער ניט געוואָלט אַז דער דימענט זאָל לייכטן אין די אויגן פון אַ געץ, און ער האָט דעם בישאָף ענטזאָגט צו פאַרקויפן דעם דימענט.

ווען די קריסטן האָבן אים אָבער געוואָלט צווינגען מיט געוואַלט ער זאָל זיי אַוועקגעבן דעם דימענט, האָט ער דעם טייערן שטיין אַריינגעוואָרפן אין וואַסער.

דעמאָלט איז אַרויס אַ קול פון הימל און אויסגערופן: דער־פאַר וועסטו געבוירן אַ זון וואָס וועט באַלייכטן די אויגן פון פאָלק ישראל.

אין אַ יאָר אַרום איז געבוירן געוואָרן רש״י.

רש״יס פאָטער האָט געהייסן רב יצחק און איז געווען אַ גרויסער קענער פון תלמוד. אין אייניקע ערטער פון זיין פירוש ברענגט רש״י ערקלערונגען פון זיין פאָטער.

רש״י איז דערצויגן געוואָרן אין דער שטאָט טרוא, דער האַנדלס־צענטער פון דער פּראָווינץ שאַמפּאַניע. אָבער נאָך זייענדיק גאָר יונג האָט ער זיך געלאָזט איבער יענער זייט רהיין צו שעפּן תורה פון די דאַמאָלסטדיקע הויפּטצענטרען פון תלמודישער וויסנשאַפט,

וואָס זיינען געווען באַוואוסט אַלס „חכמי לותיר" (לאָטאַרינגע) און די רהיינישע שטעט מיינץ, שפייער און וואָרמס, וואָס ר' גרשום מאור הגולה האָט געגרינדעט.

רש"יס ערשטער רבי איז געווען ר' גרשומס תלמיד, ר' יעקב בן יקר, וועלכער האָט געהאַט אויף אים אַ גרויסן איינפלוס. רש"י דערמאָנט אים אַ סך מאָל אין זיינע פירושים אונטערן נאָמען „מיין אַלטער לערער". נאָכן טויט פון זיין רבין איז רש"י אַוועק קיין מיינץ. אַ געוויסע צייט האָט ער אויך פאַרבראַכט אין שפייער און שפּעטער אין נארבאָן און לוגעל ביי ר' משה הדרשן. ער האָט אויך באַזוכט גריכנלאַנד, עגיפטן, פּאַלעסטינע און פּערסיע. ערשט אין יאָר 1065 האָט ער זיך צוריקגעקערט אין זיין געבורט־שטאָט, וואו ער האָט געגרינדעט זיין ישיבה וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן דער וויכטיקסטער תורה־צענטער אין דער וועלט.

צוליב זיין גרויסער חכמה און גייסטרייכקייט איז רש"י פאַרערט געוואָרן אין אַלע קרייזן פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד. פון אַלע עקן פון דער יידישער וועלט האָבן זיך געצויגן בריוו צו אים מיט שאלות וועגן שווערע דינים, פאַרפּלאָנטערטע הלכות און רש"י ענטפערט אויף זיינע תשובות מיט געדולד, מיט קלאָר־קייט און מיט אַ טיפן, רייכן וויסן פון דער גאַנצער תלמודישער ליטעראַטור.

זיינע ווערק און זיין לערע האָט רש"י געשאַפן און פאַרשפּרייט אונטער שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען. צייטנווייז האָט אים אייב־פאַך געפעלט ברויט און קליידער, און כאָטש ער איז געווען דער רב פון טרויא און אומגעגנד האָט ער געהאַלטן וויינגערטנער און געהאַנדלט מיט וויין, און אין דער זעלבער צייט זיך אָפּגעגעבן מיט זיין ישיבה און מיטן שרייבן זיינע ריזיקע ווערק. טרויא און די איבעריקע שטעט פון דער פּראָווינץ, שאַמפּאַניע, צווישן זיי אויך פּאַריז, זיינען געוואָרן די תורה־צענטערס פון וועלט־יידנטום, ווי אַמאָל בבל. פראַנקרייך איז דעמאָלט געווען דאָס קלאַסישע לאַנד פון תלמודישן שטודיום. רש"י איז געווען דער פאָלקאָמענער תלמודי־

שער ייד, דער ייד וואָס האָט פאַרקערפּערט אין זיך די מאָראַלישע גאַנצקייט פון דער תורה און תּלמוד.

דער שטעמפּל פון דער עטישער נאַטור ליגט אויך אויף זיין פּירוש. אין די פאַלן וואו רש״ין, מיט זיין גאַנצער געניאַלקייט, איז דאָך ניט געלונגען צו דערגיין דעם מיין פון אַ קאָמפּליצירטן תּלמודישן זאַץ האָט ער מיט זיין האַרציקער עניות און פּשטות זיך אָפן מודה געווען און געשריבן „לא ידעתי פּירושו״, „איך ווייס ניט דעם מיין״, אָדער „עס איז מיר ניט קלאָר״.

דאָס גאַנצע לעבן פון רש„ין איז געווען איין קייט פון מאָראַלישע ווערטן. די תורה וועלכע ער האָט געלערנט זיינע תּלמידים, איז אויך די תורה פון זיין לעבן און דער שורש פון זיין נשמה.

רש״י איז ניט בלויז געווען דער גאון אין תורה נאָר אויך אין מעשים און מדות.

ווען מיר לערנען רש״ין פילן מיר ווי ער האָט גאָרניט גע־וואוסט פון זיין געניאַלקייט. אַזוי ווי די בלומען וועלכע באַצירן די ערד אָן זייער וויסן, אַזוי האָט ער פאַרשפּרייט די אוצרות פון זיין גייסט, און אָנגעטרונקען מיט זיין תורה און וויסן אַלעמען אַזוי ווי דער טייך וועלכער גיט זיין וואַסער יעדן ניט וויסנדיק אַז די וועלט קען זיך אָן וואַסער ניט באַגיין.

די יידישע רעליגיע, סיי אין איר געזעצגעבונג, סיי אין איר פילאָזאָפיע איז טיף פאַראינטערעסירט אין אַ יושרדיקן סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן.

דער תּלמוד באַשטייט פון זעקס סדורים פון וועלכע פיר זיינען אינגאַנצן געווידמעט סאָציאַלער געזעצגעבונג. רש״י, אַלס דער געניאַלער קענער און פאַרשער פון תּלמוד, האָט אין זיין פּירוש אַרויסגעהויבן און פאַרטיפט די גרויסע הומאַנישקייט פון דער אידישער סאָציאַלער עטיק און פערזענלעכער מאָראַל, און עס בענטער געבראַכט צום באַוואוסטזיין פון פאָלק. אויך האָט ער אין זיין אייגן לעבן פאַרווירקלעכט די סאָציאַלע און עטישע געבאָטן פון תּלמוד. ער איז געווען אויסערגעוויינלעך גוטהאַרציק, צאַרט ווייך

אין זיין אויפפירונג מיט מענטשן און באַציאונג צו זיינע תּלמידים. ער איז אויך געווען אַ גרויסער עניו. די מאָראַלישע אייגנשאַפטן פון זיין כאַראַקטער ווייזן זיך בולט אַרויס אין זיינע שאלות ותשובות וואו ער לערנט זיינע תּלמידים זיך אויפצופירן עטיש מיט זייערע ברידער און אויך מיט די קריסטלעכע שכנים. אין אַ סך ערטער פון זיינע תשובות וואָרנט ער די פירער פון יידישע קהלות, זיי זאָלן מאַכן הערשן שלום און ברודערשאַפט אין זייערע רייען.

און דאָס פאָלק האָט אָנערקענט די גרויסע מאָראַלישקייט פון רש״ין, דאָס פאָלק האָט דערפילט „אַז רש״י איז דער ברודער פון אונדזער הייליקער תורה וואָס יידישע קינדער פון חדר און אַלע יידן לערנען ניט קיין תורה און תלמוד אָן זיין פירוש״. (שיחות ר״ן מברצלוב).

# דן יצחק אברבנאל און די דעמאָקראַטיש־אַנאַרכיסטישע אידעע

דן יצחק אברבנאל דער פירער פון די גולי־ספרד וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין 1437, איז געווען דער פינאַנץ־מיניס־טער פון דאַמאָלטיקן שפּאַנישן קיניג פערדינאַנד. נאָך דעם גרויסן גירוש איז ער צוזאַמען מיט די פאַרטריבענע אַוועק אין נעאַפּאָל, וואו ער האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט פינאַנסיעלע און מלוכה ענינים. פון דאָרטן האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין סיציליע און קאָרפו וואו ער האָט גאַנצע זיבן יאָר זיך געווידמעט צו ליטעראַרישער טעטיקייט. ער איז געשטאָרבן אין 1508 אין ווענעדיק אַ בן שבעים.

זייענדיק אַ שטאַטסמאַן און אַ מענטש מיט ברייטע ידיעות אין עקאָנאָמיק און אַ טיפן וויסן אין סאָציאָלאָגיע איז ער דאָך אויך איינער פון די וויכטיקסטע יידישע מפרשים פון תנ״ך און אָנערקענטסטע טעאָלאָגן.

דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון אברבנאלס פירושים איז דאָס וואָס ער דערקלערט ביים טעקסט די סאָציאַל־פּאָליטישע טענדענצן פון גאַנצע תקופות. ער גיט בולטע בילדער וועגן דעם סדר המדינה אין דער צייט פון די שופטים, אין דער תקופה פון מלכים און נביאים.

זיינע ספרים צייכענען זיך בכלל אויס מיט אַ היסטאָרישן חוש און פאַרשטיין געשיכטלעכע פּערספּעקטיוון.

דער אברבנאל האָט אויסער זיינע באַרימטע פירושים אויך געלאָזן טעאָלאָגיש־פילאָזאָפישע ווערק. „מפעלות אלהים״, (די ווערק פון גאָט) וועגן וועלט־באַשאַפונג. „ראש אמונה״, וועגן די דאָגמען פון דער יידישער רעליגיע. און „מעיני הישועה״ (די

קוואַלן פון הילף) וועגן מיסטישן גלויבן און משיחישער האָפ־נונג אויף דערלייזונג.

דער אברבנאַל איז פעסט איבערצייגט, אַז משיח בן דוד, דער יידישער אויסלייזער וועט ברענגען די גאולה פאַר דער גאַנצער וועלט ווען עס וועט הערשן אמת און גערעכטיקייט. (זע, זיין ספר „משמיע ישועה" ז. 27). אָט די משיחישע האָפנונג פאַרבינדט ער מיטן בילד פון אַ ברייטער יידישער דעמאָקראַטיע, וואָס גרע־נעצט זיך מיט אַנאַרכיע.

כאַראַקטיריסטיש און באַלערנדיק איז ווי עס קאָמענטירט דער אבארבנאַל אויף דער פרשה פון מלכות:

„... עס איז ווערט אַז מיר זאָלן וויסן צי אַ מלך איז אַ נויטווענדיקייט אָדער מען קען זיך באַגיין אָן אים. אייניקע פילאָ־זאָפן האָבן געטראַכט אַז ער איז יאָ נויטווענדיק, און צו וואָס זאָלן מיר דאַרפן ברענגען ראַציאָנעלע באַווייזן אַז די פּראַקטיק שטייגט איבער דעם באַוויז, פאַרגלייך, קוקט און זעט די לענדער וואָס ווערן געפירט דורך מלכים, און היינט האָבן מיר געזען אַ סך לענדער וואָס ווערן געפירט דורך שופטים און געוועלטיקער פאַר אַ באַשטימטן טערמין, וועלכע ווערן אויסגעקליבן... האָסטו דאָך געהערט און ווייסט פון אַ גרויס לאַנד, וואָס האָט אויפגעגעסן דאָס גאַנצע לאַנד, איר צעשטויסן און אונטערדריקט ווייל זי איז געפירט געוואָרן דורך קאָנסולאָטן. אָבער נאָכדעם איז זי באַ־צוואונגען געוואָרן. און עד־היום געוועלטיקט ווענעציע די האַרנטע, די גרויסע צווישן די פעלקער, די האַרנטע צווישן די לענדער און דאָס קעניגרייך פון פלאָרענץ אַ גלוסטונג פאַר אַלע לענדער, און נאָך גרעסערע און קלענערע מלוכות האָבן ניט קיין מלך און זיי ווערן געפירט פון דערווײלטע פאַר אַ באַשטימטן טערמין... און דאָס אַלץ לערנט אונדז, אַז די מציאות פון אַ מלך אין פאָלק איז ניט נויטיק. ווי עס ווייזט אָן דער רב המורה. און ס'איז אַ גרויס וואונדער אויף די כלומרשטע קעגנער און ווייסער וואָס גלייכן צו די אייניקייט פון אַ מלך צו דער אייניקייט פון גאָט

און אַבסאָלוטקייט פון דער סיבה ראשונה געבענטשט איז זיין נאָמען, דער אמתער קדמון... און דערפאַר טראַכט איך אַז די ערשטע מלכים זיינען ניט אויפגענומען געוואָרן דורך דער דער־ווײלונג פון פאָלק. ווי עס איז געשריבן: לאָמיר אַרויפגיין אויף יהודה און זי איינשרעקן און לאָמיר זי איינברעכן פאַר אונדז און לאָמיר מאַכן אַ מלך אין איר. (ישעיהו, ז״) און אַפילו די מלכים זיינען אויפגענומען געוואָרן נאָר צו ערציען דאָס פאָלק און זיי האָבן זיך גאָר געמאַכט פאַר הארן, ווי זיין נאָמען, געלויבט איז ער, וואָלט זיי געגעבן דאָס לאַנד צו זיי און צו זייערע קינדער און קינדס קינדער אויף אייביק. גלייך ווי דאָס פאָלק וואָלט געווען ערד וואָס דער מלך קויפט אויף אייביק... צווייטנס: אַפילו אַז מיר זאָלן מודה זיין אַז אַ מלך איז נויטיק פאַרן פאָלק, פאַרן תקון פון דעם פאָליטישן קיבוץ, איז אָבער ביים יידישן פאָלק אַנ־דערש. פאַר זיי איז קיין מלך ניט נויטיק... בפרט אַז די פּראַקטיק האָט שוין באַוויזן אַז די מלכים פון יהודה און ישראל זיינען גע־ווען די ווידערשפעניקע קעגן ליכט. זיי האָבן אָפּגעקערט זייער האַרץ אַרונטער. ווי ס׳איז באַוואוסט פון ירבעם דער זון פון נבט און אַלע מלכים פון ישראל. אַנדערש, לגמרי אַנדערש, איז אָבער געווען מיט די יידישע שופטים און נביאים. עס איז ניט געווען איינער פון די שופטים וואָס זיין האַרץ האָט אָפּגעקערט פון גאָט... די אויפפירונג פון די שופטים איז געווען גוט און די אויפפירונג פון די מלכים איז געווען שעדלעך און שלעכט און געפערלעך. און אַז מיר ווייסן דאָס, פאַרשטייען מיר ערשט די כונה פון נביא עליו השלום, ווען ער זאָגט: „איך גיב דיר אַ מלך אין מיין כעס״. (הושע, י״ג) וואָס איז ניט געזאָגט געוואָרן בלויז וועגן יידישע מלכים, ווי דער רמב״ן וויל האָבן, נאָר אויסשליסלעך אויף אַלע מלכים״. (אברבנאל, פירוש על התורה, שופטים).

„די עקזיסטענץ פון אַ קעניג איז ניט קיין נויטווענדיקייט נאָר שעדלעך און אַ גרויסע געפאַר״. אַזוי האָט געשריבן דון יצחק אברבנאל, דער פינאַנץ מיניסטער פון דער דעמאָלטיקער

שפאַניע, וואָס האָט געוואָרפן זיין היים און רייכקייט און מיט־געוואַנדערט מיט זיינע אַרויסגעטריבענע אָרעמע עלנטע ברידער. אַזוי האָט געשריבן דער אַלטער שפּאַניש יידישער אַריסטאָקראַט. דער פּאָליטיקער און פילאָזאָף האָט מיט די ווערטער אויסגעדריקט דעם תמצית פון דער יידישער „מלכות־אידעע״. דעם טיפּסטן יידישן אַנאַרכיזם.

# ר׳ חסדאי קרשקש און זיין מאָראַל פילאָזאָפיע

די אינטעלעקטועלע יידישע וועלט וועט אין יאָר 1940 פייערן דעם זעקס הונדערטן געבורטסטאָג פון איינעם פון די טיפסטע דענקער פון פערצנטן יאָרהונדערט, דעם רעליגיעזן פילאָזאָף און טעאָלאָג ר׳ חסדאי קרשקש.

ר׳ חסדאי קרשקש האָט געלייגט די יסודות פאַר אַ נייער פילאָזאָפישער וועלט־אַנשויאונג וואָס איז געוואָרן אַ טייל פון דער מאָדערנער פילאָזאָפיע.

מיט דורות שפּעטער פון קרשקשן האָט ברוך שפּינאָזאַ אויסגענוצט קרשקשעס געדאַנקען און זיי געמאַכט פאַר די וויכטיקסטע יסודות פון זיין גראַנדיעזן פילאָזאָפישן בנין.

ר׳ חסדאי קרשקש האָט געעפנט אַ ניי בלאַט אין דער געשיכטע פון יידישער און וועלטלעכער פילאָזאָפיע ווען ער האָט דאָס וועלטבילד פון דער יידישער תורה אָפּגעטיילט פון דער אַריסטאָטלישער פילאָזאָפיע. די רעליגיעזע יידישע פילאָזאָפן פאַר אים, דער רמב״ם, רלב״ג און אַנדערע האָבן פאַרבונדן די גריכיש־אַריסטאָטלשע פילאָזאָפיע מיטן יידישן גאָט־באַגריף, קרשקש האָט זיי צוריק צעטיילט. דער רמב״ם און זיינע נאָכפאָלגער האָבן געוואָלט פון אַריסטאָטל׳ס אַנשויאונגען אַרויסוויקלען אַלע גרעסטע געטלעכע און וועלט אמתן. מיט דער הילף פון שכל און וויסן, האָבן זיי געלערנט, קען דער מענטש אַריינדרינגען אין די טיפסטע יצירה סודות. קרשקש האָט געלערנט פאַרקערט, אַז מען קען ניט באַקרעפטיקן די רעליגיעזע אמתן מיט דער הילף פון ריין שכלדיקע אויסטייטשונגען. ער האָט אָנגעוויזן די גרענעצן פון טעאָרעטישן שכל און ספּעקולאַטיוון וויסן. אין דער זעלבער צייט האָט ער צעשטערט די סתירה וואָס שיידט אָפּ די עטיק פון גאָט, דאָס זיטן־געזעץ — פון דער נאַטור, און ער האָט באַוויזן אַז דורך דער באַהערשונג פון די ליידנשאַפטן און ליבע באַ־

העפט זיך דער מענטש מיט גאָט מער ווי דורכן ספעקולאַטיוון דענקען. דערביי האָט ער אָוועקגעלייגט דעם יסוד פון נייע פילאָזאָפישע אידעען.

ר׳ חסדאי קרשקש געהערט צו יענע געניאַלע דענקער וואָס זייער שאַפונג איז ניט געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן ביי זייער לעבן. צוליב פאַרשיידענע סיבות זיינען זיינע ספרים ניט געווען שטאַרק פּאָפּולער צווישן פאָלק. עס האָבן געגאַנגען פון זיי נאָר אינטעלעקטועלע יחידי־סגולה. ערשט מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער האָט די רעליגיעזע און פילאָזאָפישע וועלט אָנערקענט זיין גרויסן פילאָזאָפישן אויפטו און קרשקש איז אָנערקענט געוואָרן אַלס איינער פון די אָריגינעלסטע דענקער אין מיטלאַלטער.

ר׳ חסדאי קרשקש איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1340 אין באַרצעלאָנאַ, שפּאַניע. ער האָט געשטאַמט פון אַן אָנגעזעענער רבנישער פאַמיליע. אין זיין יוגנט האָט ער געלערנט תורה ביים באַרימטן תלמודישן אויטאָריטעט פון זיין דור, דעם ר״ן (ר׳ נסים גירונדי). ער אַליין איז יונג אָנערקענט געוואָרן אַלס באַ־דייטנדער תלמודיסט. די גרעסטע רבנים פלעגן זיך ווענדן צו אים מיט האַרבע תלמודישע פּראָבלעמען. דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן האָט קרשקש פאַרבראַכט אין סאַראַגאָסאַ, אין דער שפּאַנישער פּראָווינץ אַראַגאָן. ער איז געווען שטאַרק אָנגעזען ביים מלך פון דער פּראָווינץ, כּואַן דער ערשטער. אין יאָר 1391, ווען אַ כוואַליע פון קאַטוילישע רדיפות האָט חרוב געמאַכט אַ סך יידישע קהילות, איז אויך קרשקש׳ס אַ טאַלאַנטפולער זון אומגעקומען. אין אַ בריוו פון יאָר קנ״ב (1392) וואָס קרשקש האָט אַרויסגע־שיקט פון באַרצעלאָנאַ דערציילט דער פאָטער וועגן דעם טראַגישן טויט פון זיין געליבטן זון. ער שרייבט דאָרט: „אַלס אומשולדיקן קרבן האָב איך אים געבראַכט, מיין זון צווישן די אַלע וואָס האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַר גאָטס נאָמען. איך טו מיך טרייסטן דערמיט, וואָס וואויל איז אים און גוט וואָס אויף אים איז אויס־געפאַלן דער גורל״ (זע, „שבט יהודה״, וויינערס אויסגאַבע 1855).

די בלוטיקע גזירות פון קאטוליציזם האבן געהאט א גרויסע ווירקונג אויף זיין לעבן. זייענדיק שטארק איבערגעבן דעם יידישן גלויבן האט קרשקש דעמאלט באשלאסן אנצופירן אן אידעאישן קאמף מיטן קריסטנטום. אין 1396 האט ער פארעפנטלעכט אין שפאניש זיין פאלעמיש ווערק "Treteda" (דאס ווערק איז שפעטער איבערזעצט געווארן פון אן אנדער מיטלאלטערלעכן יידישן דענקער, אבן שם טוב, אונטערן נאמען „בטול עקרי דת הנוצרים" אין יאר 1451). דאס ווערק צעווארפט די הויפט־דאגמען פון דער קריסטלעכער אמונה. קרשקש דעקט אויף די ווידערשפרוכן פון די עוואנגעליסטן און פאלעמיזירט אויך מיט צארן און ברען קעגן דעם גרונט־פרינציפ פון דער קריסטלעכער מאראל, דעם באריטמטן עוואנגעלישן זאץ: „ווען עס שלאגט דיך איינער אויף דער רעכטער באק שטעל אים אונטער די לינקע". קרשקש האלט אז אזא אויפפאסונג איז פוגם אין דער ליבע פון מענטש. דאס איז א דירעקטע ארויספירונג פאר זינד. מיט גרויס שארפזין אטאקירט ער אויך די לערע פון פוילוס אז דורך פארגיסן דאס בלוט פון גאטס זון איז געשטילט געווארן גאטס צארן. ער טרעט שארף ארויס קעגן דער קריסטלעכער דאגמע אז דער אומשולדיקער קרבן גאטס זון, איז אנגענומען געווארן אלס ענדגילטיקע כפרה פאר אלע קומענדע זינד וואס וועלן פארברעכעריש באגאנגען ווערן פון די שפעטערדיקע דורות.

קרשקש רעדט אין זיין ווערק וועגן דער שווערער ירושה פון „חטא הקדמון" (אור־זינד) וואס דריקט איבערן מענטשלעכן מין. דערביי זאגט ער ארויס דעם געדאנק אז א שולד שפירונג קען אונטערבאוואוסטזיניק פייניקן אויף די וועלכע האבן צו דער עבירה קיין דירעקטע שייכות ניט. דאס, ווי באוואוסט איז א גרונט געדאנק ביי זיגמונד פרויד דעם שאפער פון דער פסיכאנאליזע. אט דעם געדאנק האט קרשקש ארויסגעזאגט מער ווי פינף הונדערט יאר פאר פרוידן, ריידנדיק וועגן זין פון קרבנות. אבער ער האלט אז דער ענין איז ניט ריכטיק אויפגעפאסט געווארן פון קריסטנטום, וועלכער האט דעם שולד־געפיל געוואלט אויסקויפן

דורך אויסטייטשן אַז דער מענטשלעכער קרבן קען מכפר זיין זינד וואָס זיינען נאָך ניט באַגאַנגען געוואָרן. קרשקש האַלט אַז דער „חטא הקדמון", וואָס הענגט ווי אַ שווערער קאָשמאַר אויפן באַ־וואוסטזיין פון די דורות איז פון קריסטנטום ווירקלעך שלעכט אויסגעטייטשט געוואָרן. אַ קרבן קען נאָר געבראַכט ווערן כדי אָפּצומעקן זינד וואָס זיינען שוין באַגאַנגען געוואָרן, אָבער ניט אויסצולייזן די מענטשלעכע ראַסע פון זינד וואָס זי וועט שפּעטער טאָן, ווי די קריסטלעכע טעאָלאָגיע לערנט.

אויסער דעם אַרגומענט שטעלט קרשקש אַרויס נאָך אַ ריי אַרגומענטן קעגן קריסטלעכן מיטאָס און זיינע טעאָלאָגישע דאָגמען. ער ווייזט אויך די עקאָנאָמישע אורזאַכן פון דער אַנטשטייאונג פון קריסטנטום בכלל, און דעם קאַטוילישן קלעריקאַליזם וואָס האָט געהערשט אין זיין צייט בפרט, און זיינע באַהויפּטונגען זיינען אין איינקלאַנג מיט דער מאָדערנער היסטאָרישער וויסנשאַפט.

קרשקש'ס פּאָלעמישער וויכוח מיטן קריסטנטום איז דער וויכטיקסטער אידעאישער וויכוח וואָס איז געבליבן פון דער מיטלאַלטערלעכער עפּאָכע.

פּאַרענדיקט זיין ווערק איבער קריסטנטום איז ר' חסדאי קרשקש צוגעטראָטן צו שרייבן אַ גרויס ווערק וואָס האָט געזאָלט זיין דער אָנהויב פון אַ קאָמפּענדיום פון יידיש וויסן און פילאָזאָפיע. אין יאָר 1410 האָט ער פּאַרענדיקט זיין בארימט ווערק „אור ה'", וואָס האָט געזאָלט זיין דער טעאָרעטישער יסוד פון זיין געפּלאַנטן ריזיקן קאָמפּענדיום אונטערן נאָמען „נר אלהים", אַ כל בו פון יידיש וויסן און געדאַנק. דאָס ווערק האָט ער שוין אָבער ניט פּאַרענדיקט, ווייל אין דעם זעלבן יאָר איז ער געשטאָרבן. אָבער אין דעם „אור ה'" איז גאַנץ בולט אַרויסגעבראַכט געוואָרן זיין פי־לאָזאָפישע סיסטעם. אין קרשקש'ס צייט האָט דאָס דאָזיקע טיף און מאָנומענטאַל ווערק ניט געפונען קיין אָפּקלאַנג. דער „אור ה'" איז בלויז איינמאָל געדרוקט געוואָרן (1556) און דערנאָך גאַנצע דריי הונדערט יאָר געוואַרט אויף אַ נייער אויפלאַגע. אַפילו די מיטלאַלטערלעכע כראָניקער האָבן דאָס דאָזיקע געניאַלע ווערק

ניט דערמאָנט. ערשט אין די לעצטע עפּאָכן, מיטן אויפקום פון דער מאָדערנער פילאָזאָפיע, איז קרשקש׳ס פילאָזאָפישער טראַקטאַט „אור ה׳״, אָנערקענט געוואָרן אַלס אַ ווערק, וואָס האָט געעפנט די ברייטסטע האָריזאָנטן פאַר דער פילאָזאָפיע בכלל און פאַרן יידישן דענקען און וויסן בפרט.

פאַרוואָס קרשקש׳ס ווערק איז הונדערטער יאָרן געבליבן ניט באַוואוסט, זיינען דאָ פאַרשיידענע מאָטיוון. עס קען זיין אַז זיין שאַרפע קריטיק אויף דער אַריסטאָטעלישער לערע, וואָס האָט באַהערשט די מיטלאַלטערלעכע דענקער האָט פאַראורזאַכט אַ קאַלטע באַציאונג צו דעם ספר וואָס האָט געוואָגט אַרויסצוטרעטן קעגן דער אָנגענומענער לערע. דערצו איז דער ספר האַרב געשריבן. כאָטש דער געדאַנק איז בויגעוודיק און פול מיט פּאַטאָס איז אָבער דער סטיל ניכטער שטרענג און האַרט ווי אַ שטיין. ער פאַרמאָגט ניט דעם ליכטיקן סטיל פון „מורה נבוכים״ וואָס איז גראַניט פעסט, איז גענוי און אָנגעצויגן ווי די סטרונע פון אַ פידל און דערביי פול מיט אַ מין פילאָזאָפישן ליריזם. קרשקש׳ס שטרענגקייט פון סטיל איז געוויס איינע פון די סיבות פאַרוואָס דער „אור ה״ איז לאַנגע צוויי הונדערט יאָר אינגאַנצן ניט געווען באַוואוסט.

ר׳ חסדאי קרשקש איז געשטאָרבן אין יאָר 1410. אַט דער טיפסטער דענקער וואָס האָט געלייגט דעם יסוד פאַר אַ נייער וועלט פילאָזאָפיע און ווערט פאַררעכנט אַלס פאַרגייער פון שפּי־נאָזאַן איז געווען אַ פרומער רב וואָס איז געשטאַנען אויפן ריין טראַדיציאָנעלן שטאַנדפּונקט אַז מען טאָר ניט רירן קיין קוצו של יוד פון דער יידישער מסורה, און איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ הייליקן וועמען דאָס פאָלק האָט באַקרוינט מיט לעגענדעס. די גרעסטע רבנים פון זיין צייט האָבן אויף אים געשריבן: „ער האָט געשאַפן וואונדער און גאָטס נאָמען געגרויסט צווישן די פעל־קער״. נאָך זיין טויט האָט אַ גרויסער שפּאַנישער פּאָעט געשריבן אויף אים: „אַוועק איז פון אונדז דער געזאַלבטער כרוב! דער הייליקער אָרון מיט די לוחות צוזאַמען!״

## 2

אין דעם מיטלאַלטער וואָס ווערט באַצייכנט אַלס די עפּאָכע פון מיסטישער צעטומלטקייט, די עפּאָכע פון ווייטסטע פּסיכאָלאָגישע קאָנטראַסטן, דעמאָלט האָט געשפּונען זיינע גראָניאַלע פילאָזאָפישע געדאַנקען דער תּלמודישער ייד ר׳ חסדאי קרשקש וואָס האָט מיט פילאָזאָפישן ברען און גייסטיקער ליידנשאַפט זיך איבערגעגעבן צו זיין גאָט, זיך אַראָפּגעלאָזט אין די פאַרבאָרגנסטע תהומות פון נפש און וועלט און אַנטדעקט די קוואַלן פון ליבע און גוטס.

נאָר „כדי צו בויען אַ טעמפּל מוז מען צעשטערן אַ טעמפּל", און איידער קרשקש איז צוגעטראָטן צו באַגרינדן זיין נייע פילאָזאָפישע סיסטעם און צו בויען זיין אייגענעם פילאָזאָפישן בנין האָט ער צעשטערט ביזן תהום די יסודות פון אַלטן אַריסטאָטעלישן געדאַנקלעכן בנין וואָס האָט זיך דערהויבן שטאָלץ אין דער וועלט פון געדאַנק און וויסן אין זיין צייט. און צוזאַמען מיט דעם בנין אויך דערשיטערט די יסודות פון דעם טעאָלאָגיש־פילאָזאָפישן בנין פון רמב״ם און זיין „מורה נבוכים", וואָס איז באַזירט אויף די אַריסטאָטעלישע גרונט־פּרינציפּן.

דער רמב״ם אין זיין פילאָזאָפיע איז, כידוע, באַהערשט געווען פון דער אַריסטאָטעליש־סכאָלאַסטישער געדאַנקען־וועלט, וואָס האָט אָפּעררירט מיט לאָגישע דערקענטעניש־סכעמען, דאָס הייסט, די טעאָריע אַז די שאַפונגס־קראַפט פון אוניווערסאַל־געטלעכן גייסט אַנטפּלעקט זיך נאָר אויפן געביט פון דענקען, און אַז אין דעם „שכל הפועל" („אַקטיווער אינטעלעקט") און ספּעקולאַטיוון דענקען באַשטייט דער גרעסטער און שענסטער תענוג פון מענטש. „עס איז באַוואוסט אַז אַחוץ דעם שכל איז ניט פאַראַן קיין שום רעאַליטעט, דאָס אוניווערסאַלע איז אין דעם אינטעלעקט"— שרייבט דער רמב״ם אין זיין „מורה נבוכים" (קאַפּ. 42), און ער איז געווען פעסט איבערצייגט אַז נאָר די ראַציאָנאַלע דערקענטעניש פירט צו דער מענטשלעכער אידענטיפיצירונג מיט גאָט, און איז אויך דער הויפּט־

קוואַל פון דער מענטשלעכער מאָראַל. דער רמב"ם אין זיין „מורה נבוכים" האָט דערפאַר, מיט אַ טיפער אַריינדרינגונג אין אַריסטאָטלס פילאָזאָפיע, אויסגעטוישט די בילדער פון דער תורה אויף אידעען. דאָס וואָס דער תנך דערציילט מעטאַפאָריש, בילדעריש, פאַרטייטשט דער רמב"ם אין אַלעגאָרישן זין, בלויז אַלס אויסווייניקסטן לבוש פון ריינע אידעען. דעם באַנעם און פאַרשטעלונג פון גאָט ערקלערט דער רמב"ם לויט דער אַריסטאָטלישער נעגאַטיווער פאַרשטעלונג. נאָר די נעגאַטיווע פאַרשטעלונג פון גאָט אַנטהאַלט דעם אמת. דאָס וואָס מיר זיינען מיחס צו גאָט אַזעלכע אַטריבוטן (מדות) ווי רחמים, יושר און ליבע איז עס בלויז אַ פועל־יוצא פון דעם מוז צו ריידן אין אַ מענטשלעכער שפּראַך. מיר קענען אָבער ניט אַריינ־נעמען פּאָזיטיווע גאָטס אַטריבוטן אין פאַרשטענדלעכע מענטשלעכע קאַטעגאָריעס.

אַרויסגייענדיק פון דער דאָזיקער הנחה האָט דער רמב"ם אויס־געפירט זיין פּרינציפּ מיט וועלכן ער פאַרענדיקט זיין „מורה נבוכים": „עס פאַרשטייט די פאָלקאָמענהייט פון דעם מענטשן אין דעם, וואָס ער באַמיט זיך צו דערגרייכן דאָס פאַרשטיין פון גאָט לויט זיין מעגלעכקייט, צו וויסן אַז דער שאַפער האָט געהאָט אַ זין ביים שאַפן און ביים פירן דאָס געשאַפענע".

מיט אַ אומגעהייערער שאַרפער דיאַלעקטיק איז ר' חסדאי קרשקש אַרויסגעטראָטן אין זיין פילאָזאָפיש ווערק קעגן רמב"מס אידייען און דער אַלט־גריכישער און מיטלאַלטערלעך אַראַבישער פילאָזאָפיע וואָס האָט זיך געפלאָנטערט אין נעץ פון אַן אַ שיעור ראַציאָנאַליסטישע סאָפיזמען פון קלוגלערישן שכל, וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן מיט באַגרענעצטן שכל צו אַנטפּלעקן די טיפסטע סודות פון דער וועלט.

אין זיין הקדמה צום „אור ה'" זאָגט קרשקש: „דער גרויסער גאון, דער רמב"ם, ביי זיין גרויסער חריפות און תלמודישער קענטעניש איז געוועזן אַזוי באַגייסטערט פון דער פילאָזאָפישער אידייען־וועלט אַז גאַנץ אומבאַגרינדעטע הנחות פון דער פילאָזאָפיע האָט ער געמאַכט פאַר די ווינקלשטיינער פון זיין „מורה נבוכים".

קרשקש אונטערשטרייכט אַז ער וויל ניט קעמפן מיטן רמב״ם וואָס איז ביי אים טייער, אָבער האַלטנדיק אַז זיינע טעותן נע־מען זיך פון אַריסטוס לערע, האָט ער זיך געשטעלט די אויפ־גאַבע צו באַווייזן אַז די דאָזיקע הנחות פונם גריכישן דענקער זיינען פאַלש און אומבאַגרינדעט און אַז אין רעליגיעזע פראַגן קען נאָר די תורה געבן אַ אָביעקטיוון ענטפער, אָן שום פגימות דאַרף מען דעריבער באַטראַכטן די אידעאָלאָגישע ווינקלשטיינער אויף וועלכע אונדזער תורה שטיצט זיך און אַריינברענגען ליכט אין אירע טונקעלע פּראָבלעמען.

שוין גלייך אין זיין אַריינפיר קריטיקירט קרשקש דעם רמב״ם. ער פרעגט אָפּ דעם רמב״ם, וואָס רעכנט דעם גלויבן אין גאָט צווישן די תרי״ג מצוות. ער באַטאָנט אַז דאָס וואָרט „מצוה״ (געבאָט) באַווייזט דאָך, אַז ס׳איז פאַראַן אַ מצוה (מעצאווע) אַ געבאָט געבער. ער האַלט דערפאַר אַז דער גלויבן אין גאָט דאָס איז דער גרונט פון אַלע און אָן דעם גלויבן זיינען גאָרניט שייך קיין מצוות. גאָט — האַלט קרשקש — דאַרף זיין דער צענ־טער פון אַלע אמתן, דער אַקסיאָמאַטישער יסוד פון וועלכן עס וויקלען זיך אַרויס אַלע אויספירן און געבאָטן. דער ערשטער יסוד פון מענטשלעכן קלערן דאַרף זיין דער אמת וועגן פרייען איבער־וועלטלעכן באַשאַפער.

ווייטער טרעט ער אַרויס קעגן די דרייצן עקרים. אויב דער רמב״ם — שרייבט קרשקש — האַלט די עקרים פאַר די איינ־ציקע אמתן און דער וואָס לייקנט אין זיי איז אַ כופר, האָט ער געדאַרפט רעכענען מער ווי דרייצן, און אויב ער רעכנט נאָר די וואָס אָן זיי קאָן ניט געמאָלט זיין קיין געטלעכע תורה האָט ער געדאַרפט רעכענען אויך דעם גלויבן אין תורה פון הימל. דע־ריבער — שרייבט קרשקש — אַז דער רמב״ם איבערטרייבט מיט דעם וואָס ער מאַכט די דרייצן אני מאמינס פאַר די ווינקלשטיינער פון יידישן גלויבן. ער טרעט אַרויס קעגן רמב״מס „אני מאמין״ אַז גאָט קען מען ניט באַקליידן מיט אייגנשאַפטן פון פּאָזיטיווע אַטריבוטן נאָר בלויז מיט נעגאַטיווע. קרשקש דערקלערט אַז ניט

דערפאַר וואָס אין דער מענטשלעכער השגה שפּיגלען זיך אָפּ גאָטס תוראים (אַטריבוטן) אַלס פאַרשיידנאַרטיקע אייגנשאַפטן מוז עס שטערן זיין האַרמאָנישע איינהייט. די נעגאַטיווע אַטריבוטן פון וועלכע דער רמב״ם רעדט, די פאַלשטענדיקע פאַרנייגונג, איז אַן אוממעגלעכע זאַך, ווייל דאָס ניין זאָגן (די שלילה) איז דאָך אַ פועל יוצא פון דעם פאַרגלייך וואָס ווערט געמאַכט צווישן רעאַלע און פאַרגלייכבאַרע זאַכן. דער מענטש קומט, למשל, צום אויספיר אַז די און די זאַך איז טונקל נאַר דורכדעם וואָס ער פאַרגלייכט די דאָזיקע זאַך מיט אַנדערע ליכט באַשטראַלטע זאַכן. בעת מיר זאָגן אַלזאָ, אַז גאָטס וויסן איז ניט באַגרענעצט, באַשטעטיקן מיר דערמיט דאָס פּאָזיטיווע, מיר זאָגן מיט דעם, אַז ער איז קלוג.

קרשקש לייקנט די מעגלעכקייט צו באַגרייפן אַלץ מיט לאָגישע קאַטעגאָריעס. דאָס געטלעכע וועזן איז ווייט פון דער ספערע פון מענטשלעכן אינטעלעקט. אויף אַ פילאָזאָפיש־ספּעקולאַטיוון אופן קען מען ניט דערווייזן די אחדות אלהים, דעם מאָנאָטעאיזם. דער שכל איז בכלל בויגעוודיק און וואַקלדיק און זיינע מסקנות זיינען דערפאַר פול מיט סתירות.

אַזוי ווענדט קרשקש אָן, קעגן לאָגיש קאָנסטרואירטן באַנעם פון רמב״ם, אייגענע שאַרף לאָגישע באַווייזן. עס איז צו באַוואונדערן ווי אין גייסט פון דער גאַנץ מאָדערנער וויסנשאַפט באַווייזט דער „אור ה׳״, אַז די גרויס פון גליק און פאַרגעניגן וואָס דער מענטש געניסט בעת ער דערוועקט זיך ידיעות, ווערט געשאַצט און געמאָסטן לויט דער נערוון אָנשטרענגונג און סכום ענערגיע וואָס דער מענטש פאַרווענדט בכדי די ידיעות צו דערווערבן (ספּענסערס טעאָריע). וואָס שווערער און מי־פולער עס געלינגט אונדז צו באַגרייפן אַ וויסנשאַפטלעכע פאָרמולע אָדער אַ היסטאָרישע פּראָבלעם אַלץ שטאַרקער און גרעסער איז דערנאָך די פרייד און פאַרגעניגן. דערפאַר זיינען מיר קאַלט צו שוין לאַנג דערוואָרבענע ידיעות. פון דעם פירט קרשקש אויס אַז מען קען ניט פאַרגלייכן דעם מענטשלעכן וויסן צו גאָט, ביי גאָט קען

דאָך קיין רייד ניט זיין וועגן דערווערבן וויסן, וועגן אַן איבערגאַנג פון אומוויסן צו וויסן. לכן האַלט קרשקש, אַז עס איז דאָ אַ גרענעץ צווישן גלויבן און וויסן. דער שכל אַליין גיט נאָך ניט קיין פעסטע דערקענטעניש פון גאָט. די פעסטע איבערצייגונג גיט בלויז די תורה, ניט דער ראַציאָנאַליזם. זי פאַרטרייבט אַלע ספקות מיט איר דערקלערונג שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד.

אַרויסגייענדיק פון דעם געדאַנק אַז דער איראַציאָנאַליזם פון דער תורה איז שטאַרקער ווי דער אַריסטאָטלשער ראַציאָנאַליזם טרעט ער אַרויס קעגן רמב״מס און רלב״גס לערע וועגן „אי־בערמענטש״, וועגן דעם, אַז די פילאָזאָפיש־דענקענדיקע פערזענלעכקייט שטייט איבער דער קאָמפּאַקטער מאַסע. ער באַקעמפט שטאַרק דעם געדאַנק אַז וואָס מער דער מענטש איז אינטעלעקטועל אַנטוויקלט און איז נאָענט מיט זיין פילאָזאָפישער דענקונגס־קראַפט צום „שכל־הפועל״, אַלץ נעענטער איז ער צו גאָט. קרשקש באַקעמפט דעם רמב״מס הנחה וועגן דעם מין דענקענדיקן אוי־בער־מענטש און אינטעלעקטועלן אַריסטאָקראַטיזם ספּעציעל ווען ער רעדט וועגן „השראת הנפש״. ווי באַוואוסט ערקלערט דער רמב״ם די דאָגמע פון „השראת הנפש״ (אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה) מיט אינטעלעקטועלער דערקענטעניש. דער רמב״ם דרינגט אַרויס די אומשטערבלעכקייט פונם עראייננגטן דערוואָר־בענעם פאַרשטאַנד (שכל הנקגה). קעגן דעם טרעט קרשקש שאַרף אַרויס, ער זאָגט: „אויב מען זאָל גלויבן אין דער שיטה וועט אויסקומען אַז אַלע געלייטערטע נשמות וואָס זיינען אומגעקומען אויף שייטערהויפנס, זיינען געגאַנגען לאיבוד ווייל זיי האָבן זיך ניט פאַרנומען מיט פילאָזאָפישער חקירה. און פאַרקערט, די ערגסטע רשעים און אויסוואורפן, וויבאַלד אַז זיי האָבן זיך נאָר געפלייסיקט אויפן שכל זיינען פאַר זיי שוין אָפן די טויערן פון אומשטערבלעכקייט״. אַנטקעגן דעם אַריסטאָטלשן געדאַנק, אַז נאָר דער דענקענדיקער טייל פון מענטשנס גייסט איז אומשטערב־לעך שטעלט אַרויס קרשקש זיין הנחה אַז אויך ווילן און געפיל קענען גובר זיין דעם טויט. די תורה — פאַרענדיקט קרשקש —

פאַרבינדט דעם אינטעלעקטועלן יחיד מיטן כלל, דעם איינצלנעם דענקענדן מיט דער מאַסע וואָס גלויבט.

אַנטקעגן רמב"מס דרייצן אַני מאַמינס שטעלט קרשקש אַרויס זיינע אייגענע דאָגמען וואָס שטעלן צוזאַמען די גרונט־פּרינציפּן פון יהדות. ער טיילט זיי איין אין זיבן 1) די סובסטאַנץ פון גאָט (מציאות הבורא) 2) גאָטס אַלוויסן 3) געטלעכע השגחה 4) גאָטס אַלמאַכט 5) די נבואה 6) פרייער ווילן 7) צוועק פון מעשי בראשית. די אייגענע אַנטי רמב"משע דאָגמען זיינען אין הסכם מיט זיינע אידייען. ער האַלט אַז די תורה קען עקזיסטירן ווען אַפילו דער געבוי פון די איבעריקע זעקס דאָגמען פון רמב"ם צעפאַלן. די איבעריקע זעקס אַני מאַמינס זיינען ניט קיין יסודות פון דער יידישער רעליגיע כאָטש אַ ייד דאַרף אין זיי גלויבן.

באַלד נאָך זיין אַנצייכענען זיינע אייגענע גרונט־דאָגמען פון דער יידישער תורה טרעט ער אויך אַרויס קעגן רמב"מס הנחה אַז די פילאָזאָפישע אידעען זיינען דער מקור פון דער נבואה. קרשקש פרעגט: אויב דער מקור פון נבואה, איז אין דער הער־שאַפט פון שכל און וויסן, טאָ פאַרוואָס זיינען די געטלעכע נביאים געווען נאָר ביים יידישן פאָלק און ניט ביי די העלענער וועלכע זיינען געגאַנגען אויפן ריין אינטעלעקטועלן וועג מער ווי די יידן? דער אמת איז אָבער, אַז דער ריינער שכל קען זיך אפשר דער־שלאָגן צו דעם סוד פון דער געזעצמעסיקייט און פלאַנמעסיקייט פון דער בולטער וועלט, אָבער די טיפע דערקענטעניש, די נבואה, וואָס דאַרף ערקלערן די גרויסע אמתן און דעם זין פון גאָטס יצירה, אַנטפּלעקן זיך ניט אין ריין ראַציאָנאַלע פאָרמאַציעס; נאָר וואָרצלען אין דעם ראַציאָנאַליזם. דער שכל איז בשום אופן ניט דער איינציקער מקור פון דער השגת הבורא (גאָט דערקענטעניש) די נבואה האָט אָוועקגענומען די בכורה פון ספּעקולאַטיוון דענקען און זי מצרף געווען מיט די חושים, מיט די הייס־ברויזנדע געפילן פון דער מענטשלעכער נשמה. אונדזער נשמה — שרייבט קרשקש — איז ניט נאָ רשכלדיק, נאָר אויך פילנדיק, נשמה איז אַן עמאָ־ציע וואָס ווירקט דורך דער אידעען־קראַפט פון שכל. די נבואה

אַלס גייסטיקע דערשיינונג איז געווען פּעאיק צו אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג אָבער זי איז אויפגעקומען אויפן באָדן פון געפיל. דערפאַר איז די נבואה אַזוי שטאַרק פאַרבונדן מיט אמונה ווייל אמונה קריגט מען ניט דורך ספּעקולאַטיוון דענקען נאָר דורך געפיל. דער געמיט פון דער נבואה איז געווענדט צו ליבע און גוטס און איז געווען עלעמענטירט פון שלמותדיקע עטישע מאָטיוון. די נבואה וואָס האָט געלייגט דעם יסוד פאַר דער יידישער מאָראַל, וואָס האָט געלערנט אַז דער גרונט־פּרינציפּ פון טאָן און שאַפן איז די מאָראַל, איז אַרויסגעפלאָסן ניט נאָר פון די טיפענישן פון מענטשנס שכל, נאָר אויך פון די טיפענישן פון מענטשנס נשמה, פון זיין געפילפולקייט. דאָס אַליין־הערשן פון ראַציאָנאַליזם אָן אַ שפּור פון רגש קען ניט דערפירן צו קיין מאָראַל. די נבואה וואָס האָט געגעבן דעם אייגנטלעכן תמצית פון לעבן, ליבע צו גאָט און צום וועלט־אַל, קען ניט אידענטיפיצירט ווערן נאָר מיטן „שכל הפועל״. אין דער ספערע פון קאָמפּליצירטער מעטאַפיזישער פּראָבלעמאַטיק הערשט ניט נאָר דער שכל, נאָר אויך דאָס געפיל. (און אויך דאָ איז דער מיטלאַלטערלעכער קרשקש ענלעך צום מאָדערנעם דענקער בערגסאָן).

אין דעם שאַרפן אַרויסטריט קעגן דער אַליין־הערשאַפט פון שכל אַנטפּלעקט זיך די דיאַמעטראַלע פאַרשיידנאַרטיקייט פון די וועלט־אַנשויאונגען פון די צוויי גרויסע מיטלאַלטערלעכע יידישע דענקער, רמב״ם און קרשקש. דעם רמב״מס פילאָזאָפיע איז אַ ריין ראַציאָנאַליסטישע. די לעצטע רעאַליטעט איז אַן אַבסטראַקט שכלדיקע. קרשקש האַלט אַז, ניט דער פּרימאַט פון אַבסטראַקטן אינטעלעקטואַליזם איז דער וועג צו דער גאָטהייט, נאָר דער מאָראַלישער פּאַטאָס, און נאָר דער שטורמישער דראַנג וואָס דערלאַנגט איבער דער ראַציאָנאַלער ספערע באַהעפט דעם מענטשן מיט גאָט.

ר׳ חסדאי קרשקש שטרייכט שטאַרק אונטער אַז ער לייקנט ניט אָפּ די גרויסע באַדייטונג פון פאָרשן און וויסן, נאָר ער וויל דערמאָנען, אַז וויסן איז בלויז דאָס מיטל צו דערוועקן און שטאַרקן דעם נשמה־דראַנג נאָך באַהעפטונג מיט גאָט און דעם שטרעבן

צום גוטן און פולקאָמענעם. די ראַציאָנאַלע ערקענטעניש מיטן איר־ראַציאָנאַלן ווערן אין קרשקש׳ס טעאָלאָגיע איינג צוזאַמענגעגאָסן, און דער שכל ווערט געשטעלט אונטערן געפיל. אַנטקעגן רמב״מס אַריסטאָטעלישע אידעען האָט ער אַרויסגעשטעלט דעם איינציקן שכל־דיקן גאָט־געדאַנק. דער גייסטיקער וועלט־פּרינציפּ ווערט ביי אים דערהויבן צו אַ געטלעך־פּערזענלעכער אַלץ וויסנדיקער ריינקייט און גוטסקייט, וואָס בלאָזט אַריין פונקען פון אמת דערקענטעניש אין דעם מענטשן.

די גרונט־טענדענץ פון דער יידישער נבואה זעט קרשקש אין עטיק און ליבע. פאַר דעם שכל בלייבט דאָס גאָט־וועזן אַן אייביקער סוד. דאָס איז דער אונטערשייד פון קרשקש און רמב״ם. דער רמב״ם האָט ראַציאָנאַליזירט די מאָראַל, קרשקש האָט מאָראַליזירט דעם ראַציאָנאַליזם.

3

אין וואָס באַשטייט קרשקשעס פּאָזיטיווער בייטראַג צו דער פילאָזאָפיע און טעאָלאָגיע? וואָס איז זיין פּאָזיטיווער בייטראַג צו דער יידישער פילאָזאָפיע? אין אָנהויב איז געווען די ליבע! די ליבע איז דער עצם פון גאָט. די ליבע האָט זיך פאַרקערפּערט אין אַ וועלט און געפונען איר העכסטע השלמה אין יידישן רעליגיעזן באַנעם. די גאַנצע וועלט איז אַן אַנטפּלעקונג פון גאָטס ליבע, פון אַבסאָלוטן גוט. אין ליבע זעט קרשקש די מאַניפעסטירונג פון געט־לעכן שכל. גאָט איז ניט בלויז וויסן און חכמה נאָר אויך ליבע, איי־ביק שאַפנדיקע ליבע, ליבע צו שאַפן דאָס גוטע. די קראַפט פון מענטשנס שכל באַווייזט זיך, געפינט זיך אַליין אויפן וועג פון ליבע צו גאָט. די ליבע איז דער פאַרקער פון מענטשן מיט גאָט. דורך דער ליבע פילט זיך דער מענטש באַהאַפטן מיט גאָט. נאָך שענער פון שיינקייט און וויסן איז ליבע. גאָטס מהות — לערנט קרשקש — באַשטייט אין שאַפן דאָס גוטע און פאָלקאָמע, און דאָס גוטע איז אַ תכלית אין זיך גופא. „די השגחה איז אַ פּועל־יוצא פון גאָטס

ליבע צו זיינע באַשעפעניש. פון די צוויי גרונט־געבאָטן, „ואהבת את ה׳״! און „וידעת את ה׳״! האַלט קרשקש דעם ערשטן פאַרן וויכ־טיקערן, פאַרן גרעסערן עיקר. עס שטייט ואהבת! דאָס איז דער יסוד פון דער תורה! איר גרעסטער ציל באַשטייט אין ליבשאַפט און גוטסקייט. אויך דער העכסטער ציל פון מענטשנס לעבן דער תמצית און צוועק פון אַלע געבאָטן, באַשטייט אין וועקן אין אונד־זער נשמה די דאַזיקע ליבע, פאַרשטאַרקן דאָס דאַזיקע געפיל, דעם עמאָציאָנעלן דראַנג צום באַשאַפער, דעם התלהבות געפיל. אין דער ליבע אויסשטראַלונג איז דער מקור פון אונדזער אומשטערבלעכקייט, ניט ווי דער רמב״ם ווערכער, אונטערוואַרפנדיק אַלע עמאָציעס און עפעקטן דער טעטיקייט פון שכל, לייקנט די סאָווערעניטעט פון ליבע, האַלט קרשקש אַז ניט וויסן, נאָר ליבע איז דער רינג וואָס שמידט אונדז מיט גאָט דעם באַשאַפער. די דאַזיקע ליבע איז אויך אַן אינטעלעקטועלע קאַטעגאָריע, און דאָס פירט צו דער העכסטער מענטשלעכער פאַלקאָמענהייט. דערביי ווייזט קרשקש אַלעמאָל אָן, אַז די דאַזיקע ליבע דערוועקט ניט נאָר דעם אינטעלעקט, מאַכט מעגלעך, פאַרן מענטשן אויפצונעמען און באַגרייפן גאָט, נאָר פירט צו מאָראַלישע פליכטן אין לעבן, צייכנט אָן דעם עטישן וועג ניט נאָר פאַר די בעלי שכל נאָר אויך פאַר יעדן מאמין אין גאָט.

פון דעם שטאַנדפונקט טרעט קרשקש ווידער שאַרף אַרויס קעגן רמב״ם וואָס האַלט אַז נאָר דאָס גוטע האָט זיין מקור אין גאָט, און דאָס שלעכטע האָט בכלל ניט קיין רעאַלע עקזיסטענץ. אַזוי ווי פינצטערניש איז די אָפּוועזנהייט פון ליכט, אַזוי, האַלט דער רמב״ם, איז שלעכטס די אַבסאָלוטע פאַרלייקענונג פון גוטס. קרשקש האַלט אָבער אַז אויך דאָס שלעכטע איז אַ מדרגה וואָס פירט צום גוטן, און איז ניט דער אַבסאָלוטער קעגנזאַץ פון גוטס. דאָס וואָס דער מענטש באַטראַכט אַלס שלעכטס באַצוועקט אויך דאָס גוטע, ווייל עס איז געשיקט פון גאָט, אין נאָמען פון יושר און גערעכטיקייט. דאָס שלעכטס, וואָס איז אַן עונש, אַ שטראָף פאַרן רשע אָדער אַ וואָרעניש פאַרן צדיק איז אין גרונט גענומען נאָר דאָס גוטע. ווייל דאָס שלעכטס קומט דאָך דעמאָלט אַלס נסיון און דורכן נסיון אַנט־

פלעקט זיך אונדזער אמתע ליבע. אין דעם פרט שטעלט זיך קרשקש אויפן דיאלעקטישן שטאַנדפונקט פון קבלה און חסידות וואָס האָבן געלערנט אַז קיין אַבסאָלוטע שלעכטס אויף דער וועלט איז ניטאָ, „נאָר דאָס שלעכטס איז אַ שטול צום גוטן".

אַרויסגייענדיק פון דער הנחה אַז וואָס גרעסער ס'איז די גלוסט פון מענטשנס נשמה צו ליבע און גוטס אַלץ שטאַרקער איז דער בונד פון דעם מענטשן מיט גאָט, שטרייכט קרשקש אונטער אַזוי ווי די מקובלים און באַגרינדער פון חסידות דעם גרויסן באַדייט פון תפילה און שמחה. דורך דער צונויפגיסונג מיטן באַשעפער דערגרייכט דער מענטש די העכסטע מדרגה פון תענוג. דער מענטש איז דעמאָלט באַהערשט פון אַ ווילן צו אוניווערסאַלער דערקענטעניש, אַריינצודרינגען אין סוד פון לעבן וואָס איז אָנגעפילט מיט ליבע און גוטסקייט, ער זעט די כסדר שאַפנדיקע כוחות וועלכע שטראָמען פון די עלעמענטן, ער הערט דעם געהיימניספולן רויש וואָס ער רופט אַרויס דער כסדרדיקער יצירה פּראָצעס, און דורכדעם באַהעפט ער זיך מיט גאָט. דעמאָלט גיסט ער זיך צונויף מיטן וועלט־שכל, דעמאָלט דערפילט ער די פרייד וואָס פלאַטערט אויף דער וועלט און יעדער מינדסטער שאָטן פון טרויער פאַרשווינדט ווייל וואָס פאַר אַ זין האָט טרויער ווען עס איז פאַראַן אַזאַ מעכטיקער שטראָם פון ליבע? די גרעסטע ליבע אויף וועלכער די מענטשלעכע נשמה איז פעאיק איז אָן אַ שאָטן פון טרויער. (פאַרגלייך מיט שפינאָזאס צענטראַלן געדאַנק אין דער עטיק 3, „גליקזעליקייט איז ניט קיין שכר פאַר טוגנט אַליין").

דאָ טרעט אַרויס ר' חסדאי קרשקש, דער פרומער מיטלאַלטערלעכער רב פון סאַראַגאָסאַ, מיט אַ מוטיקער באַהויפּטונג וועגן תכלית און זין פון מעשי־בראשית — אַז דער זין פון גאָטס־באַשאַפן די וועלט איז דאָס לעבן גופא. „עס האָט קיין זין ניט — שרייבט ער — צו קלערן פאַרוואָס פאַר אַ תכלית און צוועק איז דער מענטש און די וועלט באַשאַפן געוואָרן. דער שאַפונגס־אַקט גופא איז פאַר זיך דער גרעסטער ציל. ווייל גאָטס עצם איז דאָך די ליבע, און די ליבע ווערט אַנטפּלעקט בלויז מיטן שאַפן, מיט דער באַשאַפנדיקער

קראַפט, גאָט געניסט אַליין פון דער ליבע, מעשי־בראשית איז דעריבער אַ מוז זאַך, אַ נויטווענדיקייט, דורך אויסגיסן זיין מאַכט אַנטפּלעקט גאָט זיין ליבע צו וועלט און מענטש, ווייל די ליבע וואָרצלט אין גוטסקייט און גאָטס אַלס טרעגער פון אַבסאָלוטן גוטן קען ניט אויפהערן שאַפן, ער איז משפיע און באַנייט אָן אויפהער. די דאָגמע, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט צוליב אַ תכלית — זאָגט קרשקש — איז שוין אַליין אַן אָפּלייקענונג פון זיין שלימות, ווייל דאָס באַווייזט אַז געוויסע צייטלעכע מאָטיוון האָבן אים דער־צו באַוואויגן. די וועלט איז אַ כסדרדיקע אַרויסשטראַלונג פון גאָט, דעם מקור פון ליבע און גוטס, און ניטאָ קיין גרעסערער פאַרגעניגן און גליקזעליקייט ווי דאָס געפיל פון איינקייט מיט דער וועלט, דאָס הייסט מיט גאָט. און אויף דעם אופן וואָס מיר דערקענען די ליבע און גוטס פון דער וועלט דערקענען מיר די רעאַליטעט פון גאָט. דער לעבעדיקער פאַקט פון דער געזעצמעסיקייט פון דער ליבע אַליין וואָס פאַראייניקט אין זיך האַרמאָניש די, דורכן באַשאַפענעם גייסט פאַרשטאַנענע טענדענצן, איז אַן עדות אויף דער רעאַליטעט פון גאָט.

ווען מיר טראַכטן זיך אַריין אין די דאָזיקע געדאַנקען פון קרשקשן דערפילן מיר דעם יסוד פון שפינאָזאס פּאַנטעאיזם — די איינהייט פון גאָט און וועלט. אין דער לעצטער דורכאַרבעטונג פון זיין פילאָזאָפיע האָט קרשקש דערפירט צו שפינאָזאס שפּעטערדיקן פּאַנטעאיזם. דער וואָס פּאַסט אויף די וועלט אַלס אַן איינהייט, ווער עס וויל דאָס אַלגעמיינע געזעץ פון דער נאַטור פאַרווירקלעכן אין דער לעבעדיקער פערזענלעכקייט, גייט ניט נאָך בלויז דעם פריידענקערישן שפינאָזאַ, נאָר אויך דעם מיטלאַלטערלעכן תלמודיסט און הייליקן מאַן ר׳ חסדאי קרשקש.

4

אין זיין זייער וויכטיק בוך וועגן ר׳ חסדאי קרשקש באַווייזט דער דענקער ג. יואל זייער געניי אַז אין קרשקשעס פילאָזאָפיע געפינען מיר די גרונט־יסודות פון שפּינאָזאַס פילאָזאָפישן סיסטעם. זעלבסט־פאַרשטענדלעך אַז אין רעליגיעזע פראַגן איז דער פרייער אַמסטערדאַמער דענקער און ראַדיקאַלער קריטיקער פון די כתבי הקודש, ברוך שפּינאָזאַ, געווען ווייט פון קרשקש דעם טיפן מאמין אין יעדער אות פון דער תורה. אָבער דאָך זיינען דאָ באַריר־פּונקטן צווישן דעם פרייען דענקער און דעם סאראַגאָסער צדיק ר׳ חסדאי קרשקש. (שפּינאָזאַ דערמאָנט קרשקשן אין זיינע געזאַמלטע בריוו. בריוו 19) אויך שפּינאָזאַ רעדט אַ סך וועגן „שכלדיקער ליבשאַפט״ וועגן דער „אינטעלעקטועלער ליבע צו גאָט״, וועגן מענטש אַלס אַ טייל פון דעם צעשאָטענעם גאָט־שטויב אין דער נאַטור. אויב מענטש — לערנט שפּינאָזאַ — פאַרשטייט אַז ער איז גאָרניט נאָר אַ טייל פון דער נאַטור, פון דער אייביקייט, דאַן איז ער פריי פון טרויער און אומגליק. אויב דער מענטש איז אינדיווידועל אַפילו באַגרענעצט, דאַרף ער זיך אָבער פרייען מיט גאָט און זיינע ווערק וועמענס טייל ער איז. ער דאַרף דעריבער ליבן גאָט, זיך פרייען מיט אים און אין דעם וועט ער געפינען זיין גליק. כדי זיך אויסצודריקן אין גאָט ליבע דאַרף דער מענטש לעבן אַ פאָלקאָם לעבן, ער דאַרף זיין מאָראַליש און לעבן אין איינקלאַנג מיט דער נאַטור. דאָ דערקענען מיר דעם זין פון קרשקשעס באַנעם, דעם אינהאַלט פון ר׳ חסדאיס פילאָזאָפיע. הינטער די לאָגישע אַרגומענטן פון שפּינאָזאַן באַהאַלט זיך דער כוואַליעדיקער אימפּעט פון קרשקשעס טעאָלאָגיע.

אַ לאַנגע צייט איז געווען אָנגענומען אַז דער גרונטיקער אונטערשייד פון יידישקייט און שפּינאָזיזם איז דער אונטערשייד פון דעטערמיניזם און „בחירה חפשית״ (פרייער ווילן), שפּינאָזאַ, וועלכער האָט ניט אָנערקענט קיין שום אויסערלעכע גייסטיקע סיבה אויסער דער נאַטור, קיין שום גייסטיקע אומאָפּהענגיקייט און די

גאָטהייט איז ביי אים בלויז אַן אינערוויייניקסטע סיבה אינערהאַלב דער נאַטור "causa immanens" האָט ממילא ניט געקענט אָנער־קענען קיין שום פרייען ווילן איבער די אייזערנע געזעצן פון דער נאַטור. נישט אָנערקענענדיק קיין שום איבערנאַטירלעכע סיבה, האַלטנדיק אַז אַלץ איז איינגעשלאָסן אין רוים און צייט, קען ער ניט אָנערקענען קיין שום פרייהייט פון ווילן. שפינאָזא טייטשט אויס די גאַנצע בריאה אַלס לחלוטין אומפרייע, וואָס אונטערלייגט אומ־שכלדיקע, בלינדע, אומפאַרענדערלעכע געזעצן. דער עיקר פון דער יידישער רעליגיעזער אידעע איז אָבער די דערגענטעניש פון „פרייען ווילן", יהדות האַלט אַז די מענטשלעכע שפירונג פון אַ „פרייען פילן" — דאָס מאַניפעסטירט אין מענטשן דאָס געטלעך־אומבאַגרענעצטע. שפינאָזא האָט אָבער געהאַלטן פון קאָסמישן דעטערמיניזם. דער מענטש איז מער ניט ווי אַ ווערקצייג אין די בלינדע כוחות פון דער נאַטור וואָס זיינען סיבות פון אַנדערע סיבות. „דעם ווילן קען מען ניט באַטראַכטן אַלס פרייען נאָר אַלס נויטווענדיקן" האָט שפינאָזא אָפן אַרויסגעזאָגט אין זיין „עטיק" (1טער טייל באַמ. 32).

מיט הונדערטער יאָרן פאַר שפינאָזאן האָט שוין קרשקש באַ־לויכטן דעם פּראָבלעם פון דעטערמיניזם און פרייען ווילן. און אויך אין דעם פּרט קומט זיך צוזאַמען דער רעליגיעזער פילאָזאָף פון מיטל־אַלטער מיט שפינאָזאן, דעם אַרויסגעשטויסענעם ייד.

ווי אַלע מיטלאַלטערלעכע פילאָזאָפן רעדט קרשקש אויך וועגן שווערן פּראָבלעם פון „ידיעה און בחירה", ווי אַזוי עס גייט צוזאַמען גאָטס וויסן מיט דער עקזיסטענץ פון זינד און שטראָף? אויב גאָט ווייס און וויל עס זאָל אַזוי זיין איז דאָך די ענדערונג ניט אָפּהענגיק פון מענטשלעכן ווילן. אַנטקעגן גאָטס רצון און דעה מוזן דאָך די מענטשלעכע באַמיאונגען בלייבן ציללאָז.

פאַרשטייט זיך אַז אין דער פראַגע פון „בחירה חפשית" באַ־מיט זיך קרשקש ניט אָפּצושטיין שטאַרק פון דער יידישער טראַ־דיציאָנעלער דאָגמאַטיק פון פרייען ווילן. ער קאָנסטרואירט אָבער אַן אייגענע פילאָזאָפישע קאָנצעפּציע וועגן פרייען ווילן. קרשקש

גייט צו צו דער פּראָבלעם טיף און אָריגינעל, מיט אַן אייגענער אָריענטאַציע און דיאַלעקטישן קוק אויף די זאַכן.

ר׳ חסדאי קרשקש לייקנט אין „בחירה חפשית״, קיין אַבסאָ־לוטער פרייער ווילן איז טאַקע ניטאָ, ער נעמט אָן דעם דעטער־מיניזם, די לערע וועגן דער באַגרענצונג און באַשטימטקייט פון ווילן און האַנדלונג, אָבער גראָדע דער דעטערמיניזם אַליין האַלט ער לייקנט דעם פאַטאַליזם, וואָס לערנט אַז אַלע מענטשלעכע באַמיאונגען זיינען ציללאָז. דער מענטש קען, דערקענענדיק די געזעצן און סיבות, שאַפן מיט זיך אַליין. קרשקש האַלט, דער מענטשלעכער פרייער ווילן „קומט ניט אין אַ גאָר גרויסן קאָנפליקט מיטן דעטערמיניזם. אין דעם דעטערמיניזם אַליין איז דאָ אַ געוויסע מאָס פרייקייט, דער פרייער ווילן רייסט זיך אַריין איבער די גע־זעצן פון דער נאַטור.

און דאָ זאָגט קרשקש אַרויס אַן אָריגינעלן געדאַנק: דער מענטש באַזיצט אַ פרייען ווילן אויף אַזוי ווייט אַז ער קען אויסקלייבן פון גאַנץ פאַרשיידענע אַנטקעגנגעזעצטע מעגלעכקייטן, אָבער אַט די בחירה איז אויך אַ פועל יוצא פון באַשטימטע תנאים און אומ־שטענדן וואָס צווינגען דעם מענטשן אָננעמען דעם באַשלוס און ניט קיין אַנדערן. ווען דער מענטש פאַרשנדיק די סיבות, די געקייטלטע פאָלגלעכע געזעצן פון דער נאַטור, זיינען זיינע אייגענע באַמיאונגען ניט צוועקלאָז, דען אין תוך גענומען זיינען אונדזערע באַשלוסן אויך אַ מוז זאַך, זיי אונטערלייגן די געזעצן און די סיבות.

דאָ שווימט ווידער אַרויף די אַלטע קשיא וועגן „שכר ועונש״ (לוין און שטראָף) אויב אַלץ איז דעטערמינירט ווי אַזוי זשע איז באַרעכטיקט דער עונש פאַרן זינדיקן? ער ווערט דאָך דערצו גע־טריבן פון אַן אייזערנעם מאָטיוואַציע־גאַנג? דערויף ענטפערט קרשקש אַז גאָטס שטראָף איז אַ רעזולטאַט פון שלעכטע האַנדלונגען. דער עונש פאָלגט ווי באַווירקט פון אַן אורזאַך. פונקט ווי עס איז פאַר־שטענדלעך, אַז ווער עס דערנעענטערט זיך צום פייער, מעג זיין אומ־גערן און געשטויסן דערצו, מוז פאַרברענט ווערן... (כמו שאיננו עול הקרבנות אל האש שישרף ואם היה קרבתו בזולת רצון).

שטראָף איז ניט קיין באַלדיקע ווילנדיקע רעאַקציע קעגן מענטשן נאָר איז אַ מעכאַנישער נאַטור געזעץ. אויך די שטראָף איז אַ דעטערמינירטער רעזולטאַט פון דעטערמינירטע באַדינגונגען.

אַזוי זעען מיר ווי קרשקשעס אויפפאַסונג וועגן „פרייען ווילן" גרענעצט זיך אויך מיטן שטאַרקסטן אָנהענגער פון דעטערמיניזם, שפינאָזאַ, דאָך האָט קרשקשן זיין דעטערמיניסטישע אויפפאַסונג ניט געשטערט צו אָנערקענען „בחירה חפשית" אַלס אַ פונדאַמענטאַלן פרינציפ פון דער תורה.

ר' חסדאי קרשקש איז געווען דער ערשטער וואָס האָט צעריסן דעם פאַלשן בונד צווישן העליניזם און יידנטום. קעגן דער גריכישער פילאָזאָפיע וואָס האָט געוואָלט סכאָלאַסטיש ערקלערן די ערשטע סיבה איז קרשקשעס וועלט באַנעם געריכטעט געווען צו ערקלערן די וועלט דורך געפיל. גאָט און די וועלט איז איינס און די שכלדיקע שווערקייט קען אויסגעגלייכט ווערן מיט דעם אינערלעכן נאַטירלעכן מהות פון מענטש און וועלט. דאָס איז דער שליסל צו קרשקשעס פילאָזאָפיע, צו זיין פאַרשטייין פון תורה און זיין באַנעם פון גאָט, מענטש און וועלט. די פיבערדיקע בענקעניש און ליבע צו גאָט, מענטש און וועלט — דאָס איז געווען דער ריטם פון זיין ווערק און לעבן.

## דער ספר חסידים — זיין סאָציאַל מאָראַלישער באַדייט

דער פּאָפּולערסטער מוסר ספר, וואָס שפּיגלט אָפּ דעם עטיש סאָציאַלן געדאַנק ביי די יידישע רעליגיעזע דענקער, א מוסר ספר, וואָס איז אונדז פאַרבליבן פון דער תקופה פון די קרייצ־צוגן, — איז דער ספר חסידים. ער איז דער פּאָפּולערסטער און שטאַרקסטער פאָלקסטימלעכער ספר פון יענער עפּאָכע, וואָס איז פאַרבליבן אַ פאָלקס־בוך, צו וועלכן די פרומע מאַסן טוליען זיך מיט ליבשאַפט ביז היינטיקן טאָג.

דער ספר חסידים באַשטייט פון 1178 סעיפים (פּאַראַגראַפן). ער איז געדרוקט געוואָרן אַנאָנים, אָבער מען האַלט אַז דער מחבר איז ר׳ יהודה החסיד. דער היסטאָריקער פון דער יידישער ליטע־ראַטור, צינבערג, פאַרזיכערט אַז די ערשטע 26 פאַראַגראַפן פון ספר חסידים זיינען פון ר׳ יהודה החסידס פאָטער, ר׳ שמואל בן קלונימוס.

דער שרעקלעכער צושטאַנד פון יענער תקופה האָט געשטעלט אויפן סדר היום אַ סך פערזענלעך־מאָראַלישע און סאָציאַל־עטישע פּראָבלעמען, וואָס האָבן געמוזט פּראַקטיש פאַרענטפערט ווערן. דער ספר חסידים איז דער וועג־ווייזער צו די אַלע עטישע פּראָב־לעמען פון זיין צייט.

די תקופה, ווען דער ספר איז געשאַפן געוואָרן איז געווען איינגעטונקען אין בלוט. דאָס איז געווען די צייט פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם און פינצטערן האַס. ער איז פול מיט גלויבן אין ניסים ער איז מיסטיש — מעטאַפיזיש, אָבער דאָך דערציילט ער וועגן זיין תקופה אַלס אַן עפּאָכע פון הערואישן קדוש השם.

דער סטיל פון ספר איז אַ געלאַסענער, איינגעהאַלטענער. ער דערציילט מערסטנס אין אַ רואיקן עפּישן טאָן, נאָר זעלטן רייסט זיך אַרויס צאָרן און עמפּערונג.

אין וואָס באַשטייט זיין סאָציאַל־מאָראַלישע לערע ? מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט ציטאַטן.

„אַ ירא שמים וואָס זיין האַרץ ברענט צו גאָט, איז חשובער ווי אַ תלמיד־חכם, לכן זאָל אַ מענטש מתפלל זיין אויף דער שפּראַך וועלכער ער פאַרשטייט. ניט דווקא אויף לשון קודש, (סימן 588).

„טייערער פון אַלץ איז מדת הרחמים, ווען איינער וועט דיך פרעגן: איך קען איצט מנדב זיין געלט, זאָג מיר וואָס איז גלייכער, זאָל איך געבן אַ סופר ער זאָל שרייבן אַ ספר תורה, צי זאָל איך עס אָוועקגעבן אָרעמע לייט, וואָס האָבן אויף קיין מלבוש ניט ? זאָלסט אים זאָגן : ישעיהו הנביא האָט געהייסן : „זעסטו אַ נאַקעטן קלייד אים אָן" (323).

ואהבת לרעך כמוך — אָט דאָס איז דער איינציקער כלל פון מאָראַל. די ריכטיקע און איינציקע מאָס מיט וועלכער מען דאַרף לויט דעם ספר חסידים שאַצן און מעסטן אַלע מעשים, דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן.

„ווי דאַרף זיך אַ מענטש וואָס באַזיצט מאַכט צו געוועלטיקן איבער אַנדערע מענטשן נוהג זיין ? — זאָל דער מענטש באַטראַכטן און געדענקען — לערנט דער ספר חסידים — ווי ער וואָלט גע־וואָלט מען זאָל אים באַהאַנדלען ווען ער זאָל זיין אין יענעמס רשות, אָט פּונקט אַזוי זאָל ער זיך נוהג זיין מיט זיינע קנעכט, דינער און אַרבעטער" (668).

„אַ מענטש טאָר ניט בעטן פאַר זיין טובה וועגן אַזוינס וואָס קען אַן אַנדערן שאָדן ברענגען, און ווער עס האָט אין זינען תקון העולם, נאָך איידער ער טראַכט וועגן זיין אייגענער טובה, וועט אים אויך זיין גוט און וואויל" (478). אַ תמימותדיקע סאָציאַלע וועלט־אָנשויאונג. אייניקע שטעלן רירן מיט זייער נאַאיווער, ריינער מענטשלעכקייט, מיט זייער אָפענער האַרציקייט.

„אַ פאָטער דאַרף אין בית הכנסת ניט קושן זיין קינד. עס זיינען דאָך דאָרט דאָ אויך חשוכי בנים, מענטשן וואָס האָבן קיין קינדער ניט. קענען זיי דערביי האָבן עגמת נפש" (255).

דעם מקור פון יידן־פיינטשאַפט, זעט ער אין יידישער סאָ־

ציאַלער רשעות. „יעדעס מאָל ווען די אומות העולם טוען אונדז שלעכטס, איז דאָס אַ שטראָף פאַר דער שלעכטס וואָס יידן זיינען באַגאַנגען איינער קעגן דעם אַנדערן" (209).

„מען טאָר קיינעם ניט אָפּנאַרן, ניט קיין ייד, ניט קיין גוי. מען טאָר אויך אַ גוי קיין שום עוולה ניט טאָן. מען טאָר ניט אויסנוצן דעם טעות פון אַ גוי, וואָס איז מקיים שבע מצוות. מען דאַרף אים האַלטן בכבודיקער פון אַ ייד, וואָס וויל ניט עוסק זיין אין דער הייליקער תורה" (358).

„ווען אַ גוי לאָזט זיך אין אַ פרעמדער שטאָט אַריין, און פרעגט זיך פריער אָן ביי אַ יידישן באַקאַנטן, ווער פון די דאָרטיקע יידן ס'איז באַגלויבט מען זאָל מעגן מיט אים האַנדלען און ווער ניט, איז דער ייד מחויב צו זאָגן דעם אמת און וואָרענען דעם גוי אַז מיט דעם און דעם טאָר מען ניט האַנדלען" (1086).

„מעשה באיש אחד. האָט ער געהאַט אַ סך זין און טעכטער, און אַלע זיינען זיי אויסגעשטאָרבן, אַלס עונש דערפאַר וואָס ער האָט געטאָן אומרעכט און גענאַרט אַ גוי מיט וועלכן ער האָט געהאַנדלט. וואָרום גאָט ברוך הוא איז אַ שופט צדק, ער נעמט זיך אָן פאַר באַגזלטע און באַרויבטע, סיי פאַר אַ ייד סיי פאַר אַ פרעמדן" (166). „אַז מען דערמאָנט אַ פאַרשטאָרבענעם אָרנטלעכן גוי דאַרף מען זאָגן זכרונו לברכה".

די פירערין און טעאָרעטיקערין פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם אין דייטשלאַנד, ראָזאַ לוקסענבורג, שרייבט אין אירע בריוו, אַז עס מוזן אַנטוויקלט ווערן אין דער סאָציאַליסטישער עטיק, ברייטע געפילן פאַר דעם שטומען ליידן פון די חיות. שילדערנדיק ווי די בהמות ווערן אין דער מלחמה אומדערבאַרעמדיק עקספּלואַטירט שרייבט זי אין אירע באַרימטע בריוו:

„אַ, ברודער בהמה,ביידע שטייען מיר דאָ הילפלאָז אונטער דעם יאָך. מיר זיינען איינס אין אונדזערע ליידן, אונדזער שוואַכקייט, אונדזער בענקעניש".

זעקס הונדערט יאָר פאַר דער לוקסעמבורג זאָגט דער „ספר חסידים":

„און עס איז אַ גרויסע עבירה מצער צו זיין וועלכע ס׳איז באַשעפעניש אָדער אָנלאָדן אויף אַ בהמה מער משא ווי זי איז אומשטאַנד צו טראָגן״ (666).

„גאָט וועט זיך אָננעמען דעם צער פון די פערד, וועלכע די רייטער אין דער מלחמה שלאָגן מיט זייערע שפּאָרן״.

„דער צדיק ווייס די זעלע פון דער בהמה״ — דאָס מיינט ער זאָל מיט איר ניט אַרבעטן ווען זי איז קראַנק״ (664).

„אויב אַ הונט וואָס בייסט ניט איז אַריין אין הויז, און דער ייד וויל אים אַרויסטרייבן, זאָל ער אים אַרויסטרייבן מיט אַ קליין ריטל. ער טאָר אים ניט אָפּגיסן מיט הייסע וואַסער אָדער שלאָגן מיט אַ גראָבן שטעקן״.

מען טאָר ניט אָפּשניידן קיין עק ביי אַ בהמה. ווייל מען איז זי דאָך דערמיט מצער און זי איז ניט אומשטאַנד אָפּצוטרייבן פון זיך די פליגן״ (589).

דער ספר חסידים איז דער ליכטיקסטער, סאָציאַל מאָראַלי־שער טראַקטאַט פון מיטלאַלטער, און דערביי איז ער אויך אַ קוואַל פון אמתן פאָלקלאָר און פאָלקס זיטן, וואָס טראָגט אַ געזעל־שאַפטלעכן כאַראַקטער.

## סאָציאַלער יושר אין רבנישע שאלות ותשובות

די פּראַקטיק פון אַלטעגלעכן לעבן אין די צייטן פון מיטל־אַלטער און רענעסאַנס, ווען די געזעצן פון דער תורה האָבן געהערשט אין די גרויסע יידישע קהלות, ווערט אָפּגעשפּיגלט אין די שאלות ותשובות פון יענער צייט. דאָס סאָציאַלע לעבן האָט אַרויסגערוקט די פּראָבלעמען פון אַרבעטער און אַרבעטס־געבער באַציאונגען, דעמאָקראַטיע, וואַל רעכט פאַר די אָרעמע מאַסן א. אַז. וו.

נאָך אין די מיטלאַלטערלעכע שאלות ותשובות, זעען מיר, ווי די תלמודישע אויטאָריטעטן, די רבנים, האָבן זיך באַשעפטיקט מיט די סאָציאַלע פּראָבלעמען, מיט דעם פּראָבלעם פון אָרגאַני־זירטער אַרבעט. אין „תשובת הרא״ש״, ווערט געבראַכט אַ שאלה פון לעדער אַרבעטער, וואָס האָבן געמאַכט אַ קאָאָפּעראַטיוו און זיך פאַראייניקט קעגן די באַלעבאַטים. אַ באַזונדער אָרט פאַר־נעמען די סאָציאַלע שאלות אין ספר „צמח צדק״, שאלות און תשובות פון דעם באַרימטן גאון און פוסק ר׳ מנחם מענדל קראָכמאַל.

ר׳ מענדל קראָכמאַל איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1600 בערך אין קראָקע. אין זיין יוגנט איז ער געווען אַ תלמיד פון ר׳ יואל סירקיש, דעם ב״ח. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ דיין אין קראָקע. דאָרט איז ער געוואָרן אַ חבר פון ועד ד׳ ארצות, (קאָמיטעט פון פיר לענדער) וואָס האָט דעמאָלט עקזיסטירט אין פוילן און וואָס פלעגט זיך פאַרזאַמלען אייניקע מאָל אַ יאָר. ער איז געפאָרן צו די ירידים פון לובלין, יערוסלאַוו, אויף די ירידים פלעגן פאַרקומען די אַלע שאלות. די אַרבעטער פלעגן פאַרלייגן זייערע שטרייט־פראַגן פאַר ועד ד׳ ארצות, און וואַרטן אויף זייער אַנטשיידונג. דאָרט האָט זיך ר׳ מענדל באַקענט מיט דער לאַגע פון די אָרעמע מאַסן.

אי יאָר 1636, האָט ער פאַרלאָזן פוילן, צוליב אַ מלחמה און אַן עפּידעמיע, און איז געוואָרן רב אין קרעזמיר, אין מערן. דאָ האָט ער געשאַפן זיין „צמח צדק", וואָס איז אַ רבניש ספר, פול מיט אַרבעטער־געזעצן.

דער „צמח צדק", איז תמיד געשטאַנען אויף דער זייט פון די אָרעמע. אין יענער צייט, ווען עס האָט נאָך געהערשט דער פעאָדאַלער פּרינציפּ אין דער געזעלשאַפט, ווען עס האָבן עקזיסטירט די בעלי מלאכות און זייערע אַרויסהעלפער, האָבן זיך צווישן די צעך־מייסטערס געפונען אַזעלכע וואָס האָבן באַרויבט דעם אַרבע־טערס רו, און רעכט און פרייהייט. ר' מענדל האָט געקעמפט קעגן דער סאָציאַלער רשעות. אין דער שטאָט קרעזמיר, וואו ער איז געווען רב, האָט זיך געפונען איינער פון די פירער, וואָס האָט געוואָלט באַרויבן די אָרעמע פון זייער לוין. ר' מנחם מענדל, האָט אונטערנומען צו פירן אַ קאַמף מיט דעם עקספּלואַטאַטאָר ביז ער האָט „מבטל געווען דעם רצון פון דעם תקיף". (זע, צמח צדק, סימן א").

אין אַ שאלה איז ער געפרעגט געוואָרן וועגן שטים־רעכט פאַר אָרעמע לייט. „די רייכע האָבן ניט געוואָלט דערלאָזן אַז די אָרעמע זאָלן קענען האָבן אַ דעה אין דער פירערשאַפט פון דער געמיינדע". זיי האָבן געטענהט אַז די אָרעמע צאָלן ווייני־קער פון די רייכע. „ווייל ווי קען געמאָלט זיין אַז דער אָרעמאַן זאָל האָבן די דעה אַזוי ווי דער עשיר". די אָרעמע לייט האָבן געטענהט אַז ווי ווייניק צינזן זיי צאָלן איז דאָס פאַר זיי שווערער ווי פאַר די רייכע.

ר' מענדל האָט געגעבן דאָס רעכט די אָרעמע, ער האָט גע־שריבן אַז מען טאָר ניט אָוועקשטויסן די אָרעמע פון אויסדריקן זייער מיינונג אין די ענינים פון דער קהלה. „די טענה פון די אָרעמע איז אַ גערעכטע און זיי האָבן די זעלבע רעכט ווי די רייכע, ווייל די מאָגערע צינזן וואָס זיי צאָלן איז ביי גאָט חשובער ווי די גרויסע געלט פון די רייכע". (צמח צדק, סימן ב").

ר' מענדל קראָכמאַל, האָט שטענדיק געקעמפט אויף דער זייט

פון די אָרעמע. ער האָט אַריינגעבראַכט דעם סאָציאַל־געדעכטן גע־זעץ אין רבנישן לעבן. דורך זיין קאַמף קעגן די געלט יחסנים האָט ער זיך ערוואָרבן אַ סך שונאים, צווישן די רייכע און שטאַר־קע, וועלכע האָבן אים פאַרפאָלגט. אין דער הקדמה צו זיין ספר בעט ער גאָט „ואל יבהלוני ויטרידוני שונאי חינם הני עשירי״. (זאָלן מיך ניט אָפּשרעקן די אומזיסטע שונאים, די רייכע).

אין יאָר 1650, איז ער געוואָרן רב אין ניקלשבורג. אויך דאָרט האָט ער אָנגעגריפן די רייכע אין זיינע דרשות, און האָט געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט און ווערן רב אין פּרוסניץ, מעהרן, אומעטום וואו ער איז געקומען איז ער געווען דער ליבלינג פון די אָרעמע וועלכע האָבן זיך געווענדט צו אים מיט זייערע שאלות ותשובות.

ער איז געשטאָרבן ב׳ שבט, 1661.

אַזוי האָבן די רבנים געקעמפט אין אַ פעאָדאַלער אָרדנונג פאַר סאָציאַלן יושר.

## דער מהר"ל מפּראָג
## און זיין לערע פון פעלקער־מאַראַל

ווען מיר גיבן אַ בליק אויף דער גאַלעריע גאונישע גע־שטאַלטן פון מיטלאַלטער און דער רענעסאַנס עפּאָכע, די גע־שטאַלטן וואָס האָבן געלייגט דעם יסוד פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער, נאַציאָנאַל־עטישער אידעאָלאָגיע, שווימט אַרויף פאַר אונדז די גיגאַנטישע אידעאישע געשטאַלט פון דעם גייסטיקן ריז, רב יהודה אריה לעווי, דער מהר"ל פון פּראָג. (געבאָרן אין 1515 אין פּויזן, געשטאָרבן אין 1609 אין פּראָג). דער מהר"ל, וואָס גאַנצע דורות זיינען אין משך פון הונדערטער יאָרן ערצויגן געוואָרן אויף זיינע ספרים. די דענקער און בויער פון יהדות האָבן אים פאַרגעטערט. גאַנצע באַוועגונגען זיינען געשאַפן געוואָרן אויפן גרונט פון זיינע ווערק. און אין פאָלק איז ער באַוואוסט אַלס דער שאַפער פון „גולם", אַ מענטש וואָס די שליסלען פון הימל און ערד, זיינען אים איבערגעגעבן געוואָרן, און אין זיך האָט ער געטראָגן דעם סוד פון דער גאולה. ער האָט אַרומגערינגלט מיט זיין קולטורעלער יצירה, די טיפקייט פון יידישער מחשבה און איז פאַרבליבן אַלס דער מיסטיקער און פייטן פון איין זייט, און ראַציאָנאַליסט און פילאָסאָף פון דער צווייטער זייט.

אין דער גאַלעריע פון היסטאָריש רעליגיעזע פיגורן, וואָס האָבן אין זייערע ספרים, זיך אָפּגעגעבן מיט דער פילאָסאָפיע פון דער יידישער געשיכטע, איז דער מהר"ל געוועזן דער גרעסטער און טיפסטער. די יידישע געשיכטע הייבט זיך ביי אים אָן מיטן בראשית פון דער וועלט. דאָס יידישע פאָלק האָט לויטן מהר"ל, אַ באַזונדער נאַציאָנאַלע פיזיאָנאָמיע. מיר געפינען אין די ספרים פון מהר"ל די אידעאישע יסודות פון זיין נאַציאָנאַליזם,

וואָס זיינען העכסט מאָדערן. אויפדעקנדיק די פסיכאָלאָגישע און סאָציאַל־היסטאָרישע עלעמענטן פון די יידישע מדרשים און אגדות וואָס ריידן וועגן דעם מהות פון יידישן נאַציאָנאַליזם, אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז דער מהר״ל אַלס אָריגינעלער אידעאָלאָג פון מאָדערנעם נאַציאָנאַליזם, וואָס צייכנט אָן די גרונט־עלעמענטן פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און זעלבסטשטענדיקייט.

פאַרשיידנאַרטיק און קעגנזעצלעך זיינען די פילע תשובות וואָס זיינען געגעבן געוואָרן אויף דער פראַגע וואָס איז אַזוינס נאַציע? אַלע נאַציע־טעאָרעטיקער זיינען מודה אַז דער גרויסער סכום פון אויסערלעכע דערשיינונגען, וועלכע מיר זיינען געוואוינט צו אַסאָציאירן מיט אַ וועלכע ס׳איז נישט נאַציע, דריקן נאָך נישט אויס דאָס וועזנטלעכע פון דער נאַציע. די אויפפאַסונג פון נאַציאָנאַלן פּראָבלעם קען איינגעטיילט ווערן אין אַ סך קאַטעגאָריעס. ראשית קומט די רעליגיעז־מיסטישע אויפפאַסונג אַז נאַציע, דאָס איז אַן אינערלעכע נויטווענדיקע צוזאַמענגעבונדנקייט פון מענטש לשם אַ העכערער גייסטיקער לעבנס־שליחות. נאָכדעם קומט די פּסיכאָלאָגישע אויפפאַסונג, וואָס ערקלערט נאַציע אַלס אַ נאַטירלעכע פאַראייניקונג פון יחידים מיט די זעלבע פיזישע און פּסיכישע אייגנשאַפטן, און נאָכדעם די מאַרקסיסטישע, אָדער סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע אויפפאַסונג, אַז נאַציע דאָס איז אַ געזעלשאַפט וואָס איז אויסגעוואַקסן אין די זעלבע פּראָדוקציע באַדינגונגען און איז אויך פאַראייניקט דורך זייער בשותפותדיקער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט. און אָט דער פאַקטאָר פון היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט איז אַזוי שטאַרק, אַז אַפילו ביי אַ פּרואוו איבערצואַנדערשן דעם ערשטן פאַקטאָר פון די פּראָדוקציע־באַדינגונגען, וועט דער געמיינזאַמער עבר פאַרט צוזאַמענהאַלטן די פאָלקס־טיילן אין איין גאַנצן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם. דאָ ווערן בלויז אָנגעצייכנט דריי גרונט דעפיניציעס, וועלכע בילדן דעם לעבעדיקן קערפּער פון אַ נאַציע. אָבער מיט די דערמאָנטע טעאָריעס זיינען די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע קאַטעגאָריעס נאָך ווייט ניט אויסגעשעפּט געוואָרן. עס איז דאָ אַ גאַנצער לאַבירינט פון נאַציע שיטות, וואו

מען קען בלאַנדזשען און בלאַנדזשען און זיך ווייניק אָריענטירן וועגן דעם באַגריף.

דער מהר"ל האָט אין זיינע גרונט־ספרים „נצח ישראל", „תפארת ישראל" און „גבורת ה'" אַנטוויקלט אַ גרויסע טעאָריע וועגן דעם באַגריף נאַציע. ער גיט אַ ברייטע דעפיניציע וועגן דער אַנטשטייאונג פון פעלקער און פאָרמולירט קלאָר דעם באַגריף נאַציע.

עס איז מערקווירדיק, אַז אין זיין אויפפאַסונג וועגן מהות פון נאַציע, איז דער מהר"ל געקומען צו דעם זעלבן שלוס ווי אָטאָ באַוער, דער לעצטער באַדייטנדער טעאָרעטיקער פון מאַרקסיזם, וואָס האָט געשאַפן די קולטור געמיינשאַפט טעאָריע אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

מיט זיין צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם האָט אָטאָ באַוער, אַרויסגעשטעלט אַזאַ דעפיניציע וועגן נאַציע: די כאַראַקטעריסטיק, דער סימן פון אַ נאַציע איז ניט די בשותפותדיקע שפּראַך — לויט דער טעאָריע פון קאַוטסקי, — פון אַ באַשטימטער גרופּע מענטשן, נאָר די כאַראַקטער אייגנשאַפטן, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן פון זייער אַלגעמיינעם גורל. באַוערס אויפטו אין דער נאַציאָנאַלער טעאָריע איז אַז יעדער נאַציע שפּיגלט אָפּ אַ באַזונדער קולטור. יעדער מענטש דאַרף זיך דערפאַר באַהעפטן מיט דער אַלגעמיינער קולטור פון דער נאַציע. אָבער באַוערס אויספיר איז, אַז בלויז אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, קען מאַכן די נאַציאָנאַלע קולטור פאַרן אייגנטום פון גאַנצן פאָלק. דער קאַמף פאַר סאָציאַליזם פאַרשמעלצט זיך דערפאַר לויט באַוערן מיט דעם קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע און סאָציאַליזם גופא באַדייט דעמאָלט, אַ קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט אין די ראַמען פון נאַציעס וואָס זיינען דיפערענצירט ביז צו דעם העכסטן גראַד. דאָס דערווערבן פון דער נאַציע איר פולע רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג, אָט דאָס וואָס מען רופט זעלבסטשטענדיקע דיפערענצירונג איז לויט באַוערן סאָציאַליזם.

עס איז ממש צו באַוואונדערן, אַז דאָס וואָס אָטאָ באַוער דערלאַנגט אונדז נאָך אַ גרינטלעכער וויסנשאַפטלעכער חקירה וועגן דער נאַציאָנאַלער דיפערענציע פון דער מענטשהייט, — האָט דער מהר״ל ברייט אַנטוויקלט, שטיצנדיק זיך אויף דער תורה און תלמוד, זוהר און קבלה, דריי הונדערט פופציק יאָר פאַר באַוערן.

לויט דער תורה פון מהר״ל, האָבן זיך די אומות גע־בילדעט אויפן יסוד פון סאָציאַלע און נאַטור באַדינגונגען. פאַר־שיידענע גרופן פון מענטשלעכער קולטור, פון מענטשן טיפּן, זייבען אַנטשטאַנען. יעדער איינער, האָט פאַרקערפּערט אין זיך אַן אַנ־דער קולטור פילאָזאָפישן פּרינציפּ. דער מהר״ל כאַראַקטעריזירט די קולטורעלע פאַרשיידנאַרטיקייט פון גריכישן, רוימישן און יידישן פאָלק. די גריכן זיינען געווען נוטה צום עסטעטישן וועלט באַנעם. „דער כוח פון יון איז ספּעציעל אין דעם וואָס זי איז אַריין אין היכל פון „תפארת״ (קונסט), מער ווי אַלע אומות״. (אור חדש, פ״א, י״א) „יון, איז דער סימבאָל פון חכמה״, (דאָרט פּרק י״).

וועגן די רוימער, שרייבט ער, אַז זיי צייכענען זיך אויס מיט זייער רצון נאָך פּאָליטישער מאַכט און סאָציאַלער באַהערשונג פון מענטש. די יידישע אומה האָט געבראַכט התחייבותן פון עטיק, פון דער הייליקייט פון מענטשלעכן לעבן״. די ערגסטע מלוכה — שרייבט ער, — איז מלכות אדום (רוים), וואָס זי איז אין עצם מינדערווערטיק נאָר זי גזלט אַנדערע לענדער״. (גבורות ה״, ה״). רוים האָט זיך כידוע נאָך אין די אוראַלטע צייטן און אַפילו אין מיטלאַלטער, אויסגעצייכנט מיט איר אימפּעריאַליסטישער מאַכט און לוסט. פאַר איר רויב און פעלקער פאַרשקלאַפונג, באַ־צייכנט זי דער מהר״ל אַלס מינדערווערטיקסטע. דאָס דאָזיקע מלכות וויל אַז זי זאָל „זיין איינגאַנצן, און קיין אַנדער פאָלק זאָל בכלל ניט עקזיסטירן אין מציאות״. (נר מצוה, ז״). סאָציאַלע מאַכט און פּאָליטישע שקלאַפעריי, דאָס איז דער אייגנאַרטיקער מהות פון איר קולטור. „זייער העכערער כוח באַשטייט אין דעם, וואָס אויך זייער הימל געהערט צו די האָרן און די ערד צו די רייכע,

אָבער יידן שטעלן זיך פאַר גאָט אַלס דעם וואָס רוט מיט די אונ־טערדריקטע״, (נתיבות עולם).

נאָכדעם ווי דער מהר״ל דעפינירט קלאָר די פאַרשיידנאַר־טיקייט פון גריכן און רוים, פון ישראל, גיט ער אונדז אַ קלאָרן באַגריף וועגן נאַציע בכלל.

„יעדער אומה האָט איר אייגנאַרטיקייט אין איר עצם מהות. דער נאַציאָנאַלער מהות דאָס איז אַ שכלדיקער באַגריף, אויף דעם באַווייזט דער „כתב״ פון פאָלק. יעדער פאָלק האָט אַנטוויקלט אַ באַזונדער כתב״ (אור חדש, ח״א).

אַ סך אַנטראָפּאָלאָגן האָבן ערקלערט, אַז אין אַ געוויסער סטאַדיע פון מענטשלעכער אַנטוויקלונג, איז געקומען די שפּראַך, אָבער צום ערשטן איז געקומען די שריפט, דאָס איז געווען די ערשטע קולטורעלע יצירה פון פאָלק.

דער מהר״ל האַלט אַז דער כתב, די קולטור, דאָס איז דער אָביעקטיווער סימן פון יעדער פאָלק, „און אין די מדרגות פון די אומות וואָס זיינען צעטיילט, ווייל דער כתב איז אַ העכערע אַנטפּלעקונג ווי דער לשון״ (תפארת ישראל, ס״ד). אין דעם סימן פון אייגנאַרטיקער קולטור, אַלס דעם מהות פון נאַציע, דערזעען מיר די טעאָריע פון אָטאָ באַוער. דער אונטערשייד פון מהר״ל און באַוער, באַשטייט נאָר אין דעם וואָס אָטאָ באַוער, דער יידישער מאַרקסיסט, איז אין זיין גלענצנדן אַנאַליז פון דער נאַציאָ־נאַלער פראַגע, נכשל געוואָרן אין זיין צוגאַנג צום יידישן פּראָב־לעם, ער איז צוגעגאַנגען מיט פאַראורטיילן פון די מאַרקסיסטישע דענקער און פון קאַרל מאַרקס אַליין וועגן יידישן פאָלק. ער האָט אָנגענומען די פאַלשע שיטה, וואָס מאַרקס האָט אָן שום גרונט אַרויסגעזאָגט אַז יידן זיינען אַ נאַציע וואָס איז סאָציאַל פאַר־משפט צום אונטערגאַנג. דער מהר״ל האָט אָבער אַלס באַשטעטיקונג פון זיין הנחה, אַז נאַציע איז בלויז אַ קולטורעלע געמיינשאַפט, געניצט די וואונדערלעכע ערשיינונג פון יידישער עקזיסטענץ. דאָס יידישע פאָלק וואָס איז אַ פאָלק אָן אַלגעמיינער טעריטאָריע און אַל־געמיינער שפּראַך, אַ פאָלק וואָס פאַרמאָגט בלויז די אַלגעמיינע

כאַראַקטער־אייגנשאַפטן וואָס זיינען אויסגעוואַקסן פון זיין אַלגע־מיינעם גורל.

דעפינירנדיק קלאָר די קולטורעלע פאַרשיידנאַרטיקייט פון פעל־קער, דערגרונטעוועט זיך דער מהר״ל צו דעם קוואַל פון וואַנען עס שטראָמען אַרויס די פאַרשיידענע פעלקער־פיינטשאַפטן, און ער רעדט אויך וועגן די טיפערע סיבות פון אַנטיסעמיטיזם, און ער ערקלערט איינפאַך: „אַלע מלחמות פון איין פאָלק אַנטקעגן צווייטן האָבן זייער וואָרצל אין דער אַנדערשקייט פון די פעלקער" (גבורות ה"). ווען ס'דערוואַכט די תאווה צו פאַרגעטערן די אייגענע קולטור, אַלס ציל פאַר זיך, אַנשטאָט זי אויסצונוצן, אויף אַ פרידלעכן, פרוכטבאַרן, קולטורעלן אויפשטייג פון אייגענעם פאָלק, דעמאָלט ווערט די פאַרגעטערטע קולטור פאַרוואַנדלט אין אַ סכנהדיק ווערק־צייג, אונטערדריקן אַנדערע מלוכות. און די מלוכה ווערט אַ מורא־דיק כלי־זין, צו אונטערדריקן און פאַרפייניקן אַנדערע פעלקער. אָט די פאַרשיידנאַרטיקייט האָט געבראַכט צו דער פאַרשאַרפטער פיינדלעכקייט צום יידישן פאָלק. געוויינלעך נעמט דער מהר״ל אַרום דאָס יידן פיינטשאַפט אין זיין גאַנצן היקף. אַז דאָס פיינד־שאַפט צו יידן איז לחלוטין נישט ניי. דאָס איז אַ פסיכאָלאָגישע פאַרפעסטיקטע ירושה אין דער באַציאונג פון די פעלקער צו ישראל. „די שנאה צו די יידן איז צוליב דעם חלוק פון זיי און אַנדערע אומות. ווייל אַלע אומות פון דער וועלט זיינען איינס קעגן אַנדערן, אָבער די יידן ווייזן זיי אַרויס אַ באַזונדער קעגנערשאַפט, אַ חיהשע שנאה" (דאָרט). אָבער דער מהר״ל פאַרפעלט אויך ניט צו דערמאָנען די עקאָנאָמישע סיבה פון אַנטיסעמיטיזם, ער דערקלערט דעם יידן האַס, אַלס דעם אויסדרוק פון עקאָנאָמישער קאָנקורענץ. ער ווייזט אָן דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן הינטערגרונט פון דער חיהשער שנאה צו יידן. „ווייל עס זיינען דאָ אומות וואָס קענען ניט זיין גליק־לעך ווען אַנדערע פעלקער האָבן הצלחה, און ווען עס באַגליקט דעם יידן זיינען זיי אומגליקלעך" (דאָרט). אַזוי ערקלערט דער מהר״ל, דעם מקור פון פעלקער־האַס און זאָאָלאָגישן אנטיסע־מיטיזם.

אויב דער האַס פון פאָלק צום פאָלק, איז אַזוי טיף פאַרוואָרצלט אין דער אַנדערשקייט פון זייערע קולטורן, איז וואָס פאַר אַ זינען האָט די צעטיילונג פון דער מענטשהייט אויף קולטורן? אויף דעם ענטפערט דער מהר״ל אַז עס איז דאָ אַ זינען אין דער מענטשלעכער געשיכטע, אין דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון פאָלק און פאָלק. אָבער עס מוזן אַנטוויקלט ווערן שענערע שייכותן צווישן פאָלק און פאָלק. איין פאָלק מוז זיך לערנען צו שאַנעווען און שאַצן די אַנדערשקייט פון מענטשן־טיפּן און פעלקער קולטורן.

## 2

צוויי הונדערט יאָר פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און קרוב צו דריי הונדערט יאָר פאַר דער גרינדונג פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט זיך געגרינדעט מיטן צוועק „צו פאַראייניקן זיך אין דער עפנטלעכקייט כדי צו דעקלאַרירן, די מאָראַלישע געזעצן, וואָס דאַרפן שאַפן די רעכטלעכע באַציאונגען צווישן די פעלקער, (ק. מאַרקס ערעפנונגס רעדע, 1864) איז געקומען דער מהר״ל און האָט פעסטגעשטעלט די יסודות פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע אין צווישן־פעלקערלעכע באַציאונגען.

„שעבוד אומה באומה אין זה לפי סדר המציאות, כי ראוי שתהיה כל אומה בת חורין״ — די פאַרשקלאַפונג פון פאָלק דורך פאָלק איז ניט נאָכן סדר פון דערווירקלעכקייט, ווייל עס איז רעכט אַז יעדער פאָלק זאָל האָבן זיין פרייהייט״. (נצח ישראל, כ״ה) „אַ פאָלק פון אַנמאַכט און צעטרעטונג איז דער וואָס אַלע הערשן איבער אים״. (דאָרט, פרק ס״ה). דער גאַנצער גרויל פון דער יידישער אומה, באַשטייט אין דעם וואָס זיי האָבן אָנגעוואָרן זייער נאַציאָנאַלע ווערדע און זעלבסטשטענדיקייט. „דער גלות איז אַ פאַראַכטונג צו ישראל ווייל זיי ווערן ניט פאַרעכנט פאַר אַ זעלבשטענדיק פאָלק״. (דאָרט).

דער מהר״ל, האַלט, אַז עס מוזן אַנטוויקלט ווערן טיף מאָראַלישע שייכותן פון פאָלק צו פאָלק. דאָס וועט פאַרמיידן די צווישן

פעלקערלעכע קאָנפליקטן, וואָס אַנטשטייען אַלס פועל־יוצא פון דער קולטורעלער אַנדערשקייט. אַבסאָלוטע פרייהייט מוז זיין דער באַזיס פאַר „די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן פאָלק און פאָלק, דאָס איז דער נאָרמאַלער מצב פון יעדער פאָלק". (דאָרט).

נאָכן מהר"לס לערנען, זיינען אַלע פעלקער גאָט געשאַפענע יצירות, וועמענס אַנדערשקייט, גאָט האָט געמאַכט מיט אַ כוונה, אַז יעדער אויף זיין באַזונדערן אופן זאָל מיטווירקן אין דער סימ־פאָניע פון וועלט כאָר, און אַזוי ברענגען צום אויסדרוק זייער אייגנאַרטיקייט. די פעלקער פון דער וועלט זיינען קינדער פון דער מענטשהייט און פון גאָט. און נישט דאָס בטול ווערן פון די פעל־קער איז דער ציל פון דער געשיכטע, נאָר זייער לעבן אין האַר־מאָניע און געטלעכן שלום. גאָט האָט באַשאַפן יעדער אומה זעלבסט־שטענדיק. פעלקער זיינען ווי אַנדערע געגנשטאַנדן „און יעדער געגנ־שטאַנד מוז זיין אין זיין אייגענעם רשות".

אין ליכט פון די לעצטע פאָליטישע פאַסירונגען, ווען די קלע־נערע פעלקער ווערן אַלץ מער אונטערדריקט און זייער גאַנצע עק־זיסטענץ שטייט אין סכנה, קלינגען דעם מהר"לס ווערטער אין זייער גאַנצער אַקטועלקייט.

דער מהר"ל פאָדערט אויך אַז די פאַרשיידנאַרטיקייט פון רעליגיעס דאַרף ניט זיין קיין שטער פאַר פעלקער־געמיינזאַמקייט. עס מוז עקסיסטירן רעליגיעזע טאָלעראַנץ. די דיפערענציאַציעס אין גלויבן דאַרפן אַפילו ניט געבן קיין מעגלעכקייט פאַר די גייסטיקע קאַמפן.

„ס׳איז ניט פאַסיק צו דערוויטערן אַ זאַך וואָס איז קעגן זיין געדאַנק. יעדער איינער מעג אַרויסווייזן זיין אמת און אויב אַפילו די רייד זיינען קעגן זיין אמונה און רעליגיע, טאָר מען יענעם ניט זאָגן רייד ניט, שליס דיין מויל! אויב אַזוי, וועט קיינמאָל ניט קלאָר ווערן יענעמס געדאַנק און דער ענין דת".

און דער מהר"ל פאַרענדיקט דעם קאַפיטל, וואָס רעדט וועגן פעלקער־פרייהייט מיט די ווערטער: „און פאַרשטיי די רייד, ווייל זיי זיינען אַ זייער גרויסער עיקר".

אַט דער „זייער גרויסער עיקר״, האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם שקלאַפן־יאָך פון אייראָפּע און אַמעריקע. דאָס איז געווען דער אי־דעאָלאָגישער באַזיס פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע וואָס האָט געפאָדערט „אַ ברייטע דעמאָקראַטיע״, און דער יסוד פאַר דער אַמעריקאַנער „דעקלאַראַציע פון פרייהייט״, וואָס האָט געפּריידיקט רעליגיעזע טאָלעראַנץ און אומאָפּהענגיקייט פון שטאָט.

דער מהר״ל האָט דעם פּראָבלעם פון יידישן נאַציאָנאַליזם געווידמעט צוויי גרויסע ספרים „גבורות ה״ און „נצח ישראל״, אָבער זיין אידייע, איז אַזוי ווי די יידישע נבואה, אַרויס פון די איינגע ראַמען פון נאַציאָנאַליזם און האָט גערעדט וועגן גורל פון פעלקער. אין מהר״לס תורה, געפינען מיר דעם שורשדיקן אינטערנאַציאָנאַליזם. אַט דער אַקטיווער יידישער נאַציאָנאַליזם, וואָס האָט זיך אָפּט אויסגעדריקט אין שטאַרקן מאָראַלישן פּראָ־טעסט קעגן פעלקער אונטערדריקונג.

אַ סך וויכטיקע שטעלן פון מהר״לס ספרים, ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ דירעקטן רוף פאַר נאַציאָנאַלער פאַרברידערונג, פאַר אוני־ווערסאַליזם.

דער מהר״ל האָט געהאַלטן, אַז די יידישע רעליגיע איז טאַקע אין איר אינעווייניקסטן תוך קולטורעל אַנדערש פון אַנדערע פעלקער. אָבער זי קען ווערן אַ רעליגיע וואָס מוז די פעלקער דערהויבן און זיי אויסלייזן. דאָס יידישע פאָלק קען דורך זיין תורה ווערן אין דער פעלקער משפחה, אַ כוח פון ערשט ראַנגיקער באַדייטונג, וואָס וועט ווירקן צו דערנעענטערן די וועלט צום אמתן שלום און פולשטענדיקער דערלייזונג פון דער גאַנצער מענטשהייט.

דער מהר״ל איז פאַרהייליקט געוואָרן ביי דעם טשעכאָסלאָ־וואַקישן פאָלק, דורך דער לעגענדע פון גולם, אַלס היסטאָרישע פיגור. דאָס טשעכישע פאָלק וואָס האָט יאָרן לאַנג געקעמפט פאַר זיין פרייהייט, האָט ביי דער גרינדונג פון זיין רעפּובליק, אָוועקגעשטעלט דעם מהר״ל אַ מאָנומענט, אין דער געביידע פון פּראַגער שטאָט פאַרוואַלטונג. אין יאָר 1917 ווען די טשע־

כישע רעפובליק האָט געבויט איר „שטאַט פאַרוואַלטונג" האָט זי איינגעלאַדן דעם באַרימטן נאַציאָנאַלן סקולפּטאָר לאַדיסלאַוס שעלווין, צו מאַכן אַ פיגור פון מהר״ל. די היסטאָרישע פיגור פון ר׳ לייב פון פראָג געפינט זיך דאָרט מיט דער אויפשריפט: „אין צווייטן ווינקל האָבן מיר געשטעלט אַ פיגור פון ר׳ לייב דעם געלערנטן און מיסטיקער וואָס אין אים איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אַלץ וואָס די ערהאַבענע יידישע געטאָ אין פראָג האָט געשאַפן". איצט ווען פראָג ליגט דערשטיקט אונטער די בלוטיקע שטיוול פון טיראַנישן היטלעריזם, האַלט דער מאָנומענט ביי אָרונ־טערגעריסן ווערן. די נאַציס האָבן דעם מהר״לס ספרים זיכער קיינמאָל ניט געלערנט. דער שאַפער פון „מיטאָס פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט", האָט זיך אין מהר״לס אידעען ניט פאַרטיפט. אָבער ווייזט אויס אַז זיי האָבן אינסטינקטיוו דערפילט אַז דעם מהר״לס אידעען, זיינען אַ סכנה פאַר זייערע בלוטיקע מעשים, פון פעלקער פאַריאָכונג, און זיי האָבן באַשלאָסן צו פאַרניכטן די הייליקע פיגור.

דער מהר״ל ווועט אָבער פאַר די וואָס וועלן לערנען זיינע ספרים פאַרבלייבן דער טעאָרעטיקער פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און דערלייזונג.

# ר׳ שניאור זלמן און זיין סאָציאַלע עטיק

דער קאַמף צווישן חסידיזם און מתנגדים, די דאָזיקע צוויי שטרעמונגען, וואָס האָבן משפיע געווען אויף דער ייִדיש־רעליגיעזער געדאַנקען וועלט ווערט בדרך כלל באַטראַכט פון די מאָדערנע געשיכטע שרייבער, איינזייטיק, אָן אַ פּרואוו אַריינצודרינגען אין דער אידעאָלאָגיע פון חסידות, און אָן אַ ווילן צו באַטראַכטן דעם אידעאיש־עטישן אינהאַלט פון חסידות. זיי ערקלערן בלויז דעם קאַמף פון רבנישן פאָרמאַליסטישן דענקען און חסידישן געפיל.

חסידות איז אָבער אויפגעקומען ווי אַ באַוועגונג פון די אָרעמע פאָלקס שטאַנדן וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט קעגן דער העגעמאָניע פון דער פּלוטאָקראַטיע. חסידות, איז ניט בלויז געווען אַ גייסטיקע רעוואָלוציע אין פאָלקס־געמיט, נאָר אויך אַ מעכטיקע אָפּאָזיציע קעגן אַ פּריווילעגירטן קלאַס. די ערשטע חסידישע פירער, דער גרינדער פון חסידות, דער בעש״ט אַליין, זיינען געווען פאָלקס מענטשן, קבצנים און אביונים. חסידות האָט אַרומגעכאַפּט די פאָלקס מאַסן. די שניידערס, שוסטערס, בעלי עגלות, זיינען געווען די ערשטע, וועלכע זיינען צוגעשטאַנען צו דער נייער רעליגיעזער באַוועגונג. זיי זיינען געווען די ערשטע אָנהענגער פון דער שיטה, וואָס האָט געלערנט אַז מ׳קען מיט אַ קאַפּיטל תהלים, דערגרייכן מער ווי אַ למדן מיט זיין קענען גאַנץ ש״ס. די קראַפט פון שמחה און פרייד, וואָס דער בעל שם האָט אַריינגעגאָסן אין די מאַסן האָט געווירקט ווי גייסטיקער דינאַמיט, גענוצט אין אַ פאָלקס אויפשטאַנד קעגן פּריווילעגירטע קלאַסן.

חסידות האָט ווידער אויפגעלעבט די תלמודישע לעגענדע פון ל״ו פּראָלעטאריער, וואָס אין זייער זכות שטייט די וועלט. דער האָלץ העקער, שניידער, וואַסער טרעגער, איז אַ פאַרבאָרגענער צדיק.

חסידות, האָט ווידער אויפגעלעבט די תלמודישע לעגענדע קינסטלערישן מעטאָד, וואָס קען דינען אַלס מיטל פון סאָציאַלן רעוואָלט.

„די פסיכאָלאָגיע פון דער חסידישער מעשהלע, איז ניט קיין אינדיווידואַליזירטע, נאָר אַן אַלגעמיינע און נאַציאָנאַלע. און אירע שטענדיקע טעמעס זיינען: דאָס לעבן פון טוגנט, ערלעכקייט אין האַנדל וואַנדל. עניוות קעגן גאָט, און מענטש. די שעצונג פון דעם אָרעמאַן איבער דעם רייכן און דעם געמיינעם איבער דעם דער־הויבענעם. די שיינקייט און ווירקזאַמקייט פון אויפריכטיקער תפילה. די קאָמוניסטישע פרינציפּן פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. ליבשאַפט צו דער וועלט און אַלע אירע זאַכן און בטחון אין גאָט, אַלס באַרמהערציקן העלפער און גערעכטן שופט". (חיים ליי־בערמאַן, „ביכער און שרייבער").

דער חסידיזם איז אַ אידייע וואָס האָט אַוועקגעשטעלט דעם פּרינציפּ פון רעליגיעזער און ממילא סאָציאַלער גלייכקייט.

חסידות איז געווען אַ בפירושער היפוך ניט נאָר פון רבנות, נאָר אויך פון דער השכלה. און ניט נאָר לויט איר קולטורעלן פּראָ־גראַם, נאָר אויך לויטן סאָציאַלן. דער גאַנצער קולטורעלער פּראָ־גראַם פון חסידות, איז אָנגעפּילט מיט סאָציאַל־עטישן תוכן. די השכלה און אירע פאַרשטייער די „רעגירונגס רבנים", האָבן זיך געבויגן אין לאָיאַלקייט צום קייסערישן פאָטערלאַנד, און בכלל האָבן די משכילים געשטיצט דעם ראַציאָנאַליסטישן קאַ־פּיטאַליזם, געזען אין זיין אויפקום ציוויליזאַציע און אויפקלע־רונג. אָבער חסידות, וואָס איז פון דער השכלה פאַרשריען געוואָרן אַלס רעאַקציאָנער און פעאָדאַל, איז געשטאַנען פאַר סאָציאַל־עטישע לעבנס־פאָרמען.

דעם אידעאָלאָגישן שטויס צו סאָציאַלן יושר האָבן געגעבן די ערשטע אידעאישע באַגרינדער פון חסידות. דער וואָס וויל זיך באַקענען מיט דעם סאָציאַלן פּראָגראַם פון חסידיזם, אין דער עפּאָכע פון זיין אויפקום, מוז זיך דעריבער באַקענען מיט דעם עטישן אינהאַלט פון דער חסידישער אידעע און אַנשויאונג.

איינער פון די ערשטע זיילן פון חסידיזם, ביי וועמען דער סאָציאַל־עטישער מאָטיוו איז רעליגיעז אידעאיש פאַרטיפט געוואָרן, איז געווען ר׳ שניאור זלמן, דער ליאַדער, דער מאַרטירער פאַרן חסידיזם און דער גרינדער פון דער חב״ד (ר״ת, חכמה, בינה ודעת) שיטה און באַוועגונג און וועלכער איז געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „רב״.

2

ר׳ שניאור זלמן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1770, אין דער שטעטל לאזני, רייסן, אין אַ מיוחסדיקער משפחה. ער איז יונג פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער נייער שיטה, וואָס דער בעל שם האָט געגרינדעט און איז אַוועק קיין מעזעריטש, וואו ער איז געוואָרן איינער פון די גרעסטע תלמידים פון ר׳ בער מעזעריטשער, דער גייסטיקער נאָכפאָלגער פונם גרינדער פון חסידיזם. נאָך זייענדיק יונג, האָט ר׳ שניאור זלמן געשאַפן דאָס גרונט ווערק פון זיין פילאָזאָפיע „דער תניא״. אָט דער מאָראַל־פילאָזאָפישער און טעאָלאָגישער טראַקטאַט פון חסידות, וואָס האָט אָנגעצונדן דעם צאָרן פון דער רבנישער מתנגדישער וועלט, און וואָס האָט פאַראורזאַכט אַז ר׳ שניאור זלמן, זאָל אַריינגעוואָרפן ווערן אין דער פּעטערבורגער תפיסה. דער ספר „לקוטי אמרים״, — (אַ זאַמלונג פון ווערטער), און באַוואוסט אונטערן נאָמען דער „תניא״, איז איינער פון די הייליקסטע ספרים ביי דער גאַנצער חסידישער וועלט. דער „תניא״, דאָס איז די „ביבל פון חסידיזם״. דער ספר אַנטהאַלט דעם אידעאישן אינהאַלט פון דער חב״דער שיטה. דאָס איז אַ רעליגיעז פילאָזאָפישער טראַקטאַט, וואָס גיט זיך אָפּ מיט די פּראָבלעמען פון דער געטלעכקייט און דער תורה. דאָרט און אין אַלע אַנדערע ווערק פון ר׳ שניאור זלמן, קומען צום פולן אויסדרוק זיינע סאָציאַל עטישע געדאַנקען.

געוויינלעך האָט ר׳ שניאור זלמן געזוכט דעם יסוד פאַר זיין סאָציאַלער אידעע אין פאַרטיפטער פרומקייט. די סאָציאַלע אויסבעסערונג קען קומען צום אויסדרוק נאָר דורך זעלבסט הילף, דורך צדקה.

אין תלמוד איז זייער גרויס די מצוה פון צדקה. סאָציאַלע הילף ווערט אין תלמוד דערהויבן צו דער גרעסטער מצוה. צדקה וועגט אַנטקעגן אַלע מצוות פון דער תורה. זי איז מקרב די גאולה, צערייסט דעם גזר דין פון מענטש. איז מציל פון טויט, פון דין פון גיהנם. און אין היפך, דער וואָס גיט ניט קיין צדקה, איז גלייך ווי ער דינט עבודה זרה ווי ער וואַרפט אַראָפּ דעם עול פון מלכות שמים, ווי ער דינט עבודה זרה. ער הייסט אַ רשע און אַ מענטש אָן אַ עול. (ירושלמי, שקלים, פרק ח, בבא בתרא י״. גיטין ז״. כתובות ס״ה). אַ סך אַזעלכע אַפאָריזמען זיינען צעשפּרייט אין די הונדערטער אין תלמוד. לויט זיי האָט דער רמב״ם אָוועקגעשטעלט אין זיין יד החזקה, דעם דין: „חייבים אנו להזהר במצוות צדקה יותר מכל מצוות עשה״. (הלכות מתנת עניים, פרק י״, הלכא א).

אויך דער רב האָט דערהויבן צדקה צו דעם זייל וואָס די גאַנצע וועלט שטייט אויף אים. דער רב בויט אויף אַ גאַנצע פילאָזאָפיע וועגן דער וויכטיקייט פון צדקה. קודם באַטאָנט ער די מאַטעריעלע זייט פון צדקה. „דורך טאָן צדקה בגשמיות, וואָס דאָס איז דאָס געבן געלט צום אָרעמאַן, ווערט דערוועקט אויבן אַ בחינה פון יחוד״. (תורת חיים). „צדקה האָט נאָך אַ מעלה — שרייבט דער רב — וואָס זי צווינגט דעם מענטשן צו ענדערן זיין נאַטור״, צו פאַרקירעווען זיין נאַטור צום עטישן שורש. ווייל די עטיק, האַלט ער, איז פעסט איינגעפונדעוועט אין מענטשנס נאַטור פון זיין געבורט אָן. „מיט געבן צדקה מאַכט דער מענטש אונטערטעניק זיין ווילן צום ווילן פון גאָט״. (אגרת הקודש). גאָר וויכטיק איז ביים רב, די מדה פון צדקה אַז ער דערהויבט איר ווערט איבער אַלע מצוות. אַפילו העכער פון תורה און תפילה, וואָס איז ביי אים דער עיקר פון יידישן גלות קיום. „די צדקה איז דער עיקר פון מצוות מעשיות און זי שטייגט זיי אַלע איבער״, (תניא פרק ל״ז). „און דער עיקר וואו די שכינה אַנטפּלעקט זיך איז ניט אין תורה, ניט אין תפילה, נאָר אין צדקה״. (סדור, שער התפילה).

די צדקה, איז לויטן רב, דער הויפט גורם צו געטלעכער אַנטפּלעקונג און גייסטיקער דערהויבונג. „די צדקה איז דער עיקר פון אַלע מידות, ווייל זי איז אין דער בחינה פון אין סוף, פון דער אַנטפּלעקונג פון ליכט פון אין־סוף, דאָס ליכט וואָס רינגלט אַרום אַלע וועלטן און דערפאַר איז צדקה מקרב די גאולה". (אגרת הקודש, י"ז). און ניט נאָר ווערט דער מענטש געלייטערט און דערהויבן דורך צדקה נאָר אַפילו די גלידער פון זיין קערפּער ווערן אויסגעאיידלט און געהייליקט, דורך צדקה, און אַפילו דער אבר פון מענטשנס קערפּער, וואָס איז מקיים די מצווה ווי די האַנט וואָס טיילט צדקה, צו אָרעמע, ווערט אַ רייטוואָגן צום אייבערשטן רצון". (תניא, כ"ג).

אַזוי ווידמעט ר' שניאור זלמן גאַנצע קאַפּיטלען פון זיינע ווערק צו דער מצוה פון צדקה, איר באַדייט און וויכטיקייט. ער ווייזט אָן פּראַקטישע וועגן ווי דורכצופירן די מצוה. די מידה פון צדקה איז ביי אים ניט קיין מעטאַפיזיש־סודותדיקער מיטל, וואָס פירט צו אַ געהיימען פאַרבאָרגענעם תכלית, ווָעמענס סוד מען געפינט אין דער מיסטיק, נאָר אַ רעאַלער מיטל צו אַ פּראַקטישן תכלית. „פשוט ווייל די צדקה איז רחמנות אויפן אָרעמאַן", (לקוטי תורה, דברים). „אויפצולעבן דעם גייסט פון די דערני־דעריקטע איז אין דער בחינה פון דער זון. אַזוי ווי די צדקה באַלעבט דעם גייסט פון די נידעריקע אַזוי באַלייכט די זון דאָרט וואו ס'איז פינצטער". (תורה אור, יתרו).

אַמאָל פאַרגלייכט דער רב די מדה פון צדקה צו וואַסער. „אַזוי ווי וואַסער גייט פון אַ הויכן אָרט צו אַ נידעריקן, אַזוי איז צדקה און גענאָד צו באַלעבן דעם גייסט פון די נידעריקע, דעם וואָס האָט גאָרניט". (לקוטי תורה, שיר השירים).

אויפבויענדיק אַ גאַנצע אידעאָלאָגישע וועלט־אַנשויאונג וועגן צדקה באַנוגנט ער זיך אָבער ניט מיט דעם. נאָר ער צייכנט אָן אַ קלאָרן פּראָגראַם פון אַ יושרדיקער סאָציאַלער אָרדנונג. דער רב קאָמענטירט אויף אַ סך שטעלן פון תלמוד, זוהר און דער קבלהיסטישער ליטעראַטור, און באַווייזט אַז סיי פון דעם תורה־

דיקן שטאַנדפונקט, סיי פון דעם לאָגישן און מאָראַליש־הומאַניטאַרן שטאַנדפונקט, טאָר אַ מענטש ניט זאָרגן נאָר פאַר זיך. דעם מענטשנס וואוילזיין באַשטייט ניט אין דעם גענוס פון זיין פאַר־מעגן, פון אייגענעם עגאָ, וואָס באַדראָט די יסודות פון דער סאָציאַלער סטרוקטור, און פאַרדאַרבט די פּרינציפּן פונעם צוזאַ־מענלעבן פון יחיד און כלל. עס טאָר נישט דער יחיד אויס־בויען זיין גליק אויף זיין פאַרמעגן און רייכקייט, ניט אומקוקנדיק זיך אויפן גורל פון ברודער מענטש. דאָס איז אַ חרפה פאַרן מענטש, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט.

3

ר' שניאור זלמן, דער ליאַדער, אַלס דער ערשטער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט די נייע אידעע פון חסידיזם אין דער ליטע, האָט זיך צוגעקוקט צום טרויעריקן לעבן פון זיינע ברידער אין דער אָרעמער ליטע. ער האָט געזען ווי אַ פאָלק, ווערט אויפגעכאָוועט אין בייזן דלות. די אָרעמע מאַסן פייניקן זיך דורך דער סאָציאַלער רשעות וואָס עס הערשט אויף דער וועלט, און זיין גרויס האַרץ, וואָס האָט געלעכצט נאָך דערלייזונג האָט איינגעזאַמלט אַ סך רחמנות אויפן פאָלקס־מענטש. זיין ליכטיקע נשמה, וואָס איז געווען דורכ־זיכטיק פון ריינעם שכל און גלויבן און וואָס האָט זיך געצויגן פאַר־חלשט צו דער אומענדלעכער ספירה פון גוטס, האָט זיך אָנגעהויבן ציען אויפן מאַרק און יאַריד, דאָרט וואו דער פאָלקס־מענטש ווערט געטריבן צוליב פרנסה, און מיט זיין ווייט־זעעוודיקן בליק האָט ער תופס געווען דעם סאָציאַלן פּראָבלעם אין זיין גאַנצן היקף. ער האָט אָנגעהויבן וועקן זיינע פאַנטעאיסטישע נאָכפאָלגער, וואָס האָבן זיך געטונקען אין פאַרצערנדיקער לעכצעניש, זיך צו באַפרייען, זיך דערלייזן, צונויפגיסן מיטן אין־סוף, מיט דעם וואָס פילט אָן אַלע וועלטן און רינגלט אַרום אַלע וועלטן—זיי האָט ער גערופן העלפן דעם ברודער, וואָס ליידט, וואָס הונגערט, וואָס ווערט צעשמאַלצן אין טיגל פון פיין און נויט.

אין יאָר 1807, איז אַרויס אַ באַפעל פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, וואָס האָט פאַרבאָטן די יידן צו האַלטן ווייןשענקען אין רוסישע דערפער און געזוכט אין אַלגעמיין צו פאַרטרייבן די יידן פון די דערפער. דורך דער גזירה, איז מיטאַמאָל צעשטערט געוואָרן די מינימאַלע עקאָנאָמישע עקזיסטענץ פון טויזנטער יידישע משפחות. אַ סך יידן פון די דערפער האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן, געשוואָלענע פון הונגער. די נעבאַכדיקע, אומזיכערע, צעטרייסלטע לעבנס עקזיסטענץ פון דאָרפס שענקער, אַרענדאַר, וואָס הונגערט, ליידט, באָרגט און זאָרגט, האָט שטענדיק באַשעפטיקט דעם געדאַנק פון ר׳ שניאור זלמענען. אין זיינע בריוו, האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט, די שווערע לעבנס באַדינגונגען פון דער מאַסע, פון דעם יידישן אַרבעטער און קליין בירגער. אָבער, צוזעענדיק דעם דערמאָנטן גירוש און זיינע ביטערע קאָנסעקווענצן, האָט ר׳ שניאור זלמן זיך שוין ניט באַנוגנט מיט בריוו, וואָס זייער צוועק איז געווען צו וועקן רחמים, נאָר האָט אַליין אונטערגענומען אויף זיינע עלטערע יאָרן אַ שווערע רייזע, אומגעפאָרן אין תחום המושב פון די רוסישע יידן און געזוכט אַ וועג, ווי איינצואָרדענען די אומגליקלעכע דאָרפס יידן אויף אַ פּראָדוקטיווער זיכערער פרנסה.

אַרומפאָרנדיק איבערן תחום המושב און זעענדיק דעם קלאָגעדיקן מצב פון זיינע אָרעמע ברידער, האָט ער דעמאָלט קלאָר פאָרמולירט זיין סאָציאַלן פּראָגראַם, אין זיין „אגרת הקודש״, (הייליקע בריוו), וואָס קען דינען פאַר אונדז ווי אַ קוואַל פון עטישן און סאָציאַלן פּאַטאָס:

„... מיינע באַליבטע ברידער און פריינט, וואָס זיינען ווי מיין נפש! עס איז ניט פאַרהוילן פון אייך דער קלעם פון די צייטן, וואָס די פרנסה האָט זיך אויסגעלאָזן און בפרט, די וועלכע איך קען אין אייער מחנה וואָס זיינען געבליבן אָן אַן אונטערשפּאַרער און זיי לייען ממש אויף צו עסן. אָבער געדענקט אַז עס שטייט „וחי אחיך עמך! מען טאָר ניט לויטן האַרבן דין זיך קליידן אָנשטענדיק, אָדער פּראַווען סעודות, ווען דעם חבר פעלט ברויט צום עסן, אָדער האָלץ צום הייצן. מען האָט ניט געזאָגט „דיין לעבן

איז פריער פאַר דיין חברס" (ב"מ, ס"ב) נאָר ביי איין קריגל וואַסער, וואָס דאָס איז אַ זאַך וואָס איז גלייך פאַרביידן צו דערקוויקן זייער לייב אין דאָרשט. אָבער ניט אַז איין מענטש זאָל מעגן עסן צו דער זאַט און גיין שיין, בכבודיק געקליידט ווען דעם חבר פעלט ברויט צום עסן און אַ קלייד זיך איינצוהילן אין דער קעלט". (אגרת הקודש, נ"ב).

אַזוי האָט רעאַגירט דער זייל פון חב"ד, ר' שניאור זלמן, אויפן סאָציאַלן פּראָבלעם אין זיין צייט.

ווי געזאָגט, איז דער רב געקומען צו זיין סאָציאַלער אידעע, דורכן פאַרטיפן זיך אין יידישן דין. דערפאַר האָט ער אַלע זיינע אידעאַלן אָנגעקליידעט אין אַ רעליגיעזער פאָרם. אָבער ער האָט זיך ערלויבט אויך אַרויסצוגיין פון די ראַמען פון געשריבענעם דין, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט ביים העלפן די אָרעמע. אין יסוד פון געזעץ גופא האָט ער געזען ליגן באַהאַלטן דעם רחמים־עלעמענט, וואָס רעכנט זיך מיט די באַדינגונגען און מענטשלעכע נויטן, דאָס איז דער לפנים משורת הדין. מיט אַקצענטירן די טיפע רחמים יסודות, האָט ער געצילט צו פאַרטיידיקן און שיצן דעם שוואַכערן און ווייניק געראַטענעם. ער האָט אויסגענוצט דעם פאָרמעלן דין פאַרן שלימותדיקן אידעאַל פון סאָציאַלער גערעכטיקייט.

אַלס משל, איז גענוג צו ברענגען אַזאַ כאַראַקטעריסטישן פסק, וואָס ר' שניאור זלמן ברענגט אין זיין שולחן ערוך (הלכות שכירות) אין תלמוד (ב"מ פ"ג, א"), ווערט געבראַכט די אגדה: טראַנס־פאָרט אַרבעטער האָבן איבערגעפירט אַ פאַס וויין און זי צעבראָכן. האָט דער אייגנטימער פון וויין רבא בר בר חנא, אָוועקגענומען זייערע קליידער פאַרן שאָדן. זיינען זיי געקומען און זיך באַקלאָגט פאַר רבאן, האָט ער באַפוילן רבא בר בר חנאן זיי אומקערן די קליידער.

ווען רבא בר בר חנא, האָט געפרעגט צי אַזוי איז דער דין האָט אים דער רב געענטפערט אַז יאָ, ווייל די תורה האָט געהייסן „גיין אין די וועגן פון די גוטע". האָבן ווייטער די אַרבעטער גע־קלאָגט אַז זיי האָבן געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג און זיי זיינען הונגעריק,

האָט רב זיי ווידער געהייסן באַצאָלן זייער לוין. רבא בר בר חנא האָט ווידער געפרעגט, אַזוי איז דער דין? האָט רב ווידער געענטפערט — יאָ, די תורה האָט געזאָגט „דו זאָלסט אָפּהיטן די וועגן פון די גערעכטע״. די אַגדה ברענגט ר׳ שניאור זלמן אַלס דין. דאָס ווייזט בולט ווי ווייט ער האָט זיך באַמיט אויסצונוצן די גרויסע שפּאַנונג פון לפנים משורת הדין אין סאָציאַלע באַציאונגען אויפן יסוד פון אַ נישט הלכהשער, מוסר לעגענדע.

ר׳ שניאור זלמן האָט געהאַלטן אַז באַנוצן זיך מיט דעם טרור־קענעם פאַרמעלן געזעץ אין סאָציאַלן לעבן, באַווייזט די ניט עטישע שלימותדיקייט. דאַקעגן דער שלימותדיקער אידעאַל פון סאָציאַלער גערעכטיקייט איז אַריינצודרינגען אין גייסט און אָטעם פונם דין. דער דין, למשל, ערלויבט צו געבן צדקה, ניט מער ווי אַ פינפטל פון פאַרמעגן. דער רב אָבער שרייבט: „אַ מענטש דאַרף טאָן צדקה און גענאָד אָן אַ גרענעץ און אָן אַ מאָס״. (אגרת הקודש, מ״ח).

ביים באַטראַכטן די רעליגיעז עטישע לערע פונם גרינדער פון חב״ד, דערזעען מיר ווי די אידעע פון סאָציאַלן יושר איז געוועזן די ריכטליניע פון זיין לעבן און דער רב קען באַטראַכט ווערן אַלס יורש און רעאַליזאַטאָר פון די נביאים און די גערעכטע סאָציאַלע לערעס, וואָס זיינען אַרויסגערוקט געוואָרן מצד די רעליגיעזע פאָלקס באַוועגונגען אין אַלע עפּאָכעס.

## ר׳ עקיבא אייגער — פאָטער פון באַעוולהטע און אונטערדריקטע

איינער פון די גרעסטע תּלמודישע גאונים אין לעצטן יאָר־הונדערט, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע עטישע מעשים אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַ פּאַרצייטיקער, פרומער יידישער גאון, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געווידמעט צו העלפן די אָרעמע און עלנדע איז געווען ר׳ עקיבא אייגער.

ר׳ עקיבא איז געווען דער טיפּישער געניאַלער תּלמודיסט פון זיין דור. אין זיינע הונדערטער הערות (באַמערקונגען) צו משניות און ש״ס, באַוואוסט אונטערן נאָמען „גליון הש״ס״, תוספות ר׳ עקיבא און חדושי ר׳ עקיבא אייגער, אַנאַליזירט ער יעדער וואָרט פון משנה און תּלמוד און דעקט אויף דעם תהום פון יעדער סוגיא. זיינע חדושים (אויפטועך) זיינען געוואָגן און געמאָסטן און פאַרנעמען דעם חשובסטן פּלאַץ אין דער לומד׳ישער וועלט. ר׳ עקיבא אייגערס חדושים ווערן געלערנט אין אַלע ישיבות און ווער עס קען נאָכזאָגן ר׳ עקיבא אייגערס אַ פּשטל איז באַוואוסט פאַר אַ חריפישן מוח.

ר׳ עקיבא אייגער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1762 אין אייזנשטאָט, אונגאַרן, ביי זיין פאָטער ר׳ משה גינדז, פון אַ בכבודיקער אונגאַריש רבנישער משפחה. ער איז געווען רב אין אייניקע שטעט אין אונגאַרן, און איז נאָכדעם אָנגעקומען אַלס הויפּט־רב אין דער אַלטער יידישער קהלה פון דער באַרימטער שטאָט פּויזן. דאָרט האָט ער אָנגעהויבן זיין אַרבעט אויפן סאָציאַלן פעלד.

וועגן ר׳ עקיבאס איבערגעבנהייט צו דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט און זיינע לייסטונגען פאַר די אָרעמע, האָרעפּאַשנע,

איינוואוינער פון דער שטאָט פויזן, גייען אַרום אַ סך לעגענדעס צווישן פאָלק, און עס ווערן איבערגעגעבן אַ סך פאַקטן.

ר׳ עקיבא אייגער האָט אָנגעפירט אַ גרויסע ישיבה אין פויזן און איז געווען פאַרנומען מיט ענטפערן תשובות אויף אַ סך שאלות, און לייזן יידישע רעליגיעזע פּראָבלעמען, וואָס זיינען צו אים געשיקט געוואָרן פון דער גאַנצער וועלט. דאָך האָט ער געפונען אַ סך צייט צו ווידמען פאַרן מצב פון די היימלאָזע און עלנדע, אָרעמע און אונטערדריקטע.

ר׳ עקיבא אייגער האָט זיך זייער אינטערעסירט מיטן מצב פון די בעלי מלאכות פון פויזן. ער האָט געגרינדעט קורסן פאַר די בעלי מלאכות פון שטאָט, צו וועלכע ער פלעגט אַליין קומען יעדער שבת האַלטן דרשות און אָנפירן שמועסן מיט זיי.

אַלס אַ סימבאָל פאַר זיין איבערגעבנהייט צו די אָרעמע אַרבעטער פון זיין שטאָט קען דינען דאָס מיסטעריעזע הויז, וואָס געפינט זיך עד היום אין פויזן. אויף איין הויז אין פויזן ווייזט מען, אַז זי איז פאַרשאָלטן געוואָרן פון דעם צדיק, צוליב איר אייגנטימערס שלעכטן באַהאַנדלען אַ יידישן אַרבעטער. אָט וואָס מען דערציילט וועגן יענעם הויז אין פויזן: אַ יידישער אייגנטימער האָט געדונגען אַן אַרבעטער ער זאָל אים אָנ־האַקן האָלץ. עס איז געשען אַן אומגליק און אַ שפּענדל האָט געטראָפן דעם האָלץ העקער אין אַ פּוס און אים פאַרוואונ־דעט. דער אַרבעטער איז קראַנק געוואָרן. ר׳ עקיבא האָט אויפ־געפאָדערט דעם בעל הבית, ער זאָל באַצאָלן דעם אַרבעטער פאַרן טאָג אַרבעט. דער בעל הבית האָט ענטזאָגט, ר׳ עקיבא איז אַליין געגאַנגען אין הויז פון בעל הבית, אים געפּרואווט איבערצייגן, אַז ער טאָר אַזוי נישט האַנדלען קעגן אַן אָרעמען אַרבעטער און על פּי יושר דאַרף ער אים באַצאָלן זיין לוין. דער אייגנטימער האָט אָבער נישט געוואָלט הערן זיינע מוסר רייד. ר׳ עקיבא איז בייז געוואָרן און געזאָגט: די עולה פון יידישן טאָג־אַרבעטער וועט ניט געשענקט ווערן און דאָס הויז

וועט ניט עקזיסטירן. די לעגענדע דערציילט ווייטער, אז דער דאך פון הויז איז באלד איינגעפאלן. עס האט אפגעקאסט דעם בעל הבית א סך געלט דאס צו פארריכטן אבער דאס הויז האט זיך כסדר געהאלטן אין ברעכן.

אין יאר 1831, איז אין דער שטאט פויזן, אויסגעבראכן א גרויסע עפידעמיע, וואס האט פאראורזאכט אן עקאנאמישן קריזיס. די געשעפטן האבן אויפגעהערט לייזן, די גאנצע שטאט איז פארבלאקאדירט געווארן צוליב דער מגיפה. דער דלות האט זיך אריינגעכאפט אין דער רייכער פויזנער קהלה. די פאבריקן און געשעפטן זיינען געשלאסן געווארן, די ארבעטסלאזיקייט איז מוראדיק געוואקסן פון טאג צו טאג. א פארצווייפלונג האט ארומגעכאפט די גאנצע פויזנער שטאט. דא איז פלוצלונג ר׳ עקיבא ערשינען ווי א מלאך פון הימל. ער האט קודם כל ארויסגעשיקט ווארעמע הילפס רופן, פאר סאציאלער שטיצע, צו די גרעסטע יידישע קהלות אין לאנד און דאס געלט וואס האט אנגעהויבן אריינפליסן אין זיין קאסע האט ער צעטיילט אויף א ראציאנאל־יושרדיקן אופן.

פון ערשטן טאג אן פון דער מגפה, האט ר״ עקיבא אנגעהויבן ווידמענען זיין צייט צו לינדערן דעם פיין און לייד פון דער ארטיקער באפעלקערונג. צום ערשטן האט ער געגרינדעט א יתומים הויז וואס האט באזארגט די קינדער פון די אומגעקומענע מיט א דאך, ברויט און דערציאונג. אינטערעסאנטע דאקומענטן זיינען לעצטנס פארעפנטלעכט געווארן וועגן ר׳ עקיבאס מסירות נפשדיקע מעשים, פאר די קראנקע און ארעמע. די גרויסע רעטונגס אקציע און סאציאלע שטיצע, וואס ער האט אונטערגענומען צו קעמפן מיט דער שרעקלעכער עפידעמיע און צו פארזארגן די קראנקע מיט מעדיצינישער הילף, איז שפעטער פארוואנדלט געווארן אין א הילף פאר ארבעטסלאזע און ברויטלאזע פאמיליעס אין אלגעמיין.

אין יענער שרעקלעכער צייט האט ר׳ עקיבא אייגער געגרינדעט דעם גרויסן לאצישן שפיטאל אין פויזן, וואס איז ביזן

היינטיקן טאָג איינער פון די פּראַכטפולסטע געזונטהייט־אינסטי־טוטן אין פּוילן. דער שפּיטאָל איז דורכן איינפלוס פון ר׳ עקיבאן סאָציאַליזירט געוואָרן. ער האָט באַלאַנגט צו דער שטאָט און זיינע טירן זיינען געווען אָפן פאַר רייכע און אָרעמע.

ר׳ עקיבא האָט זיך באַמיט צו באַזאָרגן די געליטענע פון דער עפּידעמיע, די ברויטלאָזע מיט ברויט, און אַרויסבאַקומען שטי־צע פון די אַרבעטס געבער פאַר די אַרבעטער, וואָס האָבן אָנגעוואָרן זייערע שטעלעס צוליב דער מגפה.

ר׳ עקיבא אייגערס מעשים זיינען היסטאָריש באַגרינדעט געוואָרן. אין באַריכט וואָס די שטאָטישע קאָמיסיע, צו באַקעמפן די עפּידעמיע, האָט פאַרעפנטלעכט ווערט דערמאָנט אַז לויט דער לאַגע פון דער שטאַרקער עפּידעמיע, וואָס האָט אומברחמנותדיק געבושעוועט אין שלעזיע, איז די צאָל פון די טויטע אין פּויזנער געגנט געווען לאַין ערך קלענער, אַדאַנק די גרויסע סאָציאַלע פאַר־זאָרגונג וואָס די פּויזנער יידן האָבן אַרויסגעוויזן דורכן איינ־פלוס פון זייער ווירדיקן אַלטן רב, אייגער, וועלכער האָט גע־שאַפן פאָנדן ביי אַלע שולן פאַר דער אָרעמער באַפעלקערונג. די שטאָטישע מאַגיסטראַט קאָמיסיע האָט וועגן זייער יידישן רבס גוטע מעשים באַריכטעט צו דער פּרייסישער מלוכה און דער קעניג פרידריך ווילהעלם דער דריטער איז געצוואונגען געווען צו פאַרעפנטלעכן אין דער רעגירונגס צייטונג, אַ דאַנק צו רבי עקיבא אייגער און אים געלויבט פאַר זיינע וואוילטעטיקע מעשים. דער קעניג האָט אויך ספּעציעל געשיקט דעם דאַמאַלטיקן פּויזנער רעגירער, פלאַטוויל, צו באַדאַנקען רבי עקיבא אייגער אין זיין נאָמען.

ר׳ עקיבא אייגער איז געווען דער סימבאָל פון ענוות, יושר און אמת. צוליב זיין ענוות האָט ער אַפילו ניט געוואָלט טראָגן די רבנות קרוין און ער האָט זיין גאַנץ לעבן באַדויערט וואָס ער האָט אָנגענומען אַ רבנות. זיין גאַנץ לעבן איז געווען איין גרויסע קייט פון זאָרג פאַר יעדן באַעוולהטן פון גורל און אונטערדריקטן. ער פלעגט שטענדיק זוכן דעם הילפלאָזן, עקספּלואַטירטן און אים

ארויסהעלפן. צו יעדער מאָראַלישער מענטשלעכער זאַך איז ער געווען וואַך.

ר׳ עקיבא אייגער איז געווען אַ לעבעדיקער עקזעמפּלאַר וואָס האָט פאַרווירקלעכט די גרויסע יידישקייט־אידעע אין איר לויטערסטער מאָראַל. זיין נאָמען וועט דערפאַר בלייבן איינגע־קריצט אין די הערצער פון פאָלק און וועט דאָרט לויכטן אייביק.

# דער חתם סופר און זיינע סאָציאַליסטישע געדאַנקען

אין דעם יאָר 1939 איז געוואָרן הונדערט יאָר זינט עס איז געשטאָרבן דער „חתם סופר", איינער פון די גרויסע גאונים פון יידנטום, אַ מעכטיקער זייל פון דער יידישער אָרטאָדאָקסיע, און די רבנישע און פרום־אָרטאָדאָקסישע וועלט האָט געפייערט דעם וויכטיקן יאָרצייט.

אָבער דער דאָזיקער גאון האָט אַ גרויסן אינטערעס נישט נאָר פאַר די אָרטאָדאָקסישע יידן, נאָר אויך פאַר סאָציאַליסטן — פאַר סאָציאַליסטן בכלל און פאַר יידישע סאָציאַליסטן בפרט. וואָרום ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט קלינגען: אָט דער גאון וואָס איז געווען אַן אָרטאָדאָקס אַפילו לגבי אָרטאָדאָקסן, אַ מענטש וואָס האָט ניט געלאָזט אָנרירן אַ קוצו של יוד אַפילו פון דער מינדסטער זאַך אין דער אַלטער יידישקייט, ער איז געווען אַ סאָציאַליסט פאַר קאַרל מאַרקסן און אַן אַנאַרכיסט פאַר באַקונינען, קורץ — אַ סאָציאַלער רעוואָלוציאָנער, אין אמתן זין פון וואָרט אַן אידעאָלאָג פון דעם מאָדערנעם פראָלעטאַריאַט.

פאַר אַ סך וועט דאָס קלינגען ווי אַן איבעררעאַשונג און ווי אַ ניט פאַרשטענדלעכע זאַך: אַ רבנישער גאון וואָס איז אַ סאָציאַלער רעוואָלוציאָנער — ווי פאַרט זיך עס? און עס איז גרינג צו פאַרשטיין פון וואַנען עס נעמט זיך די דאָזיקע איבעררעאַשונג. וואָרום ווי באַוואוסט האָבן די סאָציאַליסטן פון אַלע מינים, די ניט יידישע, אַזוי גוט ווי די סאַמע הייסע יידישע סאָציאַליסטן ערקלערט די יידישע רבנים און די פאַרשטייער פון קאָנסערוואַטיוו רעליגיעזן לעבן אַלס קעגנער פון סאָציאַלן פאַרשריט אין דער געזעלשאַפט, אַלס שטיצער פון פעאָדאַלן און קאַפּיטאַליסטישן פּרינציפּ אין דער געזעלשאַפט, און אין אַלגעמיין אַלס אַנטי־סאָציאַלן עלעמענט. אין דער צייט ווען די שרייבער פון דער

געשיכטע פון סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן געדאַנק האָבן געשטעלט מאָנומענטן צענדליקער און הונדערטער פערזענלעכקייטן וואָס האָבן געקעמפט פאַר סאָציאַלער גלייכהייט אין דער געזעלשאַפט, האָבן זיי ניט דערמאָנט אַפילו מיט קיין מינדסטער אָנדייטונג די נעמען פון די יידישע רעליגיעזע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן שטאַרק קריטיקירט די עקזיסטירנדע אָרדנונג און האָבן געשטרעבט צו סאָציאַלן יושר.

אָבער די שטעלונג פון דעם באַרימטן קאָנסערוואַטיוון יידישן גאון, „חתם סופר", צו דער אומגלייכהייט פון דער קאַפּיטאַליסטי־שער געזעלשאַפט ווייזט, וואָס פאַר אַ סאָציאַל־רעבעלישער גייסט עס האָט אַזוי אָפט געהערשט ביי די יידישע רעליגיעזע דענקער און מיט וואָס פאַר אַ שאַרפער קריטיק זיי האָבן אַנטפּלעקט דעם פּנים פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם.

ווי געזאָגט, דער רעליגיעזער רעוואָלוציאָנערער רב, וואָס האָט געלערנט תורה אין פּרעסבורג, אונגאַרן, האָט געלעבט פאַר די פאָטערס פון מאָדערנעם סאָציאַליזם קאַרל מאַרקס, פערדינאַנד לאַסאַל, פרידריך ענגעלס און משה העס, און פאַר די טעאָרעטיקער פון אַנאַרכיזם, פּרודאָן, שטירנער, באַקונין און קראָפּאָטקין. אָבער עס איז מערקווירדיק, אַז זיין בליק אויף אַלע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען איז געווען דער זעלבער ווי פון די סאָציאַליסטן — די פאַרניכטונג פון קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם און דאָס אויפבויען פון דעמאָקראַטישן אַרבעטער־שטאַט.

ס'איז אמת, אַז זיין סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע אָנשויאונג איז ניט געלייטערט געוואָרן אין ליכט פון דער מאָדערנער סאָ־ציאַלער וויסנשאַפט, וועלכע איז רייף געוואָרן מיט דער אַנט־וויקלונג פון דער אינדוסטריע אין אייראָפּע, וואָס איר אָנפאַנג איז געווען אין מאַנטשעסטער, ענגלאַנד, ווען דער קאַפּיטאַל האָט אַ דאַנק דער אַנטוויקלונג פון דער ציוויליזאַציע, פאַרשאַרפט דעם סאָציאַלן פּראָבלעם. מעגלעך אַז דער „חתם סופר", וואָס האָט גע־לעבט אין דער ערשטער העלפט פון דעם אַכצנטן יאָרהונדערט, האָט עפּעס יאָ געהערט דירעקט פון דער מוראַדיקער עקספּלואַטאַציע

פון אַרבעטער דורכן קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט אַרויסגעשטויסן דעם מיטלשטאַנד, דעם בעל מלאכה, און פֿויער פון זייערע פּאָזיציעס און האָט באַוועגט די אַרבעטער מאַסן זיך צו אָרגאַניזירן אין אַ באַוועגונג וואָס טרייסלט אויף די זיילן פון דער געזעלשאַפט. אָבער אין אַלע זיינע שריפטן איז נישטאָ קיין אָנדייטונג אויף דעם. מען דאַרף דעריבער מער זיין גענויגט צו גלויבן אַז זיין שאַרפע קריטיק, אויף דער בורזשואַזער אָרדנונג, האָט געקוועלט פון טיפער רעליגיעזיטעט און דער יסוד אויף וועלכן ער האָט געבויט זיינע סאָציאַלע אידעען, זיין סאָציאַליסטישן באַנעם, גרונטעוועט אין די טיפסטע מקורות פון דער יידישער תורה.

דער אמתער נאָמען פון דעם „חתם סופר" איז געווען ר' משה שרייבער. אָבער דעם פאַמיליען־נאָמען „שרייבער" האָט ער גענוצט אויף העברעאיש, סופר, און ער איז לסוף באַקאַנט געוואָרן אין דער גאַנצער יידישער וועלט אַלס „חתם סופר" אויפן נאָמען פון זיין באַרימטן זעקס־בענדיקן רבנישן ווערק שאלות ותשובות „חתם סופר" (דער שטעמפּל פון סופר).

דער „חתם סופר" איז געווען רב אין פּרעסבורג, אונגאַרן, ער איז געווען דער לעצטער פּוסק פון יידישן ריטואַל. אויסער זיין ווערק „חתם סופר" האָט ער געשריבן אַ ספר „תורת משה" און הונדערטער קאָמענטאַרן אויף דער תורה.

דער „חתם סופר" איז געווען דער גרעסטער פון אַ גאַנצער גאַלערייע פון גרויסע רבנישע פּערזענלעכקייטן וואָס האָבן געלעבט און געווירקט אין סוף פון אַכצנטן און אָנהויב פון ניינצנטן יאָר־הונדערט, וואָס האָבן זייער שטעמפּל אַרויפגעלייגט אויף דעם יידישן לעבן פון זייער צייט און וואָס דער איינפלוס פון זייערע חדושים און טעטיקייטן פילט זיך נאָך היינט צו טאָג אין יידיש־רעליגיעזן לעבן.

אין זיין רעליגיעזער אָנשויאונג איז דער „חתם סופר" געווען מער קאָנסערוואַטיוו ווי אַלע רבנים פון זיין דור. ער איז אָבער גע־ווען אַ סך אַנדערש פון די רבנים פון זיין צייט, מיט דעם וואָס ער איז ניט גלאַט געווען אַ למדן, אַ גאון, און יושב אוהל וואָס

האָט אַרויסגעוויזן חריפות אָדער בקיאות, נאָר אַ שטאַרקער גייסט וואָס איז געקומען אין לעבעדיקער באַרירונג מיט די גרויסע יידישע פאָלקס־מאַסן און געגאָלטן אַלס זייער מנהיג.

די רבנישע ליטעראַטור ביזן „חתם סופר", איז אין אַ געוויסן זין געווען אַבסטראַקט. זי האָט זיך קיין סך ניט אינטערעסירט מיט די דערשיינונגען פון טעגלעכן יידישן לעבן. ניט איינער האָט זיך דערפאַר אויסגעדריקט אַז די רבנישע ליטעראַטור איז פאַרגליווערט, אַז זי האָט געלעבט מיטן עבר. מיט די פראַגן און פּראָבלעמען פונם היינט און פון דער צוקונפט האָט זי זיך ניט אינטערעסירט. ערשט מיטן „חתם סופר", האָט די ליטעראַטור אָנגעהויבן אַרויסשטראָמען דירעקט פון לעבן גופא.

דער „חתם סופר" האָט אַן אייגנאַרטיקן שטייגער אין לומדות. זיין שרייבן איז פול מיט בקיאות, מיט לומדישער ערודיציע, נאָר אין די אַכט בענדער שאלות ותשובות וואָס טראָגן דעם נאָמען „חתם סופר", ווערט אויך אַנטפּלעקט אַ ריזיקע פּאַנאָראַמע פון יידישן לעבן אין דער צייט ווען די שאלות זיינען אַנטשטאַנען און די תשובות זיינען געשריבן געוואָרן. אין ליכט פון תלמוד בבלי און ירושלמי לעזט ער די פאַרצווייגטע סאָציאַל־עקאָנאָמיע און רעליגיעזע פּראָבלעמען פון דער צייט, וואָס זיינען אַנטשטאַנען מיט דער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם. דאָס ווערק „חתם סופר", איז דעריבער ניט קיין טרוקענע קאָלעקציע פון סתם פּלפּולים פון לומדישער „האַרשפּאַלטעריי", ווי מען געפינט עס אין אַ סך רבנישע ספרים פון מיטלאַלטער און אפילו פון ר' משה סופרס צייט: עס איז הלכה וואָס האָט דעם הינטערגרונט פון פאָלקס לעבן, ער גיט זיך ניט אָפּ בלויז מיט טעאָרעטישע רעליגיעזע אויפקלערונגען, נאָר ער באַלייכט די קאָכיקע לעבנס פּראָבלעמען אין ליכט פון תלמוד און לייטעט מיט די אַלע אַנטשטאַנענע פראַגן.

מיט זיין לומדישער געניאַליטעט איז ער אַריינגעדרונגען אין די טיפענישן פון תלמוד און דורך זיין אויסערגעוויינלעכער בקיאאות אויפגעשטעלט אַ וואונדערבאַרן קאָלאָסאַלן בנין אין דער רבנישער ליטעראַטור. דער „חתם סופר" איז אַ ריטואַלער קאָנ־

פענדיום געאָרדנט לויט די פיר טיילן פון שולחן ערוך, וואָס באַ־
לייכט און דערקלערט די רעליגיעז־נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען לויט
די פּוסקים ראשונים און אחרונים. אין אַלע זיינע ספרים ווערט
שאַרף און דרינגלעך דורכגעאַרבעט יעדער סוגיא פון מקור און
עס ווערט קלאָר די לייזונג פון יעדער שאלה וואָס זיין צייט
האָט געבראַכט. אויסער זיינע טיפע געדאַנקען און זיינע געניאַלע
אַנטדעקונגען, איז דעריבער דער ספר דער פּראַקטישסטער פון אַלע
רבנישע ספרים, ער איז דערפאַר פאַררעכנט פאַר אַ מאָנומענטאַל
גייסטיקע שאַפונג אין דער רבנישער ליטעראַטור און דינט פאַר די
רבנים אַלס דערגאַנצונג פון שולחן ערוך.

דער „חתם סופר" זייענדיק דער גרעסטער זייל פון דער
רבנישער וועלט אין זיין צייט, דער אַנערקענטסטער אויטאָריטעט
איבער אַלע רעליגיעזע פראַגן, איז אין רעליגיעזן זין געווען אַ
גרויסער מחמיר, דער שטרענגסטער היטער פון דער יידישער
טראַדיציע. אָבער אין סאָציאַלן זין, אין ריין עקאָנאָמישע און גע־
זעלשאַפטלעכע פראַגן, איז ער, ווי געזאָגט, געווען אַ רעפאָרמאַטאָר,
אַ רעוואָלוציאָנערער גייסט.

רב משה סופר איז געבוירן געוואָרן זיבן טאָג אין חודש
תשרי אין יאָר 1839 אין פראַנקפורט, דייטשלאַנד. ווען ער איז
נאָך געווען גאָר יונג און נאָך ניט פאַרהייראַט, איז ער שוין
באַוואוסט געוואָרן אַלס גרויסער למדן און עס האָט געקלונגען
מיט זיינע געניאַלע כשרונות. ער האָט זיך באַזעצט אין פּרוסט־
ניץ, מעהרן. דאָרט איז ער אויך געוואָרן אַן איידעם פון אַ פאַר־
מעגלעכן יידן, וועלכער האָט אים צוגעזאָגט פיר יאָר קעסט,
אָבער אַ האַלב יאָר נאָך זיין חתונה איז זיין שווער פאַראָרימט
געוואָרן און דער יונגער גאון האָט פשוט געליטן הונגער. און
כאָטש ער איז שוין דאַן געווען אַנערקענט אַלס אויטאָריטעט
אין תלמוד האָט ער דאָך ניט געוואָלט ווערן קיין רב, ווייל דאָס
רבנות איז אים געווען דערווידער.

זייענדיק פסיכאָלאָגיש נאָענט צום פּראָלעטאַריאַט האָט דער
תלמודישער גאון באַשלאָסן ניט צו באַנוצן זיין רבנישע קרוין, נאָר

גיין אין די וועגן פון די תלמודישע תנאים און אמורים, וואָס האָבן זיך אָממייסטן פאַרנומען מיט שוואַרצער און קוואַליפי־צירטער אַרבעט. ער האָט זיך געוואָלט אויסלערנען די מלאכה פון שניידעריי, אָבער זייענדיק שוין אַלט דרייסיק יאָר איז אים שווער געווען אַנצוהויבן זיך לערנען אַ פאַך. זיין לאַגע איז דאַן געווען שרעקלעך און ווי זיין אייניקל שלמה סופר דערציילט אין ספר „חוט המשולש״, (אַ קורצע ביאָגראַפיע פון חתם סופר און זיין זון) האָט דער „חתם סופר״ אין יענער צייט פאַרקויפט זיין עטרה פון טלית, און פאַר האַלב געלט האָט ער געקויפט ברויט און האַלב האָט ער אַוועקגעגעבן צו אָרעמע לייט.

אין יענער צייט האָט מען אים פאַרגעלייגט די שטאָט דרעזניץ, דאָרט צו ווערן רב. ער איז צוליב זיין נויט געצוואונגען געווען אָנ־צונעמען די רבנות. ער איז געוואָרן אַ רב און אויפגעגעבן די שטרע־בונג צו ווערן אַ שניידער, אָבער אין זיין אינעווייניקסטן באַ־וואוסטזיין האָט ער זיך געזען ווי אַן אַרבעטער.

פון דער שטאָט איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין דער שטאָט פרעסבורג. דאָרט האָט ער געגרינדעט זיין באַרימטע ישיבה, וואוהין עס האָבן זיך געצויגן תלמידים פון גאַנצן לאַנד. די פרעס־בורגער ישיבה איז שפּעטער געווען אַ פעסטונג קעגן רעפאָרם און איז געשטאַנען אויף דער וואַך ניט צו דערלאָזן די מינדסטע אָפּ־שוואַכונג פון דער יידישער טראַדיציע.

דעם חתם סופרס נאָמען איז פאַרהייליקט געוואָרן אַפילו ביי דער ניט יידישער באַפעלקערונג. אַלס אַ באַווייז קען דינען דער פאַקט, וואָס אונטער דער דעמאָקראַטישער רעגירונג אין דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפובליק ווען די שטאָט פרעסבורג האָט געהאַט אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע שטאָט־פאַרוואַלטונג איז איינע פון די גאַסן אַ נאָמען געגעבן געוואָרן „שרייבער גאַס״, אויפן נאָמען פון ר׳ משה סופר.

דער שטאַרקער און שטרענגער קאָנסערוואַטיזם פון דעם „חתם סופר״ האָט זיך אפשר צום בולטסטן אַרויסגעוויזן אין זיין

קאַמף קעגן דער רעפאָרם באַוועגונג. דער גרויסער לאָזונג פון זיין קאָנסערוואַטיזם איז געווען, אַז „חדש אָסור מן התורה” — יעדער נייאיקייט איז פאַרבאָטן פון דער תורה.

2

אין סאַמע אָנהויב פון דער ערשטער העלפט פון נײַנצטן יאָר־הונדערט, איז דאָס לעבן אין די מעריב אייראָפּעאישע לענדער, דייטשלאַנד, עסטרייך און אונגאַרן געווען זייער אויפגעשטורעמט. דאָס איז געווען די צייט פון דער עמאַנציפּאַציע, ווען עס זיינען אויפגעבראָכן געוואָרן די טויערן פון דער יידישער געטאָ. דעמאָלט איז אָנטשטאַנען דאָס פּראָבלעם פון רעליגיעזער רעפאָרם פון דער אַלטער יידישער טראַדיציע און עס איז אויפגעקומען די רעפאָרם באַוועגונג וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך דוד פרידלענדער און יאַקאָבסאָן, און איז שפּעטער פאַרטגעזעצט געוואָרן פון גייגער און האלדהיים.

די רעפאָרם באַוועגונג האָט איבערגעריסן מיט דער ריטואַלער יידישער טראַדיציע. נאַטירלעך האָט די באַוועגונג אַרויסגערופן דעם צאָרן פון דער פרום אָרטאָדאָקסישער וועלט. איינער פון די גרויסע רבנים וואָס האָבן געפירט דעם קאַמף קעגן דער רעפאָרם אידעע און איר באַוועגונג מיט גרויס אייפער און ברען באַקעמפט, איז געווען ר׳ משה סופר פון פרעסבורג שוין דאַן באַוואוסט אונטערן נאָמען „חתם סופר”.

ר׳ משה סופר איז געווען דער אידעאָלאָג פון דער אַלטער אָרטאָדאָקסיע און דער אָרגאַניזאַטאָר פונם קאַמף קעגן רעפאָרם. דאָס איז געווען אַ שטורמישע עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע און דער שטורעם האָט זיך אָפּגעשפּילט אַרום דער פּערזענלעכקייט פון דעם חתם סופר. די רעפאָרם באַוועגונג פון איין זייט און די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע פון יידן אין דער אַנדערער זייט, האָבן דעם יידישן גייסט טיף דערשיטערט.

פאַר דער אויפהאַלטונג פון יידישן גייסט איז דער באַ־

רימטער רב אַרויס אין קאַמף. אין יאָר 1809, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די רעפאָרם־באַוועגונג אין האַמבורג, וואו דער רע־פאָרמאַטאָר יאַקאָבסאָן האָט צום ערשטן מאָל איינגעפירט דעם מוזיקאַלישן אָרגל און די קריסטלעכע קאָנפערמאַציע אין יידישן רעליגיעזן לעבן, און צוזאַמען מיט גייגער, האָלדהיים און כאָרין האָט ער געגרינדעט די „טעמפל געמיינדע", איז רב משה סופר אַרויס מיט אַ שאַרפער פּראָקלאַמאַציע קעגן די רעפאָרמאַטאָרס. ער האָט זיי ערקלערט אַלס געפערלעכער פאַרן יינדטום ווי די אָפענע משומדים. ער האָט דאַן געשריבן „אַז יעדער איינער וואָס וואַגט איבערצואַנדערשן אַפילו אַ מנהג וואָס איז אָנגענומען ביי יידן, אָדער וואַגט צו ברעכן דעם שוואַכסטן דין וואָס האָט אַפילו ניט קיין וואָרצל אין תלמוד, דאַרף מען אים אויסשליסן פון דער יידישער געמיינדע. ער האָט געהייסן זיינע תלמידים זיך דערווייטערן פון די טעמפלען און זאָגאַר אויסמיידן דורכצו־גיין די גאַס וואו אַזאַ טעמפל געפינט זיך. „בעסער דורכגיין דורך אַ קלויסטער און ניט דורך אַ טעמפל", האָט ער געזאָגט.

דער „חתם סופר" זייענדיק אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן טעמפעראַמענט און אייזערנעם ווילן, איז אַרויס אין אַ גייס־טיקער מלחמה פאַר דער אויפהאַלטונג פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן גייסט און אינם אָפּהיטן דעם קאָנסערוואַטיוון יידישן לעבנס שטייגער האָט ער געזען אַ שוץ־וואַנט פאַרן נאַציאָנאַלן פאָלקס־קיום. קעמפנדיק קעגן רעפאָרם האָט ער געפילט אַז ער קעמפט קעגן דעם שטראָם פון אַסימילאַציע. מיט אַ גייסטיקן אימפעט, מיט אַ סך שאַרפזין און טיפער לומדות האָט ער געפירט זיין אידעאישן קאַמף קעגן רעפאָרם, באַווייזנדיק אַז די יידיש־נאַציאָ־נאַלע עקזיסטענץ איז אָפּהענגיק פון אָפּהיטן דעם קאָנסערוואַ־טיוון פרומען לעבנס־שטייגער.

דער „חתם סופר" האָט געהאַלטן אַז די אָרטאָדאָקסישע טראַדיציאָנעלע יידישקייט איז פול מיט נאַציאָנאַלער דינאַמיק און געפיל, בשעת די רעפאָרם איז בלויז אַ דעקאָראַטיוו־טעאַטראַלע

רעליגיעזיטעט, און איז דערפאַר אויסגעשטעלט צו דער געפאַר פון אַסימילאַציע.

עס איז מערקווירדיק וואָס איצט, הונדערט יאָר שפּעטער נאָך רב משה סופרס טויט איז זיין גרויזאַמער פסק־דין אויף דער רעפאָרמאַציע פאַרווירקלעכט געוואָרן. פון דער גאַנצער רעפאָרם באַוועגונג אין דייטשלאַנד און אונגאַרן איז בלויז געבליבן די טראַגיק פון אַסימילירטן ריס אין יידישן לעבן.

ר׳ משה סופר זייענדיק דער שטאַרקסטער צעשטערער פון דער רעפאָרם אידייע און אַ קעמפער קעגן יעדער מינדסטער פאַרלעצונג פון דער רעליגיעזער טראַדיציע, איז דאָך געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון סאָציאַלער רעפאָרם. דער גאון וואָס האָט די אָרטאָדאָקסישע יידן פון זיין לאַנד אָנגעזאָגט אַז „חדש אָסור מן התורה״, האָט ניט נאָר גרויזאַם אַטאַקירט די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם און אָנגעוויזן אויף אירע ווידערשפּרוכן, נאָר ער האָט אויך געשטרעבט צו אַ סאָציאַלער באַנייאונג און געמאָלט אַ גליקלעכע צוקונפט. מיט דער פּראָבלעם פון רעליגיעזער רעפאָרם און קאָנסערוואַטיווער אָרטאָדאָקסיע איז ביי אים אויך געווען פאַרבונדן די פראַגע פון אויפהאַלטן דעם אַנטי־מאָראַלישן קאַפּיטאַליזם און די עטאַבלירונג פון אַ סאָציאַל־עטישער אָרדנונג. דער „חתם סופר״ האָט געהאַלטן אַז די רעפאָרם־באַוועגונג, וואָס האָט פאַרוואָרפן דעם תלמוד און די יידישע טראַדיציאָנעלע מנהגים, האָט אויך פאַרוואָרפן דעם סאָציאַל־עטישן גייסט פון דעם תלמוד. דער פאַקט אַליין וואָס די רעפאָרמאַטאָרס האָבן געהערט צום רייכן קלאַס און דאָס רוב יידן, די אָרעמע יידישע מאַסן, האָבן זיך געהאַלטן ביי די מצוות און געבאָטן פון תורה און שולחן ערוך, איז פאַר אים געווען אַ באַווייז אַז די רעפאָרם באַוועגונג איז אויך אַ באַוואוסטזיניקע פאַרלייקענונג פון יידישן מוסר, וואָס האָט זיך שטענדיק אויסגעדריקט אין העלפן די שוואַכע, די אונטערדריקטע און פאַרשקלאַפטע.

מיט זיין קאַמף קעגן דער רעליגיעזער רעפאָרם טוט ער אומבאַדינגט פאַרבינדן דעם קאַמף פאַרן אמתן עכטן גייסטיקן

ציל פון דער תורה — די סאָציאַלע רעפאָרם. דער „חתם סופר" האָט געהאַלטן, און זייער ריכטיק, אַז דאָרטן וואו די השפעה פון דער יידישער רעליגיע הערט אויף, דאָרט שטעלט זיך אויך אָפּ דער סאָציאַל עטישער פּראָצעס און דערפאַר שטיצט ער זיין סאָציאַליזם, ווי אויך זיין ביטערע קריטיק קעגן קאַפּיטאַליזם אויף דער אויטאָריטעט פון דער תורה. זיין אַנטי־קאַפּיטאַליסטישע טעאָריע איז געגרינדעט אויף דער תורה.

קודם ווייזט ער אָן בולט אויף דער גרויסער חשיבות וואָס אַרבעט האָט לויט דער תורה. אַרבעט אין ארץ ישראל טייטשט ער אויס אַלס מצווה פון ערשט־ראַנגיקער באַדייטונג אין דער תורה. „אַרבעט אין ארץ ישראל — שרייבט ער — איז אין זיך אַליין אַ מצווה, און גלייך ווי אַ מענטש וועט ניט זאָגן: איך וועל ניט לייגן קיין תפילין ווייל איך דאַרף לערנען תורה, אַזוי אויך זאָל ער ניט זאָגן: איך וועל ניט פאַרשווענדן מיין צייט מיט איינ־זאַמלען מיין קאָרן פון פעלד, ווייל איך דאַרף די צייט אויף לערנען תורה. יעדער פּראָדוקטיווע זאַך — שרייבט ער ווייטער — וואָס העלפט אויפריכטן די וועלט גייט אַריין אין כלל פון תורה". (זע זיינע חדושים צו פּרק „לולב הגזול") דער חתם סופר פאַרפליכ־טעט דעם מענטשן צו זיין אַרבעטזאַם ניט צוליב מאַטעריעלע צוועקן, נאָר אידעאַליסטיש זאָל ער פילן אַ צוגעבונדנקייט צו אַר־בעט, אָנערקענען די הייליקייט פון אַרבעט אַלס גאָטס אַ געבאָט.

אַזעלכע בליציקע געדאַנקען בנוגע אַרבעט און דעם סאָציאַלן פּראָבלעם בכלל זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע זיינע שאלות ותשובות אין מוסר־ספרים. נאָר די מערסטע רעוואָלוציאָ־נערע געדאַנקען זיינע האָט ער קאָנצענטרירט אין זיין ספר „תורת משה", אין דער דרשה פאַרן לעצטן טאָג פסח, וואָס איז גלייכ־צייטיק אַ טיפער לאָגישער אַנאַליז וועגן דעם אונטערשייד פון שיר השירים און קהלת. אין קהלתן דעם מלך זעט ער דעם סימ־באָל פון אַ צעפוילטער געזעלשאַפט. קהלת, — שרייבט ער — איז אַ הערשער וואָס זיין גאַנצער שטרעבן איז צו זאַמלען גאָלד און זילבער, קנעכט און דינסטן, אָבער אין אמתן איז ער אַ

מינדערווערטיקער מענטש, ווייל דער קלענסטער ערד־ארבעטער איז וויכטיקער פאר דער עקסיסטענץ פון דער וועלט ווי ער.

אזוי טייטשט ער דעם פסוק אין קהלת: „און דער געווין פון א לאנד אין אלץ איז דאס: א מלך פארקנעכט צו דעם פעלד" (קאפיטל ה ח׳) אז די כוונה פון דעם פסוק איז צו ער־נידעריקן דעם כבוד פון קעניג און אים מאכן פאר א קנעכט צום ערד־ארבעטער. דא ווערט אויסגעדריקט א זייער טיפער גע־דאנק וועגן ארבעט, אבער כדי צו זיין קלארער לאמיר געבן דאס ווארט דעם „חתם סופר" אליין:

„ווייס און פארשטיי — שרייבט ער — אז „דער געווין פון א לאנד אין אלץ איז דאס: א מלך פארקנעכט צו דעם פעלד", אז דער דערמאנטער פעלד — דאס איז דער גאנצער ערד־קוגל, און דער מענטש וואס געוועלטיקט איבער אלץ — דאס איז דער האר איבער דעם פעלד, דאס איז דער זייער, און דער אקערער, דער וואס שניידט און בראנעוועט, דער וואס פלאנצט און דער וואס מאכט די פלאנצן צו וואקסן, דער וואס שערט די וואל, דער וועבער און דער שפינער — ער איז דער עיקר פון דער גע־זעלשאפט. ווען ניט ער וואלט גאר קיין וועלט ניט געווען. און גלייך מיט זיי זיינען די בעלי מלאכה, וואס גרייטן צו די געצייג צו אקערן, צו וועבן און שפינען, אדער די וואס גרייטן צו די שפייז און די קליידער פאר דער מענטשהייט. דורך זיי איז באזעצט גע־ווארן די וועלט און מער דארף מען ניט. די ניט וויכטיקע אין דער געזעלשאפט זיינען די שלוחים וועלכע מען רופט סוחרים. אט די אלע סוחרים טוען גארניט אויף דער וועלט. זיי זיינען די מינדערווערטיקסטע כאטש זיי רעכענען זיך פאר חשובים. נאך ערגער פון זיי זיינען די טישלער וועלכע מען רופט באנקירן, זיי פארשטייען אפילו ניט דעם ווערט פון סחורה, נאר זיי שיקן בלויז געלט איבער אלע אקעאנען. זיי זיינען די נידעריקסטע אין ישוב העולם און ווערן לוידער פארעכנט פאר די גרעסטע, און אזוי ארום האט זיך די וועלט איינגעארדנט, אויף ליידיקייט און פאלש־קייט, און די געזעלשאפט ווערט געפירט פון מערדער און רויבער".

אזוי אַנאַליזירט דער קאָנסערוואַטיווער גאון דעם תוך פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. ער דריקט אויס טיפע גע־דאַנקען מכח דער געזעלשאַפט וואָס האַלט אויף איר עקזיסטענץ דורך לעגאַליזירטן רויב. אין קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם זעט ער ניט בלויז פאַלשקייט און רויב, נאָר אויך דעם מקור פון אומזיסטער בלוט־פאַרגיסונג און מלחמות צווישן פאָלק און פאָלק.

„אַז די געזעלשאַפט באַשטייט פון פאַלשע און רויבער — שרייבט דער חתם סופר — דערפאַר מוז מען האָבן כלומרשטע היטער פון ווייגגערטנער. דאָס זיינען די האַרן וואָס פירן אָן מיטן שטאַט, די וואָס וואַרפן אָן אַ מורא אויף די מענטשן און אַלע קניען פאַר זיי, אָבער פאַרן קיום פון דער וועלט טוען זיי נאָך ווייניקער אויף ווי די באַנקירן. זיי דאַרפן דאָס היטן די וועלט פון עוולות, נאָר די עולה פון דער עקזיסטירנדער אָרדנונג היט זיי, און דערהויפּט זיי.

„איז דאָס אַלץ גערעדט געוואָרן אין ענגן תחום פון אייגענעם לאַנד. איז אָבער דאָס לאַנד שטענדיק אין פּחד פאַר אַן אָנפאַל פון שכנותדיקן לאַנד, דעריבער מוז מען אויפשטעלן אַ גאַנצן לעגיאָן פון מיליטער, מיט עלטסטע און עלטסטע איבער די עלטסטע, וואָס פאַכן כסדר מיט דער שווערד און זיי קענען אַפילו ניט די גרעניצן פון לאַנד, און וואָס זיי ווייסן נאָר איז צעשטערן און חרוב מאַכן אַנדערע לענדער און טויטן די אומשולדיקע איינוואוי־נער פון פרעמדן לאַנד.

„ווען אָבער אמת וואָלט געהערשט אויף דער וועלט וואָלט איין לאַנד ניט מורא געהאַט פאַר אַן אָנפאַל פון צווייטן לאַנד צוליב רויב, אָבער איצט, אַז ס׳איז ניטאָ קיין אמת אויף דער וועלט זיינען דאָס די עלטסטע די גרעסטע און חשובסטע, און דער מלך וואָס קעניגט מיט זיין שטאַרקייט פאַרמאָגט אַ גאַנצע סוויטע מיט משרתים, וועלכע לעבן אויפן פאָלקס חשבון און זיי אַליין טוען גאָרניט. וואו זאָל אָבער דער מלך נעמען געלט פאַר דעם צוועק? דערויף זיינען דאָ ספּעציעלע האַרן. זיי זיינען די ראַטגעבער פון מלך און זיי קליגלען זיך צו שאַפן די נויטיקע הוצאות אויף אויפצור־

האַלטן די משרתים דורך צינזן וואָס זיי וואַרפן אַרויף אויפן פאָלק".

אַט די ווערטער האָט געשריבן דער שטרענגער אָרטאָדאָקסי־שער רב, וואָס האָט געהאַלטן אַז דער וואָס לייקנט אַ פּינטל פון דער תורה איז קיין ייד ניט; אַט דעם סאָציאַלן אַנאַליז פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, איר אַנטשטייאונג, אַנטוויקלונג און אינעווייניקסטע ווידערשפּרוכן, לייענען מיר ניט אין קאַרל מאַרקסעס „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", אויך ניט אין באַקונינס שריפטן, נאָר אין אַ זאַמלונג פון דרשות פון אַ שטרענג־אָרטאָ־דאָקסישן רב און תלמודישן אויטאָריטעט אין אונגאַרן. אַט די דאָזיקע ציטאַט באַווייזט אַמבולטסטן דעם גאַנצן גרויסן פאַרנעם פון זיין אויפפאַסן די סאָציאַלע פראַגע.

און דער „חתם סופר" האָט ניט נאָר אָפּגעדעקט דאָס פּנים פון דער פּראָפּיטן אָרדנונג, נאָר ער באַווייזט אויך דעם אומ־פאַרמיידלעכן אונטערגאַנג פון דער געזעלשאַפט, וואו די אַרבעטער, די אמתע בויער און שאַפער, האָבן קיין דעה ניט. ער פאַרענדיקט די אויבנדערמאָנטע סאָציאַליסטישע דרשה מיט די ווערטער: „סוף כל סוף איז אָבער קהלת גערעכט: דער געווין פון אַ לאַנד אין אַלץ איז דאָס: „אַ מלך פאַרקנעכט צו דעם פעלד". סוף סוף האַלט ער, וועט קומען די גינסטיקע צייט אַז אַרבעט וועט ווידער ווערן דער פונדאַמענט פון סאָציאַלן צוזאַמענלעבן.

צוויי מאָטיוון באַגלייטן שטענדיק דעם „חתם סופרס" אידעע: די שנאה צו מאַכט און צוואַנג, און די ליבע צום יחיד און זיין פרייהייט. אין דעם קומט ער זיך צוזאַמען מיט מאַקס שטירנער, פון די ערשטע באַגרינדער פון אַנאַרכיזם און זיין שריפט „דער איינציקער און זיין אייגנטום", וואָס האָט ערקלערט, אַז מענטשן וואַלטן זיך באַפרייט פון אַלע פּלאָגן ווען זיי זאָלן אָפּשאַפן אַלע צוואַנגס־געזעצן, אַלע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס וואָס פאַ־דערן די אָדער יענע אונטערוואַרפונג פון יחיד צום כלל. די פערזענלעכקייט דאַרף זיך באַפרייען פון אַלע קייטן וועלכע ווערן

אַרויפגעלייגט אויף איר דורך דער מלוכה. די מענטשלעכע פּער־זענלעכקייט איז סואווערן.

אויך דער „חתם סופר" גלויבט אין דער דעצענטראַליזאַציע פון מאַכט, און ער האַלט אַז דער אַנאַרכיסטישער גייסט קען באמת אָנערקענט ווערן אַלס אַ טייל פון דעם אייביק יידישן גייסט. דער אונטערשייד איז נאָר וואָס דער „חתם סופר" טרעט ניט אַרויס אָפיציעל קעגן מלוכהשאַפט. ער האַלט אָבער אַז די יידישע ערדישע מלוכה האָט זיך אויסגעדריקט מער אין דער רעליגיעזער ווי אין דער פּאָליטישער ריכטונג. ער שרייבט: „יידן דאַרפן פּאַרלאַנגען אַ מלך וואָס זאָל זיך בלויז אונטערוואַרפן די געזעצן פון גאָט, אָבער ניט אַזאַ וואָס זאָל הערשן מיט מאַכט און אַכזריות", דאָס הייסט, ווען דאָס לעבן זאָל נאָר זיין איינגעאָרדנט לויט דער תורה וואָלט עס געווען במילא אַ לעבן פון ריינער פרייהייט און יושר.

ר' משה סופר האָט געשטרעבט צו בויען פעסטונגען פאַר אַלט־יידישקייט וואָס זאָלן זי באַשיצן פון דער השכלה און רע־פאָרם, האָט ער אויסגעקליבן די סאָציאַלע עטיק אַלס דעם ווירק־זאַמסטן מיטל צו באַשיצן אַלט־יידישקייט.

דער „חתם סופר" איז געזעסן אין פּרעשבורג און האָט דאָרט אָנגעפירט מיט זיין גרויסער ישיבה, וואוהין עס האָבן זיך געצויגן מאַסן תלמידים, און די שטאָט איז דורך דעם שטאַרק באַוואוסט געוואָרן איבער גאַנץ אונגאַרן. שטורמיש ווי עס איז ניט געווען זיין לעבן איז עס נאָך געווען רואיק אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס איז געקומען שפּעטער, ווי ער דערציילט אַליין אין זיין „ספר הזכרון", וואָס ער האָט געשריבן אין יאָר תקס"ט (1809) וועגן דעם פראַנצויזיש עסטרייכישן קריג אין יענעם יאָר. די שטאָט פּרעסבורג איז עטלעכע מאָל אָקופּירט געוואָרן פון פראַנצויזישן מיליטער, די רעגירונגען האָבן זיך יעדן טאָג געביטן, אַמאָל האָבן געזיגט די פראַנצויזן און אַמאָל די עסטרייכער. דאָס אָפטע בייטן זיך פון די רעגירונגען האָט פאַראורזאַכט אַז די בענק האָבן באַנקראָטירט, די ספּעקולאַנטן פון שטאָט האָבן זיך באַנוצט

מיט דער געלעגנהייט צו אונטערדריקן די אָרעמע מאַסן פון שטאָט, ברויט איז טייערער געוואָרן. די אַרבעטער און די אַנדערע ניט פאַרמעגלעכע קלאַסן האָבן געליטן הונגער און נויט. אַסך יידישע איינוואוינער זיינען געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן די שטאָט. אָבער דער רב מיט זיינע תלמידים זיינען פאַרבליבן.

די פּאַסירונגען האָבן איבערגעלאָזט אַ טיפן איינדרוק אויף זיין נשמה. ער האָט צוגעזען ווי דער מענטש ווערט דורך קריג און פּראָפיט־יאָגעניש פאַרוואַנדלט אין אַ חיה־רעה, און דאַן האָט ער עס אָנגעשריבן די אויבנדערמאָנטע רעוואָלוציאָנערע דרשות, וואו ער איז געקומען צום אויספיר אַז דער שטאָט איז מער ניט ווי אַ מיטל אין די הענט פון די רייכע און שטאַרקע אונטערטעניק צו מאַכן די אַרבעטער און עקספּלאָטירן זייער לאַגע.

ס׳איז דעמאָלט אַנטשטאַנען אַן אינפלאַציע און דער ווערט פון פּאַפּיר געלט איז אַרונטער. די דאָזיקע קאַטאַסטראָפע האָט פאַרשטאַרקט די אָרעמקייט. אָט דער קריזיס שפּיגלט זיך בולט אָפּ אין זיינע דרשות, וואָס ער האָט דעמאָלט געהאַלטן. דאָס האָט אים נאָך מער באַוויזן ווי ווייט די קאַפּיטאַליסטישע הערשער ברענגען אומגליק פאַר די מאַסן. אַ סך האָבן זיך דאַן געווענדט צו אים מיט פראַגעס וועגן אָפּצאָלן חובות צו דער מלוכה. דער „חתם סופר״ האָט געשטעלט זיין לעבן אין געפאַר און געפּסקנט אַז „דאָס געזעץ פון דער מלוכה איז ניט קיין געזעץ״ (דינא דמלכותא לאו דינא״, „שאלות ותשובות״ חתם סופר״).

דער „חתם סופר״ איז געווען אַרומגערינגלט מיט שונאים צוליב זיין פאַרביטערטן קאַמף מיט די רעפאָרמער. איינער פון די רעפאָרמער, האָט טאַקע געמסורט פאַר דעם מיליטערישן גע־ריכט אַז דער חתם סופר רירט אָן דעם כבוד פון דער עסטרייי־כישער מלוכה. אַלס אַ באַווייז האָט דער מסור אָנגעוויזן אויף זיין באַרימטן פּסק וועגן ניט צאָלן די חובות דער רעגירונג. דעם חתם סופר האָט געדראָט טויט שטראָף. צו זיין גליק האָט אים איינער פון די רעגירונגסלייט געראַטעוועט, אָבער אויך נאָך דעם געפערלעכן אינצידענט האָט ער אומערשראָקן געשריבן בריוו

קעגן דעם האַנדל אויף דער „בירזשע" און קעגן די פּראַצענטניקעס. ניט איין מאָל איז ער אָפּן אַרויסגעטראָטן מיט שאַרפע רייד קעגן די פּראַצענטניקעס, קעגן דעם וואָס דער יידישער גביר האָט אַריינגעטראָגן אין שול און בית המדרש אַריין די וואָכעדיקייט פון דער בירזשע.

דאָס באַווייזט נאָך אַמאָל די פאַלשקייט פון די סאָציאַליס־טישע אַטעאיסטן וועלכע האָבן ערקלערט אַלע רבנים אַלס אונטער־שטיצער פון באַנקיר און פּראַצענטניק.

דער „חתם סופר" איז געשטאַנען נאָענט צו דער יידישער מאַסע. דערמיט ערקלערט זיך וואָס ער האָט געשריבן ניט בלויז אַ סך הלכה, נאָר אויך דרשות פאַרן פאָלק. אויב ביי אַ סך רבנים פון זיין צייט זיינען די מצוות און תורה־לערנען געווען אַ פאַר־גליווערט שטיק פון זייער לעבנס־שטייגער, אַ געוויינלעכער רי־טואַל, איז ביי אים תורה געווען אַ לעבעדיקער וועג צו גוטע טאָטן. די סאָציאַלע מאָטיוון און טענדענצן טרעטן באַזונדער שאַרף אַרויס אין זיין מוסר ליטעראַטור.

דער „חתם סופר" האָט אויך געהאַט אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער יידישער שפּראַך. אין זיינע בריוו פילט זיך אויך אַ וואַרע־מע שייכות צו יידיש. פאַר אים איז געווען קלאָר אַז אויב די מערהייט פון פאָלק רעדט יידיש דאַרף מען ריידן יידיש. אין דער צייט ווען פילע רבנים זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן דרוקן יידישע ביכער, און די לומדים וואָס פלעגן יאָ דרוקן אויף יידיש פלעגן דרוקן זייערע ווערק אַנאָנים, פאַרענטפערנדיק זיך דערביי אַז זיי זיינען געצוואונגען דאָס צו טאָן ווייל די פרויען און דער פּראָסטער עולם פאַרשטייט ניט קיין העברעאיש, איז דער „חתם סופר", געווען פון די ערשטע וועלכע האָבן אָפן ערלויבט צו איבערזעצן דעם „עין יעקב" (די לעגענדעס פון תלמוד) אין יידיש און האָט אָנגעגעבן דעם מאָטיוו: כדי די פּראָסטע פון פאָלק און די פרויען זאָלן פאַרשטיין. ער האָט געזען ווי די אָרעמע מאַסן זוכן טרייסט אין איבערזעצטער תורה אויף זייער פאָלקס־שפּראַך, איז ער אַרויס אָפן פאַר יידיש. ער האָט געהאַלטן אַז דאָס יידישע ספר וועט

העלפן דעמאָקראַטיזירן די רעליגיעזע ליטעראַטור, און די מאַסן וועלן דורך דעם קענען לערנען די יידישע תורה. אין זיין צוואה האָט ער צווישן אַנדערע זאַכן אויך אָנגעזאָגט זיינע קינדער צו לערנען יידיש און אַז זיין שטעלפאַרטרעטער זאָל ניט ריידן אויף קיין פרעמדער שפּראַך.

דאָרט זאָגט ער אויך אַן זיינע קינדער זאָלן ניט וואַגן פאַרן פון אָרט צו אָרט זאַמלען געלט און ניט מאַכן זייער תורה און פרומקייט פאַר אַ גוט געשעפט... און אַז זיי זאָלן זיין גליקלעך וואָס ער לאָזט זיי ניט איבער קיין געלט און פאַרמעגן.

דער „חתם סופר" איז געווען איינער פון די גרויסע יידישע רבנים וואָס האָבן געזען אין יידנטום אַ לערע פון אַ נייער סאָציאַלער מאָראַל, אין תורת משה אַן אידעע וואָס איז מסוגל צו ברענגען באַפרייאונג פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. אין דער תורה האָט ער אַנטדעקט דעם סך־הכל פון די העכסטע סאָציאַליסטישע אידעען. און דאָס עצם עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק אָן אַ טעריטאָריע און אָן אַ מלוכה איז פאַר אים געווען אַ באַווייז אַז דער קולטורעל־רעליגיעזער יסוד אַליין קען אויפהאַלטן אַ פאָלק, און קיין פאָלק נויטיקט זיך דערפאַר ניט אין קיין פּאָליטישער מאַכט.

אין די אָרעמע פּראָלעטאַריער האָט ער געזען די אייביק ליידנדע וואָס די וועלט שטייט אויף זיי און האָט אַ קיום אין זייער זכות, און זייער ליידן איז אַ ליידן פאַר קדוש השם. אין דעם זין איז ער געווען פון די נייסטע תלמידים פון די הייליקע יידישע נביאים.

דער „חתם סופר" איז ווערט פאַררעכנט צו ווערן אַלס איינער פון די גרעסטע קעמפער פאַר סאָציאַלער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט, כאָטש ער איז געווען דער קאָנסערוואַטיווסטער רעליגיעזער רב*).

---

*) זעגן „חתם סופר" און סאָצ. געדאַנק, זע אויך דר. שמואל י. פייגינס נעקראָלאָג וועגן יונה ספּיוואַק, „צוקונפט", אַפּריל 1937.

# דער מלבים — רעליגיעזער דענקער
# און סאָציאַלער קעמפער

איינער פון די באַדייטנדסטע פירנדע געשטאַלטן פון יידנטום אין ניינצנטן יאָרהונדערט, אַ היטער פון דער יידישער רעליגיעזער טראַדיציע און גלייכצייטיק אַ קעמפער פאַר סאָציאַלן פּראָגרעס צווישן רעליגיעזן יידנטום, אַ רב וועלכער האָט געקעמפט מיט דער השכלה און רעפאָרם פון זיין עפּאָכע און איינצייטיק מיט די רייכע און שטאַרקע אויפן עקאָנאָמישן געביט פאַר זייערע רדיפות און עקספּלאָאַטאַציע פון די אָרעמע מאַסן, איז געווען דער באַרימטער גאון און קאָמענטאַטאָר פון תנ״ך, ר׳ מאיר ליבוש מלבים. (דער נאָמען באַשטייט פון די ערשטע אותיות מאיר ליבוש בן יחיאל מיכל). באַוואוסט אין דער רבנישער וועלט אַלס דער „קעמפּענער״, אויפן נאָמען פון זיין געבורט־שטעטל קעמפּענע, אויפן גרענעץ פון פוילן און פּרייסן.

דער מלבים איז דער לעצטער קאָמענטאַטאָר פון תנ״ך. ער איז מער ווי פופציק יאָר פון זיין לעבן געווען די צענטראַלסטע געשטאַלט אין דער רבנישער וועלט.

דער מלבים איז געבוירן געוואָרן אין וואָלאָטשיסק, פּאָדאָליע אין יאָר 1809 און איז געשטאָרבן דעם ערשטן טאָג ראש השנה אין קיעוו אין יאָר 1879.

אין זיינע גאָר יונגע יאָרן איז ער געווען אַ סכאָלאָסטיקער און אַ טרוקענער פּלפּוליסטיקער, וואָס האָט פלייסיק געשאַרפט זיין מוח אויפן שאַרפשטיין פון תלמוד. זיינע ערשטע הלכיש־לומדישע ווערק „ארצות החיים״, (לענדער פון לעבן) זיינען פּראָדוקטן פון אַ מי־פולער אַרבעט אויפן שולחן ערוך. שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן שרייבן פילאָלאָגיש־העברעאישע און פילאָזאָפיש־פאָרשערישע ווערק און אויך זיין באַרימטן פירוש אויפן תנ״ך.

דאָס גאַנצע לעבן פון מלבים איז געווען איין קייט פון גלות און וואַגל, ליידן און פיין. ער איז געווען רב אין צענדליקער שטעט און פאַרשיידענע לענדער פון מעריב און מזרח אייראָפע. צוליב זיין קעמפנדיקער נאַטור און ליידנשאַפטלעכן איינשטעל פאַר רעליגיעזער טראַדיציע און סאָציאַלער גערעכטיקייט, האָט ער זיך לאַנג ניט געקענט האַלטן אויף קיין שטעלע, אין יעדער שטאָט און געמיינדע האָט ער זיך ערוואָרבן שונאים. אַמאָל זיינען דאָס געווען די רעליגיעזע רעפאָרמער, אָדער די משכילים גרופּן און גאָר אָפט די פירער און ראשי הקהל פון די אָרטאָדאָקסישע קהילות, וואָס האָבן ניט געקענט ליידן זיין שטרענגע בייסנדיקע קריטיק אויף זייערע מעשים.

זיין ערשטע רבנות איז געווען ווערשען, פּויזנער געגנט. דאָרט איז ער געווען רב פון 1839 ביז יאָר 1845. דערנאָך איז ער אויפ־גענומען געוואָרן אַלס רב אין דער שטעטל קעמפּען, פּרייסן. אין דער שטעטל איז ער באַרימט געוואָרן אין דער לומדישער וועלט זיין נאָמען האָט אָנגעהויבן קלינגען אַלס אויטאָריטעט איבער שווערע לומדישע פראַגן און פּראָבלעמען. פון קעמפּען איז ער גערופן געוואָרן צו פאַרנעמען דעם כסא הרבנות אין בוקאַ־רעשט, די הויפּט־שטאָט פון רומעניע. דאָרט האָט ער אָנגעהויבן זיין שאַרפן קאַמף קעגן די רעפאָרמער. די רעפאָרמער האָבן אים פאַרמסרט אַלס אומלאָיאַלער צו דער רומענישער רעגירונג און ער איז איינגעזעצט געוואָרן אין דער קייזערלעכער געפענגעניש, וואו ער איז אָפּגעזעסן אַ לענגערע צייט און איז ערשט באַ־פרייט געוואָרן, נאָכדעם ווי משה מאָנטעפיאָרע האָט אינטערווע־נירט ביי דער רומענישער רעגירונג. משה מאָנטעפיאָרע האָט אויך פאַר אים געקראָגן די רבנות אין לונטשיץ, פּוילן, וואו ער האָט געוואוינט פון יאָר 1865 ביז 1877. אויך דאָרט איז אויס־געבראָכן אַ קריג צווישן חסידים און מתנגדים און ער איז פון דאָרטן אַוועק קיין כערסאָן, אוקראַאינע. פון דאָרט איז ער גע־רופן געוואָרן פון דער רייכער אינטעליגענץ פון מאָהלעוו, וויים־רוסלאַנד, אָבער דורך זיין נאָענטקייט צו די אָרעמע מאַסן,

בעלי מלאכות און פראָלעטאַריער פון שטאָט, האָבן אים די ראשי הקהל פון שטאָט פאַרפאָלגט. מען האָט אים ווידער פאַר־מסרט פאַר דער פאָליציי, אַלס געפערלעכן פאַר דער רוסישער ממשלה. צום ערשטן האָט אים די פאָליציי פאַרבאָטן צו דרשענען אין שול און דערנאָך געאָרדנט זיין פאַרלאָזן די שטאָט. פון מאָהליוו ביים דניעפער איז דער מלבים אַוועק קיין קעניגסבערג. די ערשט געגרינדעטע און נאָך ניט געהעריק אָרגאַניזירטע, יידישע קהלה פון ניו יאָרק, האָט אים איינגעלאַדן פאַר רב הכולל פון ניו יאָרק, אָבער זייענדיק שוין אַלט און קראַנק האָט ער בעסער אָנגענומען דאָס רבנות אין דער אוקראַאינער שטאָט קרע־מענטשוג, (פּאָלטאַווער גובערניע), אַהין פאָרנדיק איז ער אויפן וועג געשטאָרבן אין קיעוו.

דער מלבים איז באַרימט אין דער פרומער וועלט, צו־ליב זיין קאָלאָסאַלן פירוש אויף תנך. זיין קאָמענטאַר אויף גאַנץ תנך איז אָנגענומען אין פאָלק אַלס איינער פון די וויכ־טיקסטע פירושים אויף תנך וואָס וואַרפט אַ ניי ליכט אויף אַ סך האַרבע שטעלן פון דער ביבל. דער פירוש פאַרנעמט אין דער רעליגיעזער געדאַנקען־וועלט אַ וויכטיקן אָרט.

דורך זיין פירוש האָט דער מלבים איבערגעלאָזן אַ וויסנ־שאַפטלעכע רעליגיעזע ירושה, דאָס איז אַ קאָלאָסאַל יודאַאיס־טישער פירוש געבויט אויף סאָציאָלאָגישע און יודאַאיסטישע יסודות, אַ פירוש וואָס דערפרישט מיטן שאַרפן שכל, ברייטער ערודיציע און געפליגלטן סטיל. וואָס מער מען באַ־טראַכט דעם פירוש זעט מען אַז עס איז ניט סתם אַ פירוש ווע־מענס צוועק עס איז צו באַלייכטן האַרבע שטעלן אין תנך נאָר דאָס איז אַ וויסנשאַפטלעך־קולטורעל־רעליגיעזע ווערק, וואָס ערקלערט ניט נאָר די מעטאַפיזישע און טעאָלאָגישע מאָטיוון פון דער תורה נאָר אויך די סאָציאָלאָגישע און פילאָזאָפישע עלעמענטן פון תנ״ך.

ווי אַלע גאונים פון די פאַרגאַנגענע דורות וואָס האָבן זיך געשפייזט נאָר פון די יהדותדיקע קוואַלן, איז אויך פאַרן מלבים

די תורה געוועז אַן אייביקער פייער און אין איר ליכט האָט ער געוואָלט אַנטשיידן און לייזן אַלע פאַרצווייגטע פּראָבלעמען וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין זיין צייט. דער אמתער גאון האָט ניט קיין ריס אין דער נשמה. זיין אידעאַל איז ניט קיין סינטעז פון וועלט אַנשויאונגען וואָס האָבן ניט קיין באַריר־פּונקטן. דער מלבים האָט דעריבער געשטרעבט צו געפינען אַלע סאָציאַל־פילאָזאָפישע שיטות פון זיין צייט, אין דער תורה. אַלע אויפגעקומענע פּראָבלעמען פון זיין צייט, האָט ער געזען אין אייביק יידישן ליכט, אין שיין פונם נר תמיד, פון דער יידישער אמונה. זיין גאַנצע רעליגיעז־מעטאַפיזישע און סאָציאַל־מאָראַלישע פילאָזאָפיע, האָט ער געשעפּייזט פון די קוואַלן פון דער תורה.

ניט וועגן דעם גאַנצן קאָמענטאַר פון מלבים ווערט דאָ גערעדט, דאָ וויל איך נאָר געבן אייניקע הויפּט־שטריכן וועגן מלבימס קוק אויף דער אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַלער מאָראַל און איר חשיבות אין תנך.

2

דער מוסר כאַראַקטער פון דער אַלטער יידישער קולטור, ווי דער תנך, דער תלמוד, די פּוסקים און די יידישע פילאָזאָפיע, וואָס האָבן געווירקט אויפן דענקען פון די יידישע רעליגיעזע שעפער און בויער אין משך פון די דורות, איז געוועזן אַ שטענדיקער דערשיינונג אין דער יידישער געשיכטע. ביז צו דער השכלה און דער מאָדערנער נאַציאָנאַלער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָבן דער תנך, דער תלמוד און די פּוסקים, די שאלות ותשובות און מוסר־ליטעראַטור, באַהערשט דעם יידיש־קולטורעלן דענקען.

אָנקניפּנדיק זיינע געדאַנקען אויף דער פּרשה פון דער וואָך, טייטשט ער אויס די געשיכטע און לערע פון תנך אין ליכט פון דער סאָציאָלאָגיע און ער קומט צו די מאַקסימאַלסטע עטישע אויס־פירן.

די מאָדערנע סאָציאָלאָגע וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון אדאַם סמית,

ריקאַרדאָ און איז אַנטוויקלט געוואָרן פון מאַרקס, ענגעלס, זאָמבאַרט, הילפערדינג און אַנדערע, ערקלערט די אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון פריוואַט אייגנטום אַלס אַ לאַנגע אַנטוויקלונג פון דעם מענטשנס קאַמף פאַר זיין עקאָנאָמישער עקזיסטענץ. ביים אויפגאַנג פון דער געשיכטע האָבן מענטשן געלעבט גרופּנווייז אין די וועלדער, זיך ער־נערט פון כאַפּן פיש. דער מענטש איז געווען אַ סך אָפּהענגיק פון דער נאַטור. אייגער אַליין האָט זיך אָבער דער מענטש ניט געקענט אַנטקעגנשטעלן דער נאַטור־סטיכיע, דעריבער האָבן זיך די מענטשן פאַראייניקט אין קרובישע פאַראיינען און שבטים,, אָדער קאָמונעס. אין זיין שטענדיקן עקזיסטענץ־קאַמף האָט אָבער דער מענטש אָנ־געזאַמלט געניטקייט, זיך געלערנט ווי אַרויסצובאַקומען די נאַטיר־לעכע רייכטימער. די אָנגעזאַמלטע רייכטימער זיינען געוואָרן גרע־סער און גרעסער, און פון אַ געזעלשאַפטלעכער פאָרם גייען זיי אַרי־בער צו אַ פּריוואַטער. דעם פּראָדוקט וועלכן די מענטשן האָבן אַרויסבאַקומען אין די גרענעצן פון דעם אייגענעם שבט, די מותרות פון די רייכטימער האָבן זיי פאַרוואַנדלט אין אַ סחורה.

פּריוואַט אייגנטום האָט שוין עקזיסטירט נאָך אין דער פאַר־ציטיקער געמיינדע. בשעת מ׳פלעגט אויסבייטן די אייגענע אויס־אַרבעטונג, האָבן שוין די פּראָדוקטן אָנגענומען אַ פאָרם פון סחורות. אַזוי האָט זיך ביסלעכווייז אַנטוויקלט די סאָציאַלע אומגלייכהייט פון אייגנטימער און אומפאַרמעגלעכע.

אָט די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט האָט דער מלבים העל באַלויכטן פון דער תורה. ער באַנוגנט זיך נישט בלויז מיט פעסטשטעלן די געשיכטע אַליין, נאָר פאַרמעסט זיך אויך קלאָר צו מאַכן איר מאָראַלישן זין.

קאָמענטירנדיק די ערשטע פסוקים אין דער תורה (בראשית ב״) וועגן די פיר טייכן וואָס פליסן פון גן־עדן שרייבט ער: צום ערשטן האָט דער מענטש געוואַנדערט ביי די טייכן און אין די וועל־דער. די מענטשן זיינען שטענדיק געגאַנגען שבטימווייז ביים ברעג טייך. שפּעטער נאָך דער צעטיילונג פון שבטים איז פאָרגעקומען אַ נייע צעטיילונג אויף געגנטן, די מיטגלידערשאַפט פון די שבטים

איז זיך טעריטאָריעל פאַנאַנדערגעגאַנגען. די געזעלשאַפט ווערט איינגעטיילט אין פיר קלאַסן. דורך דעם וואָס דער מענטש האָט אַרויס־באַקומען גאָלד און זילבער פון דער ערד אַנטוויקלט זיך אין אים דער געפיל פון מאַכט און פראָפּיט יאָגעניש, דעמאָלט ווערט נויטיק אַ באַוואָפנטע קראַפט און עס אַנטוויקלט זיך דער מין רציחה אויף דער וועלט. אַזוי ערקלערט דער מלבים די אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט אַלס אַ סך־הכל פון אַ געוויסן קלאַסן־קאַמף. אַזוי באַ־לייכט דער מלבים די תורה סאָציאָלאָגיע העכסט וויסנשאַפטלעך. ער ציט אָבער פון זיינע הנחות סאָציאַל־עטישע אויספירן. לויט מלבימס קאָנצעפּציע פאַרנעמט דער סאָציאַל־עטישער פּרינציפּ, דעם צענטראַל־פּונקט אין מענטשלעכן קולטור־היסטאָרישן פּראָצעס.

די גאַנצע פּראָפּיט־יאָגעניש און גאָלד־זוכעריי איז אַ סאָציאַלע פאַרדאַרבונג. „די גאַנצע שלעכטס פון מענטש קערט זיך אום צום איינציקן, פון דער זוכעניש פון עשירות שפּראָצט אַרויס די קנאה און קאָנקורענץ און דער געיעג נאָך מאַכט און עס פירט צו דער פאַר־ניכטונג פון אַלע״.

„ווען די מענטשן וואָלטן ניט געווען אָנגעשטעקט מיט דער משוגעת צו זוכן גאָלד און ווערט אויסטויש, וואָלט די וועלט גע־ווען אַ גן עדן ווייל זיין שפּייז קען דער מענטש קריגן דורך ערד אַרבעט, ער זאָל ניט דאַרפן גראָבן גאָלד פאַר מסחר״.

..אַזוי זעען מיר ווי דער מלבים צייכנט אָן אַ סכעמע וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט אין אירע ערשטע שטופן.

ערקלערנדיק די געשטאַלטונג פון דער געזעלשאַפט און אָנער־קענענדיק אַז דער וואָלוציאָנערער גאַנג פון דער געשיכטע באַ־שטייט אין אַ געוויסן זין פון אַ סעריע עקאָנאָמישע קלאַסן־קאַמפן, לייקנט אָבער דער מלבים אָפּ די מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונג, דעם דעטערמיניזם וואָס באַטראַכט יעדער געשיכטלעכן פּראָצעס אין זיין אָביעקטיווער נויטווענדיקייט, ווי אַן אומפאַרמיידלעכע קייט פון סיבות און פועל יוצאס וואָס זיינען ניט אָפּהענגיק פון דעם מענטשנס פרייען ווילן.

דעם מלבימס וועלט־באַנעם איז געווען אַ ריין אידעאַליסטישער. די באַוועגנדיקע קראַפט פון געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, דעם תמצית פון וועלט־געשיכטע זעט ער אין אַבסאָלוטן גייסט. אין אַ סך וויכטיקע שטעלן פון זיין קאָמענטאַר שפירט זיך אפשר גאַנץ בולט דעם פילאָזאָפס העגעלס השפעה. העגעל לערנט אין זיין „פילאָזאָפיע דער געשיכטע", אַז דער תמצית פון דער וועלט געשיכטע איז די אָביעקטיווע אַנטוויקלונג פון דער אַבסאָלוטער אידעע.

די לערע מכוח דער ערשטער רציחה און דער אויפפאַסונג וועגן ערשטן פירוד צווישן מענטש און מענטש, וועגן ערשטן שטרייט צווישן קין און הבל וואָס האָט לויט די מדרשים אויסגעבראָכן ביים פאַרטיילן די וועלט און אירע מטלטלים (באַוועגלעכע פּראָדוקציע), איז דער רעליגיעזער דענקער, דער מלבים, אייניק מיט דער מאַרקסיסטישער סאָציאָלאָגיע, אַז דאָס איז געווען דער אָנהויב פון סאָציאַלן קאַמף אין דער געזעלשאַפט. אָבער בלויז אין דעם פּונקט גייט ער זיך צוזאַמען מיט די מאָדערנע סאָציאָלאָגן, ווייטער איז דעם מלבימס אידעאָלאָגישע אויפפאַסונג וועגן זינד דיאַמעטראַל פאַרשיידן פון זייערע. דער סאָציאָלער מאַסשטאַב, האַלט דער מלבים, באַוועגט זיך בעיקר צווישן טוב ורע, צדיק און רשע. צום אַלעם ערשטן זעט ער דעם קאַמף צווישן די בייזע אינסטינקטן, די מלחמה פון יצר טוב און יצר הרע. רציחה איז אַ געוואַלדטאַט קעגן דער נאַטור וואָס איז מאָראַליש. פרידן איז אַ פונדאַמענטאַלע סיבה פון דער וועלט. שלום באַהערשט דעם גאַנצן קאָסמאָס. דער מענטש איז אָבער פריי אין זיין ווילן און דאָ ליגט דער מקור פון קינס זינד. „קין — שרייבט דער מלבים — האָט געמיינט אַז דער מענטש טוט אַלץ דורך געהיימע נאַטור גזירות. קיין פרייען אויסוואַל האָט ער אין אַלגעמיין ניט. האָט אים גאָט געלאָזט וויסן אַז דער מענטש איז פריי אין זיינע מעשים און הבלס בלוט שרייט דער פאַר צו אים פון דער ערד". עס זיינען פאַראַן צוויי סאָרטן זינד. אַ זינד קעגן דער רעליגיע פון גאָט און דער רעליגיע פון נאַטור. רציחה איז אַ זינד קעגן דער רעליגיע פון דער נאַטור. קין האָט געזינדיקט קעגן

דער רעליגיע פון דער נאַטור, מיט דעם וואָס ער האָט געשטערט דעם מאָראַלישן געזעץ פון דער נאַטור. דעריבער האָט די ערד געעפנט איר מויל אים איינצושלינגען, די ערד אַליין האָט אים באַשטראָפט. (בראשית ד׳).

די נאַטור איז מאָראַליש, דער מענטש מוז אָבער קעמפן צו פאַרעטיזירן זיין איך, זיך אָפּלערנען פון דער נאַטור, וואָס איז געבויט אויף קעגנזייטיקער הילף און פרידן. אין דעם זין קומט זיך דער מלבים צונויף מיט די מאָדערנע גרויסע סאָציאָלאָגן וואָס האָבן געבויט אויפן עטישן מוז, מיט באַקונינען און קראָפּאָט־קינען, די פאָטערס פון מאָדערנעם אַנאַרכיזם, וואָס האָבן אין אַ ריי ווערק געוואָלט באַווייזן אַז די עטיק איז ניט קיין צופעליקער מענטשלעכער אידעאַל נאָר ליגט אין דער גאַנצער ביאָלאָגישער נאַטור פון דער וועלט. אויך דער מלבים האָט אונטערשיידט צווישן זינד קעגן גאָט און קעגן דער נאַטור. ער האָט געהאַלטן אַז די קעגנזייטיקע הילף פון דער נאַטור פון דינען דעם מענטשן אַלס מוסטער אין סאָציאַלן צוזאַמענלעבן. דאָס איז דער תכלית פון דער תורהדיקער סאָציאַלער מאָראַל, אויף דעם גרונט־פּרינציפּ האָט קין עובר געווען. קינס פאַרברעכן איז געווען אין דעם וואָס ער האָט עובר געווען אויף די מאָראַלישע געזעצן פון דער נאַטור, דעריבער האָט געמוזט זיין זינד אָפּגעווישט ווערן מיט טאָן מעשים טובים בנוגע דער מענטשלעכער אָרגאַניזאַציע, און מיט בויען די סאָציאַלע אָר־גאַניזאַציע, וואָס זאָל זיך שטיצן אויף דער מאָראַל פון דער נאַטור.

„און דערפאַר האָט ער געבויט אַ שטאָט, ווייל נאָכדעם ווי ער איז געווען דער ערשטער רוצח, האָט צעשטערט די רעליגיע פון דער נאַטור — וואָס דורכדעם ווערן מענטשן ווי די פיש פון וואַסער און אַ מענטש שלינגט איין זיין חבר אַ לעבעדיקן האָט ער דאָס פאַרריכט מיט בויען אַ שטאָט, וואו מענטשן זאָלן זיך פאַר־אייניקן אין אַ פּאָליטישן קיבוץ און איינאָרדענען געזעצן און אויפ־פירונגען. זיי זאָלן זיך שטיצן איינער דעם צווייטן און אָרגאַניזירן אַ פאַרטיידיקונג קעגן זייערע באַצווינגער און באַדריקער״. (דאָרט).

נאָכן אַנטפּלעקן די סאָציאַלע מאָטיוון פון דער תורה, האָט דער מלבים געזוכט צו אידענטיפיצירן די עטישע גאולה פון מענטש, מיט דעם גאָט־באַגריף. די עטישע טענדענצן ווערן דאָס טיפּסטע, תמציותדיקע פון דער רעליגיעזער פילאָזאָפיע.

דער מעטאָד פאַר אידענטיפיצירן די יסודות פון דער יידישער רעליגיע, איז לויט דער פילאָזאָפיע, די עטיק. די טערמינען „צדק", און „משפט", זיינען פאָזיטיוו אַבסאָלוטע, אייביקע ווי דער גאָט־באַגריף. די רייד פון איוב „צדק לבשתי וילבשני (איוב כ"ט), פאַרטייטשט דעם מלבים: „אני לובש הצדק, והצדק לובש אותי". די גערעכטיקייט איז די אַנקליידונג פון גאָט. די יידישע רעליגיעזע פילאָזאָפיע איז אַ מאָראַל פילאָזאָפיע און דער יסוד פון איר גאָט באַנעם איז די עטיק.

3

דער מלבים האָט געלעבט אין די יאָרן פון אויפקום און אויפשטייג פון קאַפּיטאַליזם אין מעריב אייראָפּע. דער סאָציאַלער פּראָבלעם איז מוראדיק פאַרשאַרפט געוואָרן. דער אַרבעטער־קלאַס און בתוכם די אָרעמע יידישע מאַסן האָבן געפילט די קלעפּ פון קאַפּיטאַליזם. און די שוואַלבן פון סאָציאַליזם אויף דער יידישער גאַס האָבן זיך באַוויזן. אַ סך לומדים אין מלבימס צייט האָבן געשטיצט זייער קעגנערשאַפט צום סאָציאַל עקאָנאָמישן איבערבוי, אויפן געדאַנק אַז אָרעמע לייט מוזן כסדר זיין, כדי עס זאָל זיין אויף וועמען צו פּראַקטיצירן די שיינע מידה פון רחמים און צדקה. אויפן גרונט פון פּסוק „לא יחדל אביון מקרב הארץ", האָבן זיי געוואָלט דרינגען אַז דער סאָציאַליזם באַ־געגנט אַ שטער אין דער יידישער תורה. ס'איז שווער צו זאָגן צי איז דער מלבים, אַלס באַגרינדער און קעמפער פאַר יידישער סאָ־ציאַלער גערעכטיקייט, דירעקט אַרויס קעגן זיי. אָבער אין זיין פּירוש אויפן אויבנדערמאָנטן פּסוק ווייזט ער אָן די טיפע יסודות פאַרן סאָציאַליזם אין דער תורה. ער שרייבט דאָרט:

„די חז״ל האָבן קאָמענטירט אַז די מצווה פון צדקה איז אַנדערש פון אַלע מצוות. אַלע אַנדערע מצוות אַז אַ מענטש היט איין מצוה איז זיין לוין אַז ער וועט די מצוה שטענדיק מקיים זיין שענער און בעסער. למשל אויב ער האָט געטאָן אַזאַ מצוה ווי צדקה פון ציצית, וועט זיין שכר זיין אַז ער וועט דערפאַר האָבן אַ שיינעם טלית. אָדער אויב ער האָט געמאַכט קדוש אויף וויין וועט זיין שכר זיין, אַז ער זאָל האָבן פולע קעלערס וויין. אַנדערש איז אָבער דער שכר פאַר אַזאַ מצוה ווי צדקה, דער שכר איז אַז ער זאָל די מצווה קיינמאָל מער ניט דאַרפן מקיים זיין. ווייל עס איז די שטרעבונג פון דער תורה עס זאָלן גאָר קיין אָרעמע לייט און ליידנדע ניט זיין. עס זאָל ניט זיין קיין פּלאַץ פאַר צדקה, עס זאָל זיין „אפס לא יהיה בן אביון״.

אַזוי האָט דער מלבים אָנגעוויזן די טיפע יסודות פאַר סאָציאַל עקאָנאָמישער גלייכהייט אין דער תורה.

דער מלבים האָט זיך ניט באַנוגנט מיט אויפבויען אַ יידיש רעליגיעז־סאָציאַלע אָנשויאונג אויפן יסוד פון דער תורה און די נביאים. נאָר איז אויך אַרויס אין קאַמף פאַר זיינע אידייען.

אויף צוויי פראָנטן האָט ער געקעמפט. קעגן די שענדער פון דער סאָציאַלער מאָראַל, וועמען ער האָט געהאַלטן פאַר פראָפאַנירער פון יידיש עטישן גייסט און קעגן די רעפאָרמער, וואָס האָבן געוואָגט אָנצורירן די יידישע טראַדיציע.

דער מלבים האָט געלעבט אין אַן עפּאָכע פון גייסטיקער ראַנגלעריי אין יידישן לעבן, אין דער עפּאָכע פון דעם קאַמף פון דער השכלה מיט דעם אַלטן יידישן לעבנס־שטייגער.

מיט דער השכלה האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין דער יידישער געשיכטע. דער כוח פון דער רעליגיע איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. די עיקרדיקע טענדענצן פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק, האָט געדראָט אַ סכנה. ווי אַ רעאַקציע פון אינדיווידועלן רעליגיעזן געפיל קעגן דער השכלה, זיינען די פירער פון דער אָרטאָדאָקסיע, אַרויס מיט אַ שטאַרקן עקשנותדיקן קאַמף פאַרן שטרענגן רעליגיעזן פאָרמאַליזם און ריטואַליזם. זיי האָבן גע־

רופן דאָס פאָלק ניט אַראָפּוואַרפן גאָרניט פון דער שווערער משא רעליגיעזע איסורים און מצוות וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן דורך דעם תלמוד אויפן יידישן פאָלק. פון די שטרענגסטע היטער פון דער טראַדיציע און קעמפער קעגן דער השכלה איז געווען דער מלבים. די פראַגע פאַרוואָס די יידן זיינען געווען דאָס איינציקע פאָלק אין דער געשיכטע וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט, מיט אַ חוש הקיום, איז פאַר אים געווען קלאָר: די יידישע מאַכט באַשטייט פון רעליגיעזן פאַקטאָר. דעריבער האָט ער אומעטום וואו ער איז געקומען געקעמפט מיט די משכילים, און געקעמפט האָט ער מיט זייער כלי־זיין אַרויסווייזנדיק ברייטע, פילזייטיקע קענטעניש אין תנך, דקדוק און אַלגעמיינע בילדונג. אָבער דער מלבים האָט אויך געהאַלטן, אַז די מאַכט פון רעליגיעזן פאַקטאָר אינם יידישן לעבן, איז אָפּהענגיק פון דער סאָציאַל־עטישער אַנטוויקלונג ביי דעם יידישן פאָלק גופא. ער האָט געוואָלט הייבן דעם מוט פון די יידישע מאַסן, איז ער שטענדיק געשטאַנען אויף זייער זייט. ווי די מערסטע רבנים פון זיין צייט, האָט ער געקעמפט פאַר דער דעמאָקראַטיזירונג פון דער יידישער קהלה. קיין קלעריקאַלער שטאַנד האָט אויף דער יידישער גאַס בכלל ניט עקזיסטירט. די קאַטוילישע קירכע מיט אירע מאַנאַסטירן האָט פאַרמאָגט אַ דריט חלק פון דעם גאַנצן אַקער לאַנד פון אייראָפּע. די שול און בית המדרש האָבן גאָרניט געהאַט. די מערסטע רבנים זיינען געווען מענטשן פון דחקות און נויט, וואָס זיינען באַעוולהט און באַליידיקט געוואָרן פון די ראשי הקהל און תקיפותדיקע גבאים. קעגן די רייכע און שטאַרקע פון דער קהלה האָט דער מלבים געקעמפט. דער מלבים האָט זיך אומעטום וואו ער איז געקומען דערנעענטערט צום המון, צו די מאַסן. דער המון וואָס איז באַשטאַנען פון בעלי מלאכות, שוסטער, שניידער, בעקער, וואַסער־טרעגער, איז אים געווען נעענטער ווי די „שיינע יידן", גבירים וואָס האָבן פאַרנומען דעם פּלאַץ אויבן־אָן אין שול. אַז דער עם הארץ וואָס איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ מענטש פון צווייטן שטאַנד און בכלל פאַר אומריין ביי די פני פון שטאָט. אַז די שנאה צום בעל־מלאכה, וואָס איז סאָציאַל און

קולטורעל דערנידעריקט געוואָרן, האָט דער מלבים געשטרעבט אָפּצושאַפן.

אַ בולטע אילוסטראַציע פון מלבימס קאַמף קעגן די רייכע אין זיין נאָענטקייט צו די אָרעמע גיט אונדז דער מאָסקווער הויפּט־ראַ־בינער, יעקב מזאה, אין זיינע זכרונות. אין קאַפּיטל „דער באַלשע־וויזם פון מלבים", (חלק ג" ק"ה), — שילדערט מזאה אַן אי־בערקערעניש וואָס דעם מלבימס ערשטע דרשה האָט אָנגעמאַכט אין זיין געבורט שטאָט מאָהלעוו, ביים דניעפּער.

„... דער רב איז געקומען. און אין אַלע שולן איז אַרויסגערופן געוואָרן, אַז מאָרגן פיר בייטאָג, וועט אין דער קאַלטער שול האַלטן זיין ערשטע דרשה דער באַרימטער גאון וועמען מען רופט „דער קעמפּענער". דאָס גאַנצע פאָלק פון שטאָט איז געקומען הערן די ערשטע דרשה. די לומדים האָבן זיך געגרייט צו הערן אַ שטאַרקן פּלפּול, למדנישע, שכלדיקע גימנאַסטיק. עס איז געקומען די ער־וואַרטעטע שעה, דער רב איז אַרויף אויף דער בימה און האָט אָנגע־הויבן נישט קיין פּלפּול, נאָר אַ פּשוטן דרוש, וואָס די פּראָסטע פון פאָלק האָבן פאַרשטאַנען, און האָבן „געלעקט די פינגער". ער האָט אָנגעהויבן אַ פּסוק פון ישעיהו, ערקלערט דעם טיפן מאָראַלישן זין פון נביאס רייד, און אָנגעהויבן מיט התלהבות צו אַנטפּלעקן די פעלערן פון די רייכע, וואָס טוען שאָדן זייער פאָלק אין צווייען, זיי זיינען ניט לאָיאַל צו זייער פאָלק, פאַרטיידיקן ניט די אומה אַנטקעגן אָנגריף פון דער ניט יידישער וועלט, און אין פאָלק אַליין ערוועקן זיי נאָר קנאה מיט זייער לוקסוס לעבן, און פאַראורזאַכן בלוט־פאַרגיסונג פון זייערע אָרעמע ברידער. ביי די רייד איז גע־וואָרן אַ גרויסע באַוועגונג, צווישן די בעלי־בתים, וואָס זיינען געזעסן ביי דער „מזרח וואַנט". די גבירים האָבן אָנגעהויבן מורמלען איינער צום צווייטן אַז זיי האָבן געמאַכט אַ טעות מיט אויפנעמען דעם מלבים אַלס רב אין מאָהלעוו... דער רב וואָס איז געשטאַנען אויף דער בימה האָט דערשפּירט די שלעכטע כוונה פון די מזרח יידן און האָט אָפן דערקלערט: „איך בעט די ליבהאָבער פון פּלפּול זאָלן ניט ברוגז

זיין, וואָס איך זאָג ניט פאַר זיי קיין לומדות, ווייל איך דערקלער, אַז איך האָב אַמאָל געהאַט די מלאכה און איך האָב זי אַוועקגעשיקט. איך בין מער ניט ווי געשיקט, — האָט זיך דער רב צעפלאַקערט מיטן עקסטאַז פון אַ נביא און אינם נוסח פון די יידישע מוסר־זאָגער — צו די פאַרלאָרענע שאָף, מיינע אָרעמע ברידער וואָס בלאָנדזשען אין דער פינצטער און קיינער לאָזט זיי ניט הערן קיין רייד וואָס זאָלן דערקוויקן זייער נשמה, זיי זאָלן וויסן זייער ווערט, ווער זיי זיינען, און וואָס זיי זיינען. אָט צו די אומגליקלעכע וואָס פאַרדינען פון זייערע צען פינגער, בין איך געשיקט. צו די וועמענס עלטערן האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו לערנען פלפולים, שטייען אין די שולן און בתי מדרשים, דער מויל אָפן איינצושלינגען יעדער וואָרט, וואָס גייט אַרויס פון רבס מויל, און קערן זיך אום אַהיים טרויעריק און באַקלאָגן זיך אויף זייער ביטערן גורל, וואָס זיי האָבן קיין חלק ניט אין דער תורה — צו די בין איך געקומען אומקערן זיי זייער חלק, וואָס מען האָט ביי זיי אַוועקגערויבט. זיי וועלן זיין מיינע צוהערער, און די לומדים, זיי וויסן ברוך השם די תורה אָן מיר. און פאַרוואָס טאַקע זאָלן זיי ניט צולאָזן די אָרעמע שאָף וואָס שטייען ביי דער טיר און קענען ניט הערן ווי ס'באַדאַרף צו זיין?"

דערהערנדיק די שאַרפע רייד פון רב האָבן די גבירים און מיט זיי די דיינים, דעמאָנסטראַטיוו פאַרלאָזן די שול. אין שול האָט אויסגעבראָכן אַ שטורעם, און ס'איז דאָרט פאָרגעקומען אַ גאַנצע סאָציאַלע רעוואָלוציע... די אָרעמע לייט און בעלי מלאכות האָבן באַזעצט דעם מזרח, האָבן אָנגעפילט דעם אויבנאָן און אויסגערופן אויפן קול — „רבינקע, זאָגט ווייטער, איר זענט אונדז מחיה!" דער מלבים האָט שוין פאַרענדיקט זיין דרשה פאַרן פראָלעטאַריאַט.

. . אויף מאָרגן, האָט די גאַנצע שטאָט געקאָכט מיטן מלבימס רעוואָלוציאָנערע דרשה. די לומדים און גבירים זיינען געווען באַליידיקט און די אָרעמע האָרעפּאַשנע מאַסן האָבן געוואונטשן זייער רב לאַנגע יאָרן. און ווען זיי האָבן דערמאָנט דעם מלבימס נאָמען האָבן זיי

געזאָגט: — „יישר כח אים וואָס ער האָט געוויזן די חזירים זייער ריכטיקן אָרט"...

„עס וועט ניט זיין קיין גוזמא — שרייבט ווייטער מזאה — ווען מען וועט זאָגן, אַז אין דער גאַנצער שטאָט, האָט זיך געפילט צווישן די מאַסן עטוואָס פון באָלשעוויזם. עס האָט אויס־געזען ווי אַ סאָציאַלער רעוואָלט וועט באַלד אויסברעכן אין שטאָט און וועט פאַרצערן די הייזער פון די רייכע.

עס ווערט אויך דערציילט, אַז אויף מאָרגן ווען די דיינים זיינען געקומען צום נייעם רב מיט אַ האַרבער שאלה, האָט ער אַרויסגענומען דעם פילאָזאָפיש־עטישן ספר „חובת הלבבות", און האָט פאַר זיי ציטירט, די באַוואוסטע שטעלע: „איידער דו זאָלסט זיך אָפּגעבן מיט לערנען אַבסטראַקטע זאַכן וואָס זיינען ווייט פון מציאות, זאָלסטו בעסער לערנען שיינע מידות צו מתקן זיין דיין נפש". די דיינים האָבן די רייד איבערגעזאָגט צו די פירער פון דער קהלה, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטילער קאַמף קעגן מלבים. אי־מיצער האָט אים ווידער געמסרט אַלס אומלאָיאַל צו דער רעגירונג. צום ערשטן האָט מען אים פאַרבאָטן צו ריידן אין דער עפנטלעכקייט, און אין אַ יאָר אַרום אים איינגאַנצן פאַרטריבן פון שטאָט און פון רוסלאַנד.

דער מלבים איז געווען איינער פון די גייסטרייכע היטער פון דער יידישער טראַדיציע און פון די קעמפער פאַר אַ שענערער און בעסערער וועלט. אַלס רעליגיעזער דענקער איז זיין הויפּט פּראָבלעם געווען הכרת הבורא. און דאָס אָפּהיטן די סאָציאַלע גע־זעצן פון דער תורה. ער האָט געגלויבט באמונה שלימה, אַז דורכ־דעם וואָס ער וועט דערנענטערן די מאַסן צו גאָט און באַקעמפן די סאָציאַלע חטאים אין די פרומע רייען וועט דאָס פאָלק ווערן בעסער און איידעלער.

דער רעליגיעז סאָציאַל געשטימטער מענטש און די יידישע יוגנט בכלל, וועט אין מלבימס שאַפן און לעבן געפינען אַ קוואַל פון לע־

בעדיקע סאָציאַלע געדאַנקען און ערהאַבענע מעשים פון וואַנען זיי וועלן קענען שעפן פרישע כוחות אין זייער דענקען און ווירקן.

די געשיכטע שרייבער פון דער יידיש־רעליגיעזער מאָראַל און סאָציאַלן־קאַמף וועלן מוזן אַריינגעמען דעם מלבים אין היכל פון די אַלע קעמפער פאַר אַ בעסערער און שענערער וועלט און אים געבן אַן אָרט ביי דער מזרח־וואַנט.

# דער חפץ חיים און זיין באַציאונג צו קריג

„דער פשוטער ייד פון ראַדין", אַזוי איז די פרום־עטישע פּער־זענלעכקייט פון דעם מחבר פון מוסר ספרל „חפץ חיים", וואָס איז ביים לעבן געווען אַ לעגענדע, געווען באַוואוסט אין דער רבנישער און פרומער וועלט, קרוב צו הונדערט יאָר. דער חפץ חיים, איז גע־ווען איינער פון די לעצטע באַדייטנדע פאָרשטייער און פאַרווירקלעכער פון דער מוסר אידעע.

די מוסר־באַוועגונג איז אַ רינג אין דער גאָלדענער קייט פון די עטישע אידעען אין יהדות. די מוסר אידעע, וועמענס שעפער עס איז געווען ר' ישראל סאלאנטער און וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דער צייט פון דער השכלה, אין איר קאַמף מיט דער יידישער תורה־וועלט, — האָט געזאָלט זיין אַ מין רעליגיעז־עטישער רענעסאַנס פון יידנטום. די אידעע איז, אמת, ניט איינגעוואָרצלט געוואָרן ביי די ברייטע שיכטן פון פאָלק ווי חסידות, אָבער אין עולם האצילות, אין דעם בית המדרש לעבן, איז מוסר געווען אַ עטישע רעוואָלוציע. מוסר איז אַריינגעדרונגען אין די ישיבות פון ליטע. אַזוי אַרום איז די אינדיווידועלע יידישע עטיק פאַרפלאַנצט געוואָרן אויפן ליטווישן באָדן.

אין צענטער פון דער רבנישער ליטע, דאָרט, וואו ס'האָט זיך יאָרהונדערטער אַנטוויקלט דער תלמודישער שאַרפזין מיט זיין פּלפּול און סכאָלאַסטיק, אויף דעם זעלבן אָרט האָט זיך איינגעפלאַנצט די יידישע עטיק אין איר שורשדיקן אייפער.

מוסר האָט געלייגט דעם טראָפּ אויף דער אינדיווידועלער עטיק, אויפן יחיד. אַלס אינסטיטוציע פון עטישער פאַרפולקאָמונג, האָט מוסר געלייגט די גרעסטע געוויכט אויף דער עטישער אויסבילדונג פון יחיד. מוסר איז אַזוי אַרום געוואָרן אַן אורח חיים, אַ לעבנס־

אַנשויאונג, וואָס פאָדערט קאָנקרעטע פאַרווירקלעכונג, צו שאַפן איז לעבן אַ שענערע שייכות פון מענטש צו מענטש.

דער חפץ חיים איז געווען דער לעבעדיקער סימבאָל פון דער אידעע, דער שטרענגסטער אַפּהיטער פון דער פרומער מאָראַל. זיין גאַנצער לעבן איז געווען איין מוסר נגון, רעציטירט איבער די אָרעמע ליטווישע פעלדער, ביי דער ווילִיע און ניעמאַן.

געהייסן האָט ער ישראל מאיר בן אריה זאב הכהן, אַפילו דעם טיטל „הרב" ניט געוואָלט טראָגן. געבוירן אין 1829, געשטאָרבן אין יאָר 1833. דעם נאָמען „חפץ חיים", האָט ער באַקומען נאָך זיין ערשט חבורל, מיט וועלכן ער איז שטענדיק אידענטיפיצירט גע־וואָרן. אין יאָר 1873 האָט ער צום ערשטן מאָל אַרויסגעגעבן דאָס ספרל, מיט אַ יידישער איבערזעצונג. אַ מוסר ספרל אָנגעשריבן פאַרן פשוטן זינדיקן עולם... „מיטן צוועק זיי אומצוקערן צום גוטן".

זיין לעבנס ווערק איז די „משנה ברורה", וואָס ער האָט אָנ־געהויבן דרוקן אין יאָר 1882 און פאַרענדיקט אין יאָר 1898. יעדן יאָר האָט ער אַרויסגעלאָזן איין באַנד. דאָס איז אַ קאָמפּענדיום פון יידישן ריטואַל, פון די דינים אויף שולחן ערוך. דער צווייטער ספר הייסט „לקוטי הלכות", 1899, און „אהבת חסד", וועגן באַצאָלן דעם אַרבעטער זיין לוין אין צייט און טאָן גענאָד אין סאָציאַלן לעבן, אָבער פאַררופן האָט ער זיך זיין גאַנצן לעבן אויפן קליינעם ספרל „חפץ חיים", וואָס לערנט דעם מענטשן זיין אָפּגעהיט מיטן מויל און ניט ריידן אויף קיינעם קיין שלעכטס. ער האָט געהאַלטן אַז אַלע צרות, גייסטיקע און פיזישע חלאתן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, נעמען זיך פון ריידן לשון הרע, פון דעם, וואָס אַ מענטש היט ניט דעם מויל. ער אַליין איז דאָס גאַנצע לעבן געווען אָפּגעהיט מיטן מויל. ניט געוואָלט קיינמאָל ריידן אָדער הערן לשון הרע און ס'איז מערקווירדיק ווי ער האָט טאַקע דערגרייכט די הויכע עלטער. געשטאָרבן איז ער ערשט אין יאָר 1933, זייענדיק אַלט קרוב צו 96 יאָר. לויטן תהלים רעצעפּט „מי האיש החפץ חיים

אוהב ימים לראות טוב, נצור לשונך מרע", (תהלים יד) — ווער איז דער מאַן וואָס וויל לעבן, האָט ליב די טעג צו זען גוטס, היט דיין צונג פון שלעכטס און דיינע ליפּן פון צו ריידן אָפּנאַרעריי".

2

דער חפץ חיים איז פון נאַטור געווען אַ גלויביקער. ער האָט זיך ניט געניטיקט אין קיין לאָגישע באַווייזן און ראַציאָנאַליסטישע, אָדער פילאָזאָפישע ערקלערונגען פון זיין גלויבן. ער האָט געגלויבט אין יעדער לעגענדע פון פאָלק, אין קלענסטן יידישן מנהג. פאַר אים איז געווען וויכטיקער אַ לעגענדע מיט איר מוסר השכל וועגן גיהנום און גן עדן, ווי אַ פּלפּול. דערביי האָט ער געגלויבט באמונה שלמה, אַז דער קווינט עסענץ פון דער תורה, לערנט קיינעם ניט צו טאָן קיין שלעכטס. ניטאָ אין חפץ חיימס תורה שבכתב און זיין בעל פּה קיין טיפער פילאָזאָפישער דענקען, אויך ניט קיין אי־נערלעכע קאָנטעמפּלאַציע. דעם חפץ חיימס באַשטייערונגען צו לומדות זיינען ניט געווען אָריגינעל. ער האָט אויך ניט געהאַט קיין פּאָע־טישע נאַטור. מיט דער יידישער מאָראַל האָט ער זיך פאַרנומען זיין גאַנצן לעבן און דורך איר האָט ער פלייסיק און ליידנשאַפטלעך געלערנט דעם מענטשן דעם וועג פון גוטס און אַליין האָט ער פאַרווירקלעכט וואָס ער האָט געלערנט אַנדערע. ער איז געוואָרן דער לעבעדיקער סימבאָל פון עטישער אויפפירונג און גאַנצער פרומקייט. דאָס גאַנצע לעבן האָט ער געוואוינט אין קליינעם שטעטל ראַדין. דאָרט האָט ער אויפגעהאַלטן זיין באַרימטע ישיבה. צוליב זיין צדקות האָט ער ניט געוואָלט זיין קיין רב. ער האָט געלעבט פון אַ הערינג קראָם. די מערסטע ספרים זיינע האָט ער געדרוקט אַנאָנים. זיין נאָמען ניט אַרויפגעשטעלט אויפן שער בלאַט, ער זאָל זיך ניט האַלטן גרויס.

און דער מענטש וואָס איז געווען גרויס און דערהויבן, וואָס האָט דערגרייכט דעם גרעסטן עטישן פּערפעקציאָניזם, די גרעסטע מאָראַלישע השלמה, האָט זיך געשטעלט מיטן פּנים צו די ברייטע

מאַסן. כסדר געשריבן פאַרן פּשוטן זינדיקן עולם און אַליין אַרומגעוואַנדערט איבער ליטע און פּוילן מיט אַ פּעקל ספרים, פאַרקויפט דעם ספר פאַר אַ קליינעם פּרייז און געגלויבט אַז דאָס וואָס ער שרייבט, וועט סוף כּל סוף ווירקן אויף די לעזער צו עפענען זייערע הערצער און זיי אומקערן צום גוטן.

זיין גרויסער גלויבן אין מענטשן האָט געקוועלט פון פרומקייט. ווען דער מענטש איז פרום מוז ער אויך זיין גוט.

דער חפץ חיים האָט געזען אַ וועלט, אַ בלוטיקע, אַ בייזע, אַ קראַנקע און ער האָט מיט זיין פּרימיטיווער גוטסקייט, מיט זיין פּשטות, ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס זאָלן מענטשן ניט וועלן זיין גליקלעך און צופרידן און ער איז געקומען צום אויספיר, אַז די גאַנצע תורה איז נאָר איין לערע פאַר טאָן גוטס. און די גאולה וישועה פון דער וועלט הענגט אָפּ פון טאָן גוטס און מקיים זיין וואָס די תורה לערנט. טאָן גוטס מיינט צו אַנטוויקלען די שענסטע צווישן-געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען. מען מוז באַזייטיקן די הויפּט-פאַקטאָרן פון געזעלשאַפטלעכער שלעכטס, כּעס, גאווה, חניפה, לשון הרע, שקר, פאַלשע וואָג און מאָס, עקספּלואַטאַציע פון אַרבעטער מענטש, שנאה, און איינפלאַנצן יושר און גוטע זיטן. דערצו האָט ער געווידמעט אַלע זיינע ספרים און זיין גאַנצן לעבן.

3

אין יאָר 1874 האָט די רוסישע מלוכה אַרויסגעגעבן אַ געזעץ וואָס פאַרפליכטעט יעדן יונגן מענטש פון איין-און-צוואַנציק יאָר צו מיליטערישער דינסט, דער חפץ חיים האָט זיך פאַרטיפט אין דעם פּראָבלעם פון מלחמה פאַרן יידישן פאָלק. זיין האַרץ האָט אים געבלוטיקט. ער האָט געזען ווי יידישע יונגעלייט ווערן אַוועקגענומען אין די מיליטערישע לאַגערן, זיי ווערן אָפּגעפרעמדט פון יידישקייט און פון גאָט. עס ווערט אין זיי אַנטוויקלט די מידה פון אכזריות. די פראַגע פון דער צוקונפט פון יידישן סאָלדאַט

האָט אים געפּייניקט. ער האָט זיך ווי זיין שטייגער פאַרטיפט אין דער תורה, אין „שולחן ערוך", וואָס איז פאַר אים געווען גאָטס פּראָגראַם פאַרן יידישן פאָלק. אָבער ער האָט דאָרט גאָרניט גע־פונען, קיין טייל פון שולחן ערוך רעדט ניט פון קריג, צוליב אַ פּשוטער סיבה: ווען די יידישע געזעצגעבונג, דער יידישער קאָ־דעקס האָט זיך געשלאָסן, איז דאָס יידישע פאָלק געווען אינגאַנצן שטאַטסלאָז, אָן אַ טעריטאָריע און שטאָט. דעריבער איז דער יידישער שולחן ערוך, מער רעליגיעז־ריטואַל ווי סאָציאַל־פּאָליטיש. פאַרבאָטן יידן צו גיין אין קריג האָט ער געוויס ניט געקענט. ניט יידן האָבן געשאַפן די מלחמות און ניט זיי האָבן זיי געקענט פאַרווערן. ווייטער פון דעם שוין רעדאַקטירטן שולחן ערוך, האָט ער אָבער ניט געוואָלט גיין, האָט ער דעריבער אָנגעצייכנט אַ מינימום פון אַ תורהדיקן פּראָגראַם פאַרן יידישן סאָלדאַט, וואָס איז אונטערוואָרפן דער דיסציפּלין פון ניט יידישן גענעראַל און קאָמאַנדיר, ער זאָל ניט אַראָפּוואַרפן פון זיך די מינימאַלע דיסציפּלין פון שולחן ערוך. קיין העכערע יורידישע סאַנקציע ווי די תורה האָט פאַר אים ניט עק־זיסטירט, האָט ער אָנגעשריבן אַ ספר „מחנה ישראל", (דער יידישער לאַגער) — אַ האַנטבוך מיט דירעקטיוון פאַרן יידישן זעלנער, ניט ווי צו שיסן אין מענטש און הרגענען, נאָר אָפּצוהיטן יידישקייט. אין זעלנערישן געוואַנט, אין די יונישע קליידער. אין יאָר 1888, איז דער ספר אַרויס. דאָרט באַלייכט ער דעם טראַ־גישן אַקטועלן פּראָבלעם פון קריג אין ליכט פון תורה אין דער רעליגיעזער טעאָריע און פּראַקטיק.

דער ספר „מחנה ישראל" גיט זיך אָפּ מיטן טאָג טעגלעכן אויפפיר פון סאָלדאַט, מיט דער סומע געזעצן, רעגעלן, פאַרשריפטן און מנהגים, וואָס קאָנטראָלירן דעם גאַנצן יידיש אינדיווידועלן לעבן. פאַרן סאָלדאַט האָט דער חפץ חיים גערעכנט אַ מינימום פרייז. ער האָט דעם ספר פאַרשפּרייט אין די קאַזאַרמעס און בכלל צווישן יידן, וואָס טראָגן די יונישע קליידער.

אין יאָר 1907, ביים אויסברוך פון דער רוסיש יאַפּאַנישן קריג,

האָט ער געשיקט זעקס הונדערט עקזעמפּלאַרן אין מיליטערישן לאַגער פון כאַרבין. די רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע, האָט שטאַרק געווירקט צווישן די יידישע סאָלדאַטן, זיי האָבן געגרינדעט צווישן זיך אַ רעליגיעז־עטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס איר אויפגאַבע איז געווען צו קריגן כשרע שפּייז פּראָדוקטן פאַר אירע מיטגלידער, דאַוונען בצבור און אַנטוויקלען אַ עטישע וואַכזאַמקייט, וואָס זאָל ערזעצן אין מיליטערישן לאַגער דעם ברוטאַל־קריגערישן גייסט, מיט מענטשלעכע וואַרעמקייט און פילבאַרקייט. דער „חפץ חיים" האָט געגלויבט אַז דאָס שטאַרקן דעם רעליגיעזן געפיל אין דער סאָלדאַטן מחנה, וועט שטאַרקן זייערע מאָראַלישע געפילן און וועט אין זיי אַריינבלאָזן פרישן כוח און מוט איבערצוטראָגן די ליידן פון דער מלחמה און ווען זיי וועלן קומען אַהיים זאָלן זיי קענען צוריק פאָרזעצן זייער געוויינלעך שיין און עטיש לעבן ווי די תורה האָט געבאָטן.

דער אינהאַלט פון ספר ווערט אָנגעוויזן אויפן שער בלאַט. „מחנה ישראל", — אַ חיבור באַגרינדעט אויף די הלכות און אויפפירונגען וואָס זיינען שייך צו מענטש פון מיליטער, די גאַנצע צייט פון זייער זיין אין דינסט, אין קריג, כדי מקיים צו זיין וואָס עס שטייט: פירכט גאָט מיין זון און מלך (משלי כ"ד), די הקדמה באַשטייט פון אַ אָפיציעלן רוף „אָפּצוהיטן די באַפעלן — פון דעם מלך און חסיד אַלעקסאַנדער ירום הודו", אָבער דאָך האַלט ער זיך ניט אָפּ פון וואָרענען די סאָלדאַטן ניט צו פאַרגיסן קיין בלוט „ווייל, אַ סך מאָל ווערט אומזיסט פאַרגאָסן בלוט ניט נאָר ביי פאַרטיידיקונג". (פרק לח). ער וואָרנט דעם יידישן סאָלדאַט וואָס איז געצוואונגען צו שיסן ער זאָל לכל הפחות ניט שיסן אויפן ברודער, ווייל מיט דעם איז ער עובר אויפן גרונט־פּרינציפּ פון דער תורה, שפיכות דמים, וואָס מען מוז לויטן דין בעסער אַליין גערהגעט ווערן און ניט טויטן יענעם" (ל"ח).

אַ היבשן טייל פון ספר ווידמעט דער חפץ חיים צום ריין רעליגיעזן טייל פון מלחמה מאַן, פון קריגערישן סאָלדאַט. ער

הייסט זיי אָפּהיטן שטרענג די געזעצן פון דער תורה, ניט אָפּשערן די באָרד און פּיאות, ניט עסן קיין טריפה, ניט פאַרשווועכן דעם הייליקן שבת און אַ סאָלדאַט זאָל ברענגען זיין ברודער צו קבר ישראל.
דער צווייטער טייל איז געווידמעט צום סאָלדאַטס מאָראַלישע און סאָציאַלע אויפפירונג. „דער סאָלדאַט — שרייבט דער חפץ חיים — דאַרף זיך דערווייטערן פון עבירות, פון גזילה סיי פון אַ ייד, סיי פון אַ גוי, און פון אַלע מענטשן ווייל די גאַנצע תורה איז געגעבן געוואָרן כדי צו היילקן זיין גרויסן נאָמען און זאָגן זיין כבוד צווישן די פעלקער".

אַנדערע קאַפּיטלעך ווידמעט ער קעגן קאָרטן שפּילן, „צו דער שאַנדע פון שכרות", און וועגן זיך ניט אויפפירן מאָראַליש מיט פרעמדע פרויען. דערביי באַטאָנט ער יעדן מאָל, אַז כאָטש אַ יידישער סאָלדאַט דאַרף זיין לאָיאַל צום קייסער, זאָל ער אָבער ניט עובר זיין אויף די געזעצן פון דער תורה און זיך היטן שטרענג פון די דריי גרונט זינד אין דער תורה — עבודה זרה, גילוי עריות און שפיכות דמים. (דינען די פרעמדע רעליגיע, זיך ניט אויפפירן מאָראַליש מיט אַ פרוי, און פאַרגיסן בלוט). ער אַפּעלירט אויך צום זעלנער „אויב ער זעט ווי זיין חבר ליידט, איז די גרעסטע מצוה אים צו טרייסטן און שטאַרקן, ער זאָל ניט זיין ביי זיך געפאַלן, רייד אויף זיין האַרץ אַזוי לאַנג, ביז ער וועט אויסוועפן זיין שמערץ, ער זאָל חלילה ניט קראַנק ווערן פון זאָרג. דאָס גייט אַריין אין כלל פון „האָב ליב דיין חבר ווי זיך אַליין".

אַזוי האָט דער חפץ חיים געלערנט דעם סאָלדאַט צו טאָן גוטס און ער האָט ניט יוצא געווען מיט בלויז שרייבן דעם ספר. נאָך אין די יאָרן פון קריג איז ער אַרומגעפאָרן איבער די רוסישע שטעט און האָט געגרינדעט קאָמיטעטן צו שאַפן שטיצע פאַר די יידישע מיליטערישע לייט. איין געזעלשאַפט וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט שאַפן שטיצע פאַר דאָס יידישע מיליטער, האָט געהייסן „קעסל כשר", און אַ ספּעציעלע תפילה האָט ער געשאַפן פאַרן סאָלדאַט איידער ער גייט אין קריג.

„איך בעט דיך גבור, די פאַרשער פון דיין איינציקייט, היט זיי ווי דעם אַפּל פון דער אויג. און ראַטעווע מיך פון איסור פון פאַרגיסן דאָס אומשולדיקע בלוט פון מיינע ברידער, די מיליטערישע לייט און זאָלסט ווערן פול מיט רחמים אויף מיינע ברידער, וואָס געפינען זיך אין גרויס סכנה און זאָלסט מיך באַשערן איך זאָל זוכה זיין צו קומען צו קבר ישראל. מיין קערפּער זאָל חלילה ניט זיין הפקר פאַר די חיות פון פעלד און פויגלען פון הימל. און איך בין מוחל במחילה גמורה אַלע וואָס האָבן געזינדיקט קעגן מיר". (לט).

דער „חפץ חיים", האָט זיך ניט באַנוגנט מיט שטאַרקן די פרומקייט און מאָראַל אין דער פאַרפעסטעטער אַטמאָספערע פון דער מלחמה, נאָר האָט אויסגעדריקט זיין מיינונג וועגן דער גרויסער סכנה וואָס מלחמה טראָגט פאַרן יידישן פאָלק.

אין אָנהויב פון יאָר 1916, ווען דער חפץ חיים איז געווען פאַרטריבן מיט זיין ישיבה צוליב דער דייטשער אָקופּאַציע, אין סמילעוויטש, ווייס־רוסלאַנד, איז איינמאָל אין אָוונט זיינען גע־קומען צו אים סאָלדאַטן נעמען אַ ברכה פאַר זייער גיין אויפן שלאַכטפעלד. דער אַלטער האָט געוויינט און געזאָגט:

„... ס'זיינען אַמאָל אויך געהרגעט געוואָרן אַ סך יידן, אָבער כאָטש אויף קדוש השם. איך וואָלט אויך געגאַנגען אויף קדוש השם. אָבער צו וואָס ווערט מען היינט געהרגעט? וואָס פאַר אַ זין האָט אַזאַ טויט? וויפיל ווערן דאָס געהרגעט און וויפיל בלייבן קאַליקעס, און די וואָס וועלן בלייבן געזונט וועט אין זיי איינ־געפלאַנצט ווערן רציחה. עס וועט אויסוואַקסן אַ דור פון רוצחים און בלוט־פאַרגיסונג וועט ווערן הפקר".

נאָכן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה איז צום „חפץ חיים" געקומען הרב מאיר ק... וואָס איז ספּעציעל געשיקט געוואָרן פון הויפּט קאָמיסאַר פון דער רוסישער אַרמיי אין ווילנער ראַיאָן צו בעטן אַ ברכה פונם באַרימטן „הייליקן מאַן", אַז די רוסישע סאָל־דאַטן זאָלן אָפּהאַלטן אַ זיג איבער די דייטשן. דער רוסישער גע־

נעראל האט דעם רב מיטגעגעבן הונדערט רובל פאר הוצאות. דער „חפץ חיים" האט זיך געהיט פון צו געבן א ברכה. ער האט דעם רב מאיר ק... אפגעפטרט מיט א „נו"... אלס ענטפער אויף זיין בקשה. צו זיינע מקורבים האט דער „חפץ חיים" באמערקט: „ווי אזוי קען איך געבן א ברכה אויף בלוט־פארגיסונג"...

אזוי האט דער „חפץ חיים" פאראויסגעזאגט די לאגישע קאנסעקווענצן פון מלחמה. אזוי האט א פרומער ייד פארשטאנען דעם גאנצן פראבלעם פון קריג.

אט דאס איז יידישקייט, די יידישע אמונה.

# אינהאַלט:


אַנשטאָט אַ הקדמה — — — — — — — — — — — — 3—6

אַ פּאָר ווערטער — — — — — — — — — — — — — 7—8

די יידישע אידעאָלאָגיע אַלס סאָציאַלע אידעע — — — — — — 9—13

יידישקייט און מאַרקסיזם — — — — — — — — — — — — 14—35

יידישקייט און די סאָציאַלע רעוואָלוציע — — — — — — — — 36—42

קעמפּער און היטער — — — — — — — — — — — — — 43—44

אין באַגינען פון דער סאָציאַלער דערוואַכונג — — — — — 45—49

ר׳ סעדיה גאון און דער רמב״ם — — — — — — — — — 50—53

רש״י דער מאָראַלישער גאון — — — — — — — — — — 54—70

דן יצחק אַברבנאל און די דעמאָקראַטישע אַנאַרכיסטישע אידעע 71—74

ר׳ חסדאי קרשקש און זיין מאָראַל פילאָזאָפיע — — — — — 75—94

דער ספר חסידים — זיין סאָציאַל מאָראַלישער באַדייט — — 95—98

סאָציאַלער יושר און רבנישע שאלות ותשובות — — — — 99—101

דער מהר״ל מפּראָג און זיין לערע פון פעלקער־מאָראַל — 102—111

ר״ שניאור זלמן און זיין סאָציאַלע עטיק — — — — — — 112—120

ר׳ עקיבא אייגער — פאָטער פון באַעוולטע און אונטער־
דריקטע — — — — — — — — — — — — — — 121—125

דער חתם סופר און זיינע סאָציאַליסטישע געדאַנקען — — — 143—142

דער מלבים — רעליגיעזער דענקער און סאָציאַלער קעמפּער 143—157

דער חפץ חיים און זיין באַציאונג צום קריג — — — — — 158—166

לזכרון נצח

לנשמת הרבנית הצדיקת

רודפת צדקה וחסד

# בילה קאנאריק ע״ה

אשת הרב הגאון ר׳ זלקי קאנאריק ז״ל

.... נפתרה הושענה רבה הת״ש

משפחתה

מר. און מרס. קאַנאַריק

מר. און מרס. קאַנאַריק

מר. און מרס. דאַנקאָוויץ

מר. און מרס. העקלער

מר. און מרס. שילער

מר. און מרס. סיימאָן

מרס. מאָרגענשטערן